STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01433

OYF RUSHTOVANYES

Shmuel Izban

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אריך רושטשוואַניעס

סאראַן — א מתנה

ש. איזבאַן

אויף רושטאָוואַניעס

פאלעסטינער דערציילונגען

„ליטעראַרישע בלעטער" — ווארשע [redacted]

Printed in Poland

S. Izban — Ojf Rusztowanies

Nakładem
„Literarisze Bleter“

זעצעריי „רימון“, ווארשע נאָוואָליפקי 7

Druk. „Grafia“, Nowolipki 7

אַ חלוץ

אויף דער מויער האָט שמעון פאַרגעסן אָן שלאָף. אין איין האַנט די קעלניע, אין דער צווייטער — אַ פּירעקיקער פאַלירטער גראַניט־שטיין און פאַר די פּיס אַ שאָף מיט ליים. שמעון האָט געמויערט אַ שיכט אויף אַ שיכט, אַליין זיך וואונדערנדיק, ווי גיך די וואַנט וואַקסט אים אַריבער. דאָס, וואָס ער האָט מיט אַ נאַכט פריער קיין אויג נישט צוגעטון, האָט אים ווייניק געאַרט. כּוחות, וואָס יוירן איבער אַלע אברים, וואָס ריינען דורך די מוסקולן, האָבן אים געוועקט, פאַרזיכערנדיק, אַז שושנה האָט זיך אים פאַרקויפט. זי איז זיינע, ווען אַפילו איר טאַטע, דער פּרדסן*) איז דאַקעגן.

אינם אָנגעהייצטן פרימאָרגן האָבן אַלע געהאַלטן מיט אים. די טאַבאַרטשיקעס, די אייזן־בויגערס, די מויערער, אפילו דער קבלן. הינטער אים — דער באַרג כּרמל. פאַר אים — דער ארויפגעטורעמטער הדר, וואָס האָט זיך געשפיגלט אין די אָפענע, בלויע ים־דעקעס. און שמעון, משוגע פון פרייד, האָט געהאַט גאַנץ הינטער־חיפה אין דער אדמה.

די גבורה אין די פּלייצעס און אין די פּיס האָט אים נישט געלאָזט איינשטיין. ער האָט זיך אַ קער געטון צום מויערער, וואָס האָט געקלעבט אַ צווייטע וואַנט, וועלנדיק אים אויספּויקן, ווו ער האָט געבטן מיט זיין מיידל פאַרבראַכט, געווען אין זיבעטן הימל. די צונג האָט זיך אָבער נישט געדרייט. ער איז געווען פעסט ביי זיך, אַז דער כּאַמולע, דער פאַרקאָפּטשעטער קאָפּ, וועט אים נישט פאַרשטיין און דאָס ליכטעניש איז געבליבן אויפן אייגענעם פּנים.

נחמן, אַ טאַבאַרטשיק, וואָס האָט געריטן אויף אַ „קרעש''

---

*) פלאַנטאַטאָר.

און צוגעגרייט א טאבארע אויף א בעטאָן־גאַרטל, האט ארויסגענו־
מען דעם טשוואָק, וואָס ער האָט געהאַלטן אין מויל, האָט אים אַריינ־
געקלאַפּט אין א צווייצאָליקן ברעט און באַטראַכט שמעונען!

— וואָס שיינסטו אַזוי, בנאי*) מיינער?

— כ'האָב ליב א מיידל.

— דאָס גאָר? — האָט נחמן געקוועטשט מיט די פּלייצעס — און פון דיר זאָל דאָס אויסוואַקסן א מויערער, א מומחה?

— וואָס ווייסטו, זקן — האָט שמעון ארויפגעקוקט צום טאַ־באַרשטשיק — דו קענסט אויסקומען איבערן טאָג מיט צוויי גלע־זער לבן **), א באַלאַן גאַזאָז און א זיצונג אין דער מועצה.

— און דו וואָס ברויכסט, אַבּיסל פייער, האָ? — האָט נחמן געשמאַקעט מיט די פאַרבּרענטע ליפּן — ווערסט לאַכן, אָבער איך זאָג דיר, ליבע־שמיבע, ס'גייט דורכן מאָגן ווי יערעס אַפּפיר־מיטל.

— שמעון! — האָט דער מויערער ביי דער צווייטער וואַנט א רוף געטון — גיב נאָר א נעם די וואַסער־וואָג אין האַנט אריין. די אויבערשטע שיכט איז קרום.

— אַז דאָס אַרבעט מיט היץ אין קאָפּ — האָט דער טאַבּאַר־שטשיק אריינגעקלאַפּט נאָך א טשוואָק אין קרעש אריין.

— זאָל אָנקומען דער אינזשיניער, פליט ער פון דער מויער!

— איר הערט, חברה? ווי אַט דאָ וועט ארויסוואַקסן האָר — האָט גלעדי, אַן אייזן־בויגער, אָנגעוויזן אויף דער געעפנטער האַנט־פלאַך — אַזוי וועט ער חתונה האָבן מיט שושנהן.

— וואָס, ס'מיידל האָט אים נישט ליב?

— וואָס מיר מיידל? און דער טאַטע האָט שוין גאָרנישט קיין דעה? כ'קען דעם אַלטן כּנעני, כ'ווייס זיינע אַפּעטיטן. קיין קלענערן ווי דעם נציב־העליון וויל ער נישט פאַר קיין מחותן.

— אַז מען האָט שושנהן פאַר א טאָכטער, מעג מען זיך פאַר־גינען דעם נציב פאַר א מחותן אויך! וואָס, שמעון? — האָט דער שכן, דער מויערער אים אריינגעבּיקעט אין פּנים אריין.

---

*) מוירער.

**) זויער־מילך.

אונטן פאַרן בנין איז געשטאַנען אַ מיידל, מיט אַ קיילעכדיקער פיגור. די נאַקעטע אָרעמס, די טאַליע, דאָס געזעס — אַלץ איז ביי איר געווען אַזוי פול, אויסגעבעט, אַז חברה האָבן פון גרולה אָראָפּ־געגאַפט פון די רושטאָוואַניעס, ווי אויף אַ בייז וווּנדער.

ס׳ווינטל, וואָס האָט געפּאַטשט פון רעכטס, פון לינקס, האָט אויף אַ ווייל אונטערגעהויבן ביים מיידל ס׳קליידל, אַפּדעקנדיק אירע ברוינע פיס ביז איבער די קניען. דער טאַבאַרשטשיק האָט זיך אָנגעבאַלעקט. ער האָט פאַרמאַכט דאָס לינקע אויג, אַ טשמאַקע געטון מיט די ליפּן און געשטויסן שמעונען.

— נו, וואָס זאָגסטו, מומחה? מען קען לעבן, נאָר מען לאָזט נישט!

אין שמעונען האָט זיך געוועקט ס׳קודחת. ער איז גרייט געווען אַ וואָרף צו טון די חברה, די וואַסער־וואָג, די קעלניע, אַפּילו אַ טוץ פּאַלירטע שטיינער אין די קעפּ אַריין, אויב זיי וועלן נישט אויפ־הערן. מיט איינגעהאַלטענעם כעס האָט ער זיך געבעטן:

— לאָזט אָפּ, חברה.

— אַפּלאָזן גאָר? — האָט גלעדי נישט באַשטאַנען. — איך הויב אָן פון „מה־טובו״. הערט איר, בחורים? שמעון איז גאָרנישט קיין יאָלד. ער האָט אָן אויג. דעם אַלטן כּנעני צו האָבן פאַר אַ שווער, דאָס בלויז איז שוין אָן איינפאַל. דרייסיק דונאַם פּרדס, אַ משק, פּלעצער אין מפּרץ־חיפה — דאָס אַלץ גייט נישט צופוס.

— אַ בלבול, גלעדי — האָט דער טאַבאַרשטשיק אַראָפּגע־קרייט — כ׳קען שווערן, אַז שמעון האָט נישט אין דער לינקער פּאה אַפּילו דעם נדן, דעם אויסשטייער, דעם פּרדס... ער וועט נעמען זיין מיידל אין איין העמד.

דאָס עם־הארצישע געלעכטער, וואָס איז געקומען פון אַ מנין געעפּנטע פּיסקעס, האָט שמעונען אַזוי באַליידיקט, אַז ער איז אַרי־בערגעשפּרונגען דעם שאַף מיט ליים און זיך געגאַנגען פאַרמעסטן מיט די חברה. און נישט אַזוי ווייט אים האָבן זיי באַליידיקט, ווי זיין מיידל. ווי קומען זיי צו איר, די „זשלאָבעס״? אויב קיבעצן — טאָ אים אַליין. נישט אין זייערע פּיסקעס דאַרף ליגן שושנה. די רציחה האָט זיך נישט געלאָשן. ער האָט געשרויפט די פויסטן,

באַלד האָט ער אַ שפּיי געטון. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט און זיך געלאָזט מיט די הילצערנע טרעפּ.

נחמן איז אים נאָכגעקראָכן.

— און וואָס רעגסטו זיך אויף, שמעון? גלעדי איז געדעכט. פּאַרוואָס טאַקע נישט אַ טראַכט טון אויף שפּעטער? גלויב מיר, וואָס וועט פון אונז ווערן נאָך צען יאָר אַרבעטן ביי מויערעריי? קריפּלס! אַזוי איז כאָטש דאָ, אי אַ פּאָר פעטע קעסט־יאָר, איז ס'איז דאָ אָן וועמען זיך אָנצושפּאַרן...

שמעון איז שוין געווען אונטן אויפן שאָסיי. נחמנס „פּראַקטישע" רייד האָבן אים נישט איבערגעבעטן, נישט צוריקגערופן. ער איז דורכגעקראָכן צווישן די צוגעפּרעסטע זעקלעך צעמענט, וואָס זענען געלעגן פאַרן בנין. ער איז פאַרבייגעגאַנגען די קאַלך־גרוב. צוויי קאַלך־לעשערס האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אָן די מישערס און פאַרוואונדערט אים נאָכגעקוקט. שמעון האָט אַ גלייכגילטיקער געפּאַכעט צו זיי מיט דער האַנט, און געמיינט האָט עס — כ'האָב אַלץ אין דער אדמה.

ער האָט געשפּאַנט איבערן שאָסיי פאַרויס, געשפּאַנט וואָס אַמאָל העכער, גיכער און געבליבן שטיין דאָרט, ווו די פאַרבויטע גאַסן, די צעוואָרפענע גראַניט־געביידעס ענדיקן זיך, און דער מעבטיקער באַרג־מדבר צעפּאַלט זיך. פון אויבן האָט דער הדר־הכרמל זיך געפּאַלדעוועט און געווען צעשאָטן אין איינצלנע בערג. דאָ גרינהאַריקע, דאָרט נאַקעט־פעלזיקע. אין דער ליידיקייט האָבן די קאַנטן פון די בערג זיך אויסגעשפּיצט ווי קעמל־האָרבן. שמעון האָט זיך אומגעקוקט. ווו שפּאַנט ער? וווהין לויפט ער? און אַז חברה האָט אים געקיבעצט, דאַרף ער וואַרפן די אַרבעט? און ווען שושנה זאָל אים איצט טרעפן, האַ?

די ניכטערקייט האָט צוריקגערופן, אונטערזאָגנדיק, אַז אַזוי האַנדלט אַ „צוציק", נישט קיין דערוואַקסענער. שמעון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון באַרג. די זון האָט געהייצט. גייענדיק איז ער געווען אַזוי פאַרטאָן מיט זיך, אַז ער האָט קיינעם נישט געזען פאַר די אויגן. אַראָבער אויף קעמלען, אַראָבער אויף אייזלען האָבן זיך געשלעפּט אויף זייטיקע וועגלעך, וואָס זענען געווען אויסגעפּלאַסטערט

מיט שפיציקע שטיינדלעך. פון ביידע זייטן שאָסיי האָבן יידישע אַרבעטער, קנאָכיקע, אויסגעבאַקענע, פיאַשירט די ערד, איינגראָבנדיקע דיקע וואַסער־רערן.

א טשאַטע פאַרשלייערטע אַראַבערקעס זענען אָנגעקומען. די אַראַבערקעס מיט וואַסער־קרוגן אויף די קעפּ, די געפּאַרבטע הענט פאַרלייגט אַרום די העלזער, האָבן זיי געשפּאַנט פאַרויס מיט דער בויגיקייט און זאַכטקייט פון דראָטן־גייערינס.

שמעון איז שוין געווען אויף דער הערצל־גאַס. צוריקגיין אויפן בנין האָט ער זיך געשעמט. מ׳וועט אים אויסלאַכן. און ס׳איז אים מיטאַמאָל איינגעפאַלן, ער וועט זיך אַריינכאַפּן צו שושנהן. וואָס וועט זי זאָגן אויף אַזא וויזיט אינמיטן העלן טאָג? דער געדאַנק, אַז ער איז אויסגעשמירט, טראָגט די אַרבעטס־קליידער, האָט אים צוריקגעהאַלטן. און ווי שמעון האָט זיך אַזוי געדרייט, נישט ווייסנדיק וואָס מיט זיך צו טון, איז ער דערוויל פאַרקראָכן געסל־איין, געסל־אויס, און אָט שטייט ער שוין פאַרן טעכניקום־גאָרטן.

אַן אָפענע טעראַסע פון אַ שמאָל הויז, וואָס הינטערן טעכניקום, האָט שמעונען גערופן. און נישט אַזוי די טעראַסע, ווי די געעפנטע פענסטער די קנופּן בלומען אַרום די פענסטער האָבן שמעונען געצויגן, איינרעדנדיק, אַז שושנהס צימער איז אַן איינלאַדונגס־אָרט, גרייט אויפצונעמען אים, שמעונען, יעדע שעה. א דריי פאָרויס, א דריי צוריק און ער איז שוין געשטאַנען אין הויף.

שמעון האָט געזוכט א באַהעלטעניש אַרום די קלעטער־פלאַנצן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אונטער אַ פּאָמעראַנצן־בוים. ער האָט געטרעטן איבער די יונגע צווייגלעך, וועלנדיק אויסמיידן ס׳באַגעגעניש. אוים בושה ווידער זיך אויפגעהויבן און זיך געלאָזט לויפן.

א קול ווי א צעקלימפּערט גלעקל האָט אים געזוכט צווישן די בושעס. ס׳קול האָט אים פאַרהאַלטן ביים טויער.

— שמעון?

— האָסט מיך געפּאַקט! — האָט שמעון א פאַרשעמטער זיך געלאָזט צום פענסטער.

שושנה ווי אַ יונגער עוקאַליפּטוס, שטייף, הויך. דאָס רויטע געפּינטלטע קליידל אָפּגעמאָסטן, די העלע הוי־האָר פאַרנומען מיט אַ

גרין זיידן בענדל, איז זי געשטאַנען אין אָפענעם פענסטער, ווי אַ פּאַר־טרעט. אויס נייגיריקייט וואָס שמעון טוט דאָ אינמיטן טאָג, האָט זי זיך אַריבערגעבויגן איבערן פענסטער און געזען ווי ער שטויבט אָפּ אויף זיך די שיך, די הויזן.

— אַרבעטסט נישט?

— כ'האָב עס אין דר'ערד! — האָט שמעון אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— ניין, מיין יונגל, שושנה וויל נישט אַזוי — האָט איר קול ווידעראַמאָל זיך צעגלעקלט.

— וואָס וויל נישט שושנה? — האָט שמעון פאַרגעסן, דאָס ער איז אויסגעשמירט, פאַרשטויבט און זי אָנגענומען פאַר די שפּיצן פינגער.

— שושנה וויל נישט, איר יונגל זאָל זיין אַ פּוילער.

— איך בין אַ פּוילער?

— אַז מען וואַרפט אינמיטן טאָג די אַרבעט, איז מען אַ פּליי־סיקער?

זי האָט אים אָנגענומען פאַר דער גאָמבע, אַזוי נאָענט צו אים זיך איבערגעבויגן, אַז אַ סטאַק הייהאָר איז אים געפאַלן אין פּנים אַריין. זי האָט אינגאַנצן געלויכטן:

— האָסט זיך צעקריגט מיט די פּועלים?

— צוליב דיר.

— אויף אַן אמת? נעמסט זיך אַזוי איבער צוליב מיר?

— געווים.

— טאָ פאַרוואָס לאָזסטו, מען זאָל מיך באַליידיקן אין שטוב?

ווי אַן אָפּגעברימטער איז שמעון אַ שפּרונג געטון איבער דער גראָז־פּלאַך. ער האָט אַרויפגעקלעטערט אויפן פענסטער און זייער פאַרזיכטיק, ווי זי וואָלט געווען אויס פאָרצעלאַן, האָט ער זי אַרומגענומען פאַר דער טאַליע.

— ווער באַליידיקט דיך, דער טאַטע?

— יאָ — האָט זי אַראָפּגעלאָזט די בויגן־ברעמען — ס'שטייט אים נישט אָן, כ'זאָל חתונה האָבן מיט אַ חלוץ.

— וועל איך נאָך היינט מיט אים רעדן, גוט שושנה?

— רעדן איז ווייניק. מען דאַרף טון.

— וואָס מיינסטו?

— כ'מיין, אויב דו ביסט אַ דרייסטער בחור, און ליב דיין מיידל האָסטו אויך — איז שושנהן עפּעס געבליבן שטעקן אין האַלז.

זי האָט אים אָנגעקוקט. די ליפּן ווי קישעלעך פֿאַרקוועטשט. אין די אויגן אַזוי פֿיל געבעט און טרויער, אַז זי האָט זיך שיִר נישט צעוויינט.

— כ'וויל אַוועק מיט דיר.

— דאָס אַליין? — איז שמעון פֿון צערודערטקייט, פֿון פֿרייד שיִר נישט ווילד געוואָרן — קום שוין צום טאַטן, מען זאָל זיין אין דעם הילוך, קום!

ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פֿון פֿענסטער מיט אַזאַ פֿלינקייט, ווי מען גנבעט אַרויס אַ כּלה, אַ שעה פֿאַר דער חופּה. שושנה איז אים נישט נאָכגעגאַנגען. זי האָט מיטגעשוווּמען. דער וועג האָט געפֿירט צו אַ דריי־טרעפּל־טעראַסע, הינטער דער טעראַסע אַ טרעפּן־הויז. דערנאָך אַ טיר, אַ קאָרידאָר. שושנה האָט אים נישט קיין צייט גע־געבן זיך צוצוגרייטן. זי האָט אַ דרוק געטאָן אויף דער קליאַמקע. זיי זענען געשטאַנען אין פֿאָטערס צימער.

דער פֿאָטער אין די פּופּציקער, פֿויל, באַלייבט, מיט אָנגעפּלומפּ־טע פּלייצעס, איז געזעסן ביים שרייב־טיש מיט אַ נייעם פּלאַנטאַציע־קאָנטראַקט אין האַנט. ביי זייער אַריינקומען האָט ער זיך אויפֿגע־שטעלט. ער האָט בעסער אָנגעזאָטלט די ברילן אויפֿן חוטם, אַ קוק געטון אויף שושנהן, דערנאָך איר אַקעגן געגאַנגען און אָנגעוויזן מיט אַ פֿינגער אויף שמעונען:

— ווער איז דער חלוץ?

— דאָס איז מיין בחור — האָט שושנה אַ פֿאַרביסענע אויס־געשאָסן.

— וואָס איז ער דיינער? — האָבן ביים אַלטן ספּאַזמירט די אויגן — דיין בחור? האָסטו, הייסט עס, דיר אָפּגעזוכט פֿאַר אַ באַ־שערטן אַ מוליער?

ער האָט צוזאַמענגעלייגט דעם פּלאַנטאַציע־קאָנטראַקט, מיט־

ווייסן גאָז־טיכל איבערגעווישט די ברילן־גלעזלעך, בעת די שפּיציקע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין שמעונען:

— געזען איך ביז היינט, יונגערמאַן, האָב איך נישט. אָבער געהערט וועגן אייך — יאָ. וויל איך אייך דאָ זאָגן בקיצור, אויב איר מיינט טאַקע מיך צו צווינגען, כ׳זאָל אייך אוועקגעבן מיין טאָכטער, זייט ווייסן, אַז ס׳גייט נישט אַזוי לייכט ווי ס׳פּלאַנט זיך. אוסישקין האָט פאַלש געזאָגט. נישט שטענדיק קען אויספירן בלויז דער רצון. און אויב מיט געוואַלט, בין איך אַ טאַטע אויך! דערצו אַ האַרטע נוס! איר וועט האָבן צו טון, יונגערמאַן, מיט מיר, מיטן אַלטן כּנעני!

— אויב אַזוי גיי איך פון דאַנען! — האָט שמעון נישט אַזוי אויס שרעק, ווי אויס שנאה צום באַלעבאָס, זיך געלאָזט צו דער טיר.

— איך גיי מיט! — איז שושנה מיט צעשפּרייטע הענט צוגעפאַלן צו שמעונען.

— ווער גייט מיט? דו? — איז דער אָנגעקרעפּטער כּנעני געבליבן אָן לשון, אָן באַרווע.

דער קלאַפּ פון יענער זייט טיר האָט דעם אַלטן צוריקגעבראַכט צום גלייכגעוויכט.

ער איז צוגעלאָפן צום פענסטער. דורכן גאָרטן־טויער האָט שמעון אַרויסגעטראָגן שושנהן אויף די הענט, ווי מען טראָגט אַ קראַנק קינד.

כּנעני האָט געוואָלט אַרויס, נאָכלויפן, צוריקברענגען די טאָכטער. ער האָט זיך אַ וואַקל געטון. דער פּלאַנטאַציע־קאָנטראַקט איז אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. און דאָס גאַנצע געשטעל — אַ מאַסיווע, אָנגעפּאָמפּעטע פיגור — האָט געזונקען צו דער ערד.

ארעסטירט

ווינקלער איז ארויס פון די טונקעלע געסלעך. יפו איז געווען הינטער אים. ס׳האט געשטונקען. די ריחות פון געפרעגלטן בוימ־איל און געבראטענע פליישן, וואס האבן זיך געטראגן פון די אפענע אראבישע אכסניות, האבן געשטיקט דעם אטעם. א בלינדער שערער האט געגאלט אין דער אפענער טיר פון זיין פריזירעריי. אן אלטער פרוכט־הענדלער האט געצויגן מיט זיין שטופ־וועגעלע דורכן געסל. ער האט זיך אפגעשטעלט פאר יעדער גאס־לאמטערנע און אויסגערופן אויף צוגעפוילטע „מיש־מיש״, אויף פארגעלטע וועגעלעך וויין־טרויבן. דא א ליס, דארט א דורכגאנג און ס׳פינסטערניש האט געפרעסט. א האלבע לבנה, עטלעכע שטערן ווי אויף א טערקישער פאן, האבן געשטופלט דעם הימל. דורכן געסל האבן זיך געטראגן א פארטיע שכורע אראבער, בארוועסע, אין ברייטע כאלאטן, טשאלמעס אויף די קעפ, ווי א באנדע פיראטן, זיי האבן פול געמאכט דעם ליק מיט זייער אומגעהויער געלעכטער.

ווינקלער האט זיך אפגעשטעלט. ער איז געשטאנען פאר א נידעריקן מעטשעט. די ברייטע קופאלן האבן געזונקען, ווי זיי וואלטן געווען ארייננגעלאזט אין דר׳ערד. ארום איז געווען פינסטער. אנטקעגן האט זיך ארויסגעהויבן א טונקעלער אכט־עקיקער בנין, וואס האט דערמאנט דעם עשתרות־טויער פון בבל. קיין דורכגייער, קיין האפן־טרעגער. און די שטומקייט, וואס איז געקומען פון די שטיינער און אפגעשיילטע מויערן, האט געקלעמט.

ווינקלער האט זיך נישט פארטראכט, צו וואס ער בלאנדזשעט אין די יפוער געסלעך. ער באהאלט זיך דאך אויס פאר „מוסרים״, פאר געהיים־אגענטן, וואס ווילן אים פאקן פאר א „נישט־לעגאלן״.

טאַ צו וואָס דאַס וואַנדערן אין דער הינטער־שטאָט, ווען ס׳זיצן אַ גאַנץ שטוב איז זיכערער?

ס׳לאַנד אַרום קאָכט, ס׳בריט. שיפן שפּייען אויס מחנות טור־ריסטן, עולים. יידן ווערן אויסגעוואָרצלט פון דער אַלטער היים, זיי גייען אונטער. און דאָ מוז מען „שוואַרצן" די גרענעץ ווי קאָנטראַ־באַנדיסטן. ס׳איז אַ שפּיל אין באַהעלטעניש. נישט ווי אין די צייטן פון כּורש. דעמאָלט האָט דער געדאַנק פון שיבת־ציון באַגייסטערט יונג און אַלט. פראַנק און פריי איז ס׳פאָלק געגאַנגען דעראָבערן די פאַרלוירענע פּאָזיציעס. צוריקנעמען ס׳אייגנס. און איצט?

ווינקלער האָט נישט אָנגענומען די הנחה, דאָס באַלפור איז אַ נאָכפאָלגער פון כּורשן. וואָס פאַרא פאַרגלייך? כּורש האָט נאָכן איינגעמען בבל פונאַנדערגעשיקט איבער דער מלוכה זיינע העראָלדן מיט שריפטלעכע עדיקטן, נישט צו שטערן, יידן זאָלן צוריקגיין נאָך ארץ־ישראל. כּורש האָט אַליין געשטיצט די יידישע „עליה". און באַלפור? באַלפור איז גלייך נאָכן געבן די דעקלאַראַציע אַנטשוויגן געוואָרן, מיטן שוויגן נאָך געשטערט די עליה, שלום געמאַכט מיט די אימפּעריאַליסטישע מאַכטהאָבער. און היינט, כּמעט צוויי יאָר־צענדליק נאָכן איבערנעמען דעם מאַנדאַט, איז ס׳געיעג נאָך „עו־לים", נאָך „טוריסטן", נאָך „אומלעגאַלע" איינוואַנדערער אין פולן לויף.

ווינקלער האָט נישט איינגעשטימט, אַז געשיכטע איז פול מיט ווידערשפּרוכן. טאָ צו וואָס די אַכצן יאָר ענגלאַנדס מאַנדאַט? צו וואָס דער זיג פון ציוניזם? צו וואָס דאָס אַלץ, ווען דאָס צוריקגיין נאָך ארץ־ישראל איז געשטעלט נישט אויף רעכט, נאָר אויפן הע־שערס חסד. ווינקלער האָט פאַרגליכן די מאַנדאַט־מאַכט מיט דער רוימישער אימפּעריע. דאָ, אַרום די מויערן פון אַלט־יפו, איז פאַר אים געשטאַנען דאָס ארץ־ישראל נאָכן פאַלן פון בית־ר. האַדריאַן פאַרטיליקט די יידישע חיילות. סעווערוס דערשטיקט דעם אויפ־שטאַנד. יידן לויפן נאָך בבל, יידן לויפן נאָך אַראַביע, שיצן זיך פאַרן אימפּעראַטאָרס שווערד. און די, וואָס קענען נישט אַריבערשפּרייזן די גרענעצן, ווערן דערטרונקען אין אייגענעם בלוט, אין יהודה.

דער געדאַנק האָט ווינקלערן ניכטער געמאַכט. דער געדאַנק האָט

אים געמאכט פארגעסן, אז ער קען בלייבן אן ארבעט. ער האָט זיך נישט געקענט שענקען, וואָס די באַלעבאָסטע טרייבט אים אין די אוונטן פון צימער. זי האָט מורא פאר א מסירהלע, פאר א פאָליציי־איבערפאַל. און אז מען וועט אים פאַקן, איז ער אן אפגעפארטיקטער. פון פאָליצייאמט איז דער וועג גלייך צו דער שיף, צוריק קיין פוילן.

פאר ווינקלערן וואָלט געווען א גזירה, ס'צוריק קומען אין פוילישן שטעטל, אין דלות. א דערשלאָגענער איז ער פון דאָרט געלאָפן, צוזאמען מיט הונדערטער, מיט טויזנטער אזעלכע „אומלעגאלע" ווי ער. דער וועג איז נישט געווען קיין קפיצת־הדרך. דער וועג האָט זיך געשניטן איבער וואסער, איבער יבשה. און ווי נאָ־ ווינקלער האָט אראָפגעשטעלט א פוס אין יפוער האַפן, לויערן אויף אים פון אַלע זייטן פארדעכטיקע אויגן.

ער האָט אריינגעדרייט אויף א זאַמדיקן וועג. א הייזעריקער גראַמאָפאָן האָט ארויסגעקרייעט פון אן אראבישן קאַפע־הויז. שטאָטישע אראַבער און פעלאַכן אין געשטרייפטע כאַלאַטן, אין אבאַיעס, זענען געזעסן אויף געפלאָכטענע פיס־בענקלעך. ווער ס'האָט געדרייט א טערקישע קאַווע, ווער ס'האָט געצויגן א נארגילע.

אפגעשליסענע לאַסט־ארבעטער זענען געזעסן איבער בינדלעך ווערפל און דאָמינאָ. באַלעגאָלעס האָבן געשפּילט אין קאָרטן. א באַרוועסער שיך־פוצער האָט געאַרבעט מיט די פוץ־באַרשטן ווי א פאָקוסניק. ער האָט ארומגעהאַלזט די לאַק־שיך פון א יונגן עפענדי, וואָס איז געזעסן א שטייפער, מיט איין האַנט געקלעמט א שווארצע וואָנסע און מיט דער צווייטער זיך געשפּילט אין א בייטשל בורשטין־קרעלן.

ווינקלער האָט געוואָלט זיך צוזעצן אין קאַפע־הויז, באַלד חרטה געהאַט און געטראַכט, אז דאָ האָט זיך גאָרנישט געענדערט. די אזיאַטישע פוילקייט גייט אָן. אזוי האָט מען געלעבט מיט פופציק יאָר, מיט הונדערט יאָר צוריק.

אן אראַבישער קצב, א געשטעל ווי א געזימס, איז פארבייגעגאַנגען. איין האַנט האָט ער געהאַלטן אויפן נאַקעטן חלף, וואָס איז געווען אריינגעשטעקט אינם בויך־באַנד, ווי א שטילעט. אינם פאַר־

שוואָלענעם, באַוואַקסענעם פּנים, אין די האָריקע הענט, אפילו אין גאַנג איז געווען די רציחה פון אַ וועג־רויבער. אַ געבויגענער וואַסער־טרעגער האָט דורכגעאײַלט מיט אַן אָנגעפּולטן לאָגל. פון די ים־געסלעך האָט זיך געטראָגן מיט אַ זשומעריי דער טויבער געקלימפּער פון קעמלען־קאַראַוואַנען.

אַ פּלעמל האָט ווינקלערן גערופן. דאָס פּלעמל האָט זיך געטיקט דורך אַ פאַרגלאָזטער טיר פון אַ אַראַבישן באַר. אַ פעט־לײַביקע אַראַבקע, די אָפּגעדעקטע אַקסלען, די אָפּגעדעקטע אָרעמס, באַהאַנגען מיט גאָלדענע האַלז־בענדער און בראָנזלעטן, איז געשטאַנען אין אָפענעם אַרײַנגאַנג. די בויגן־ברעמען, די אונטערגעמאָלענע וויעס, די גליענדיקע אויגן — האָבן געגלאָצט אַרויסרופעריש. זי האָט געוואָרפן שמייכלען צו די דורכגייער. ווינקלערן איז דערווידער געווען אַזאַ פרײַנטלעכקייט. ער האָט געוואָלט אויסמײַדן די פרײלעכע דאַמע, גיין ווײַטער. די מידקייט אין די קניען האָט געבראָכן. ער איז אַרײַנגעגאַנגען.

בײַם ערשטן טישל, וווּ ער האָט זיך צוגעזעצט, האָבן אים גלײַך אַרומגערינגלט צוויי טונקל־הויטיקע דאַמען. די אויגן — קוילן. אַרום די אויגן — אויסגעמאָלענע רייפן. די ליפּן, די ציין אַזוי פרעסעריש, אַז ווינקלער האָט זיך אַזש פאַרלוירן. ער האָט נישט אָנגענומען דעם שטומען אָנבאָט, וואָס איז געקומען פון זייערע אויגן. ער האָט זיך אַ רוק געטון מיט אַ שטול ווײַטער. פון דער עסטראַדע האָט געקלאַפּט אַ דזשאַז. אַ פראַנטישער יונגערמאַן, די ווײַסע הויז געפּרעסט, דער בלויער ראָק, דער שניפּס — אַלץ פאַרביק געפּוצט ווי בײַ אַ לעוואַנטינער, האָט פאַרנומען אַ שטול גלײַך אַנטקעגן ווינקלערן. ער האָט זיך געווענדעט צו אים אויף העברעאיש:

— קיין פרויען — פרײַנט, וואָס?

— ניין.

— דאָ אין אָריענט באַמיִען זיך די באַר־דאַמען צו אימיטירן די אייראָפּעאישע קורטיזאַנעס. עס האַרמאָנירט אָבער נישט. ס'איז נישט אין איינקלאַנג מיט דער טראָפּישער לופט, מיט דער ספערע, מיר, מערב־מענטשן זענען געוויינט צו טרעפן אין דעם ביבל־לאַנד דעם ביבל־טיפּ. אַ דבורה, אַ יהודית, אַ רות.

— פון וואַנען קומט איר? — איז ווינקלער געוואָרן צוגע־לאָזענער צום פרעמדן — אַ ספרדי?

— כ׳בין אַן אַרמענער.

— איר זענט נישט קיין ייד?

— דאָס וואָס כ׳רעד העברעאיש? כ׳קען סעמיטישע שפּראַכן. אונז אַרמענער און דעם יידישן פאָלק בינדט איין און דערזעלבער גורל... מיר האָבן נישט קיין פאָטערלאַנד און ווילן אויך, ווי איר יידן, אויפמאָנען ביי די פעלקער אַ נאַציאָנאַלע היים.

ווינקלערן איז קיל געוואָרן פון דער באַגעגעניש. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. אין באַר איז געווען אָנגעראויכערט. אַ שווערער נעפּל. דער דזשאַז האָט געפּויקט. דאָ און דאָרט אַראַבישע זונות. קעפּ געוויקלט אין טורבאַנען, אין קאַפּיעס, אין טערקישע פעס־קעס. מען האָט געצויגן פון נאַרגילעס. מען האָט געזופּט פון קופּ־לעס ביר. אַ שוואַרצער לאָקיי, דאָס פּנים — מולאַטן־הויט, איז פאַרביי־געגאַנגען מיט אַ טאַץ ביר - קרוגן. ווינקלער האָט אַראָפּגע־נומען איין קרוג פאַר זיך. דער אַרמענער האָט אים נאָכגעטון. ווינקלער האָט אַ זופּ געטון און געוואָלט פאַרענדיקן דעם שמועס.

— מען פאַרגינט אונז די נאַציאָנאַלע היים אויך נישט.

— כ׳ווייס. מען שמוגלט זיך אַריין אין לאַנד. ס׳העלפט נישט די היסטאָרישע רעכט. דער ייד, דער באַלעבאָס פון לאַנד איז נישט זיכער מיט זיין זייַ־אָרט דאָ.

— כ׳זע, איר נעמט זיך איבער מיט יידישע צרות — האָט ווינקלער אַ געשמאַקן זופּ געטון דאָס ביר.

— אייך איז בעסער. מען דערקענט גלייך—האָט דער אַרמענער געשמייכלט — איר זענט שוין מסתמא עטלעכע יאָר אין לאַנד?

— כ׳בין ערשט נישט לאַנג געקומען — האָט ווינקלער זיך אַרויסגעכאַפּט.

— אַ רוסישער?

— אַ פּוילישער.

— בין איך טאַקע נייגעריק אויף אייערע דאָקומענטן — האָט דער פרעמדער, אויפשטייענדיק, אַ זאָג געטון אין אַ טאָן פון אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר.

מיט ווינקלערן האָט עס אַ וואָרף געטון. דער פאַרדאַכט, אַז
ער זיצט פּנים אל פּנים מיט אַ „שפּיצל" האָט געמאַכט פּיבערן.
ער האָט זיך אויפגעשטעלט. מיט יעדן אויג־פינטל פון אַרמענער,
האָט דער חשד זיך באַשטעטיקט. אויף אַ ווונק האָט זיך אַרויסגע־
הויבן אַ ענגלישער פּאָליס, אַ הויכער, אַ קנאָכיקער. ווינקלער
האָט מיט די ציטערדיקע פינגער געגראַבלט דאָ אין די וועסט־
טשן, דאָ אין די הויזן־קעשענעס. און ווי ער האָט נאָך נישט
באַוויזן עפּעס אַרויסצושטאַמלען, האָבן ביידע, אי דער פּאָליס, אי
דער געהיים־אַגענט, אים שוין געהאַלטן פאַר די הענט.
ווינקלער איז געווען אַרעסטירט.

אַ חיונישע אסיפה

מזל האָט צעהאָנגען איבערן הויף די שטיקלעך וועש. רצון, אַן אויסגענאָגטער גוף, מיט קנאָכיקע הענט און פיס — האָט זיך געשטעלט הינטער אירע דאַרע פּלייצעס. ער האָט איינגעקלעמט אַ סאַמעטענע פּאָה, וואָס האָט זיך געדרייט איבערן רעכטן אויער ווי אַ בייגל און זיך גערייט פאַרן ווייב:

— מזל, כ׳גיי אויף דער אסיפה.

— גאָט זאָל דיך אויסהיטן, רצון. ווילסט זיך קריגן מיטן באַלעבאָס? — האָבן ביי דער קליין־געוויקסיקער מזל אויפגע־בליצט די טונקעלע אויגן, ווי לעמפּלעך איבערן איילבירט־פּנים.

—אַז אַלע שכנים אַרום, קענען באַשטיין זיך צו קריגן ——

האָט רצון גערעדט מיט הכנעה — פאַרוואָס זאָל איך נישט קענען?

— ווערסט אַזוי אויספירן ווי זיי! — האָט מזל זיך געבייזערט — דערווייל האָרעפסטו היטן דיין ברויט, אַרבעטסט ביי אַן „אשכנז". העלד מיינער! דזשעדאַ!*) כ׳זאָג „אשיכנזים". מען גייט צום מושל**) מען פּויעלט עפּעס.

— וועט מען טאַקע גיין צום מושל אויך, מזל! — האָט רצון זיך געוועדט מיט אַ מענה — מיינסט, זכריה האָט נישט קיין קאָפּ? ער וועט אוועקלייגן זיינע טענות פאַרן מושל. מען וועט זיך נישט לאָזן צונעמען פון דער עיריה***) ס׳געלט פאַר מסים, פאַר וואַסער, וואָס נישט מיר, נאָר די אשיכנזים, די מחללי־שבת האָרפן באַצאָלן.

— פאַרוואָס עפּעס די אשיכנזים? — האָט מזל איינגעקלאַ־מערט די לעצטע פּאָר גאַטקעס אויפן שטריק.

---

*) גבור.

**) גאָווערנער.

***) מאַגיסטראַט

— פאַרוואָס? האָט רצון געשריפט אַ פויסט, ווי ער וואָלט געוועט נעמען אייגן זיין אייגן ווייב, נאָר מיט אַ שונא — מיר, תימנער, האָבן געזאגט אַן עמער אין שטוב. גייט מען צום ברונעם און מען שעפּט אָן ס'וואַסער. זיי, די אשכנזים מוזן האָבן אַ קראַן, רערן און אַ וואַנע צום באָדן. אָט פאַרוואָס די תימנער שכונה*) מוז אויך צאָלן דער עיריה.

מזל האָט זיך פאַרדיכט אויפן קאָפּ דאָס הויבל, הינטער וועלכן ס'איז געוועזן צעוואָרפן אַ שטויס מיט שוואַרצע צעפּלעך. זי האָט געקוקט אויפן מאַן, ווי אויף אַ חסר־דעה. רצון האָט געאַרבעט אין אַ פאַרבעריי, ביי אַן אשכנזישן באַלעבאָס. ער האָט קוים אַרויס־געקריגן זיינע פינף און צוואַנציק פּיאַסטער טעגלעך. דערפון האָט מען געמוזט שיקן ס'קליינוואַרג, דריי בנים, אין תלמוד־תורה. די פערצן־יעריקע צפורה האָט געדינט. ס'פאַרדינסט אירס האָט גע־קלעקט אויף קליידער. און דאָ גייט ער, רצון, זיך פאַרנעמען מיט אסיפות, אַקעגנרעדן די אשכנזים, די שטאָט־טאַטעס! ער קען נאָך פאַרלירן די אַרבעט אויך.

זי האָט אויפגעהויבן די לידיקע באַליע, ס'איבערגעבליבענע בינטל שטריק און אַריינגייענדיק אין שטוב, געלאָזט אַן אָנזאָג: — וועסט מיר בלייבן אין שטוב, רצון.

דורכן נידריקן טויערל, איז אין הויף אַריינגעקומען דער הויי־כער עובדיה אַ שכן מיט אַ שטעקן, צעבויגן ווי אַ צווייג, דאָס שמן־זית־פנים צעשמייכלט, די שאַרפע אויגן — חלפים. ער האָט גייענדיק, זיך געגלעט דעם לאַנג באָרד, וואָס איז געווען ביי אים צוגעשניטן, ווי ביי אַ קעניג פון אשור. ער האָט אָנגענומען דעם שכן פאַר אַ האַנט:

— קום רצון, די אסיפה הויבט זיך אָן.

— מיין אשה לאָזט נישט גיין.

— דערוויל, רצון, שטייט נאָך „והוא ימשול בה"... — האָט עובדיה אויפגעהויבן דעם שטעקן — און נישט אַלץ דאַרף מען אַ ווייב דערציילן.

---

*) קוואַרטאַל.

— ווילסט אָנהויבן מיט מיינער? — האָט רצון זיך געווערט מיט די אויגן — וואָס אַ וואָרט מישט זיך אַריין די שווינגער, דער־נאָך דער שווער, אַז כ׳האָב שוין דעם גאַנצן טאָג אָפּגעהאַקטע יאָרן.

— האָסטו דיר אַזוי איינגעפּירט, רצון, האָסטו! — האָט עובדיה אים געמוסרט — אַז אונזערס אַ מענטש האָט היינט חתונה, איז דער ערשטער תּנאי, נישט אַריינצונעמען צו זיך שווער און שווינגער. ווו האָבן דיין ווייבס עלטערן געוווינט? אין נתניה? געזונטערהייט. בעסער זאָלן זיי צו דיר קומען צו גאַסט — האָט עובדיה געשטעלט בּרייטע שפּרייזן, ציענדיק נאָך זיך רצונען — קום תּנא, דער שול־חצר איז פול.

— און די שכנים פון כּרם־התימנים וועלן טאַקע קומען?

— זיי וועלן לויפן.

דאָס אַרויסגעבענען זיך פון הויף איז רצונען אָנגעקומען שווער. ער איז געקראָכן אויף די שפּיצן פינגער, האַלטנדיק זיך פאַר עובדיהס פּאָלע. און ווען ער איז שוין געווען אינמיטן געסל, האָט ער דערשפּירט איבער זיך אַזאַ שרעק, גלייך מזלס קליין ביין מויל וואָלט אים נאָכגעשיקט אַ דראָאונג.

ס׳איז געווען נאָכמיטאָג. ס׳האָט געבלאָזן מיט רעגן־ווינט.

ביידע האָבן געטאָפּטשעט איבערן ליימיקן געסל. די פיס, געשוכט אין סאַנדאַלן, האָבן געטרעטן אַרום פאַרבלאָטיקטע גריב־לעך און מיסט־בערגלעך. דער ליק, אַן ברוק איז געווען פאַרזייעט מיט ציבעלע־שאָלעכץ און צוגעפוילטע קאַרטאָפל. נידעריקע, געזונ־קענע הייזלעך, ברודיקע באַראַקן, ווי איינגעפאַלענע סוכּות. געסל־אויס, געסל־איין און זיי זענען צוגעקומען צום שול־הויף.

[illegible]רומטער מגן־דוד, ווי אַן אָפּגעריסענער עפּאָ־לעט איז אַראָפּגעהאָנגען פון גזימס, וואָס איבערן הילצערנעם שויל־טויער. עלטערע תּימנער יידן, מיט שיטערע, גרויע, בערד־לעך, ווער אין אַ טערקישער פעסקע, ווער אין אַ אויסגעקראָכענער טשאַלמע, זענען געשטאַנען אין אַריינגאַנג און געליאַרעמט ווי אויף אַ מאַרק. אינעווייניק, אַרום בעלעמער, האָט ס׳יונגוואַרג זיך גע־קהלט. איינער מיט אַ פּאָר פּיאות ווי פּראַנזן, איבערן אויסגעבאַ־קענעם פּנים, האָט פאַרכאַפּט אַן אָרט אין אויבנאָן. ער האָט זיך

ארויפגעשטעלט אויף א הינקעדיק בענקל, האט געשניטן מיט די הענט ווי מיט רודערס און אויסגעקרייזט א קול, וואס איז געקומען פון האלז.

— ברידער תימנער, ווייסט איר צו וואס מיר זענען זיך דא צונויפגעקומען?

— מיר ווייסן! מיר ווייסן! — האבן די ציגן־בערדלעך זיך צעשאקלט.

— אז ווו נאר א מום, א פגימה, געפינט מען אין אונז, תימנער. אויסגעדארטע גופים, עצמות יבשות, — אט פאר וואס־סערע ברואים עם האלטן אונז די אשיפנזים. וויניק גישות זענען מיר זיך אויסגעשטאנען אין תימן, אין אדאן, אז אויך דא זאלן אונז די „ווייסע ברידער" מבזה זיין?

— גערעכט! סעדיה בן־הלל איז גערעכט! — האבן קולות זיך צעזונגען.

— איז וואס, אז כ'בין גערעכט? — האט סעדיה געהויבן די הענט מיט די ברייטע ארבל — מארגן וועלן אונזערע טעכטער, די דינסט־מיידלעך ווייטער וואשן די פאלן, וואשן די וועש ביי די אשכנזישע באלעבאסטעס. מיר, די טאטעס וועלן זיך ווייטער פארנע־מען מיט דער מלאכה־בזויה, זיין טרעגערס, זיין קאלכערס. נישט בחינם האלט מען אונז פאר נבזים. מיר, ברידער, מוזן זיך ארגא־ניזירן, אזוי ווי די ספרדים האבן זיך ארגאניזירט. מיר מוזן ארייג־שטעלן אין דער עיריה אן אייגענעם מענטש.

א מיטלוווקסיקער תימנער, אין א געשטרייפטן כאלאט, דער קאפ, די באָרד — אויסגעגאלט, די הויט — א מולאטן־בארויז, וואס גלאנצט מיטן פינקל פון בורשטין, האט זיך אפירגערוקט צ־ם בעלעמער און פארשטעלט סעדיהן:

— אין זעקס וואכן ארום קומען פאר וואלן צו דער עיריה. מיר ברויכן אויך כבישים אין אונזער שכונה. מיר דארפן אויך שולן, חדרים, א שפיטאל. ווער וועט דאס אלץ פאר אונז מאנען? די הסתדרות־לייט? די עוכרי־ישראל? צי די נכבדים, וואס באריים אונז מיט מסים?*).

*) שטייערן.

— און צו וואָס טויג אונז דאָס אַלץ — איז אַרויסגעפּאָרן עובדיה און דער לאָקבאָרד האָט זיך ביי אים געוואָרפן ווי ביי א פּורים־שפּילער — ווער דאַרף קראַנצן מיט רערן? ווער דאַרף עלעקטרע? דאַרף איך וואַסער, האָב איך ברוך־השם אַן אשה. זי נעמט די בלעך אויפן קאָפּ, גייט צום ברונעם און שעפּט אָן. דאַרף איך אָנצינדן א לאָמפּ? ס'פעלט נישט קיין נאַפט. ס'איז דאָ א „פּרי־מוס". זיי — האָט עובדיה געבויערט די לופט מיטן גראָבן פינ־גער — זיי ווילן זיך אויסבויען א לאָנדאָן? א סטאַמבול? זאָלן זיי! מיר תימנער, האָבן געגנוג א תחום!

א נידעריקער זקן מיט רויטע אויגן. די אויסגעצופּטע פּאָרע, ברעמען און באָרד, גרויליך ווי קלעמבעס ברודיקע וואַטע, האָט זיך אַרויסגערוקט פון א הייפל. ער האָט איינגעקלעמט א פלעכט פונם לויזן בערדל צווישן צוויי פינגער און אַריינגערעדט אינם „שויתי", וואָס איבערן עמוד.

— באַגייט מען קענען אונז טאָקע בלויז עולה'ס, טאַטע אין הימל?

— יאָ, בלויז עולה'ס — האָט רצון געקריגן לשון און זיך אויסגעדרייט צום זקן — און איר ר' ששון, געדענקט דאָך, אַז מיר, דער רוב אין אדאָן זענען געווען גאָלד־שמידערס, גראַווירערס, נישט קיין טרעגערס, באַלאָטן־לייגערס, אָדער פּאַרבערס. אונז האָלט מען דאָס פאַר די פּרעמדע, די שוואַרצע. און צו דער „שוואַרצער אַרבעט", ברענגט מען אָהער די „ווייסע", די חלוצים. מיט שיפן ברענגט מען זיי אָהער.

— ס'זענען נאָך דאָ גרעסערע עולה'ס — האָט אַן אשכנזי־שער בחור, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין אַריינגאַנג, אַריינגעוואָרפן — אַט איז נעכטן געקומען א שיף מיט פיר הונ־דערט תימנער, האָט די רעגירונג זיי נישט געוואָלט אַראָפּלאָזן אין יפו.

— פאַרוואָס האָט מען זיי נישט אַראָפּגעלאָזט? — האָט סעדיה אויפגעשטעלט מויל און אויערן.

— ווייל זיי האָבן געהאַט שוואַרצע היטנס...

סעדיה, וואָס האָט געוואָלט א פליק טון אין פּרצוף אַרײַן דעם

אשכנזי פאר רעדן נבול־פה אין א מקום־קדוש, האט זיך אנגעשטויסן אין ר׳ עזריה, דעם תימנער רב, וואס איז אנגעקומען מיטן שמאלן געסל.

דער רב, אין א כאלאט מיט שטרייפן ווי א טלית, אויפן קאפ א טערקישע פעזע, א חלוש, זיידענע תנועות, איז אריין אין שול מיט לויזע טריט. ס׳ערשטע האט ער א קוש געטון די מזוזה. ער האט געזען ווי דער עולם טומלט, האט ער פונאנדערגענומען זיינע טונקעלע, ביינערדיקע הענט און זיך צעשמייכלט.

— איבער וואס אמפערט מען זיך, רבותי, איבער מיינע שבירות?

— נישט איבער איך, רב — האבן קולות אים בארואיקט.

— מיר ווילן נישט נאכגעבן דער עיריה! — האט סעדריה זיך ארויסגעשטעלט.

מיר ווילן אויך נישט קיין אשכנזישן בא־כח*) דארט — האט עובדיה אויפגעהויבן דעם שטעקן.

— איר ווילט זיין א פורש מן הציבור? — האט דער רב געווארפן, מיט די פארלאפענע אויגן־דעקלעך, ווי אן איבערגעשראקענער האז.

— דאס הייסט נישט פורש זיין מן הציבור — האט עובדיה זיך פארענטפערט — דאס הייסט מען וויל זיך נישט לאזן אויסמארכן. מיר ווילן נישט, די אשכנזישע באלעבאטים, די שטאטטאטעס זאלן אונז מעלקן.

דער רב איז געווען אין א פארלעגנהייט. ער האט געזען ווי ס׳יונגווארג היצט זיך, ס׳קאכט, די עלטערע, די מיושבדיקע האלטן מיט, ליארמען. און אלץ קעגן וועמען? קעגן אייגענע ברידער? און אהבת־ישראל איז דאך פאר אלעם! ער האט א קלאפ געטון אין בעלעמער, האט אויפגעהויבן די דינע ביינערדיקע הענט און גערגלט מיט א קול פון א האדזשא.

— איר גערענקט דאך, אז ווען אונזערע אבות זענען אויסגעשטאנען נגישות פון די מאכמעדאנער, האט ר׳ יעקב אלפיומי

*) פארשטייער.

זיך געווענדעט נאָך הילף צום רמב״ם. אַלס תשובה האָט ר׳ משה בן מיימון צוגעשיקט צו אונזערע ברידער די „אגרת־תימן״. און וועגן וואָס, האָט דער רמב״ם אין דער אגרת גערעדט? וועגן ישראלס גרויסקייט, וועגן איינִיקייט, וועגן אחדות. און מיט אָט דער אחדות, זענען מיר טאַקע געגאַנגען נאָך ארץ־ישראל. ווילט איר זיך איצט אַפּרייסן אַן אבר? איר ווילט זיין צעשפּליטערט?

— איי, איי, רעדט ער! — האָט אַ נידריקער תימנער ווי אַ קאַרליק, פון התפעלות צוגעלייגט די פינגער צו די ליפּן.

— ס׳איז מתוק מדבש! — האָט אַ זקן געקלאַפּט אַ יאַסלע אַן אַ יאַסלע.

— קום, רצון! — האָט עובדיה זיך געלאָזט צו דער טיר — דיין אשה איז גערעכט.

— ווער איז גערעכט?

— מזל איז גערעכט! מיט די אַלטע אייזלען וועט מען גאָר נישט נישט אויפטון.

— טאַקע נישט — האָט סעדיה זיך נאָכגעשלעפּט — מען האָט זיי שוין אַרונטערגעדרייט די קעפּלעך, די שעפּסן.

די עדה עלטערע תימנער, וואָס האָבן מיט אַ רגע צוריק זיך געהאַט מיטגעהיצט מיטן יונגוואַרג, זענען איצט געווען אָפּגע־קילט. דעם רבּס פּאַר ווערטער האָבן אַנגעיאָגט אַ יראת־הכבוד. זיי האָבן אים אַרומגערינגלט ווי אַ ווייטן משולח. זיי האָבן אַנגע־קוואָלן פונם רבס לומדות, פון יעדן וואָרט זיינעם און זיך געמאַכט נישט זעענדיק, ווי ס׳יונגוואַרג בראש מיט רצונען, עובדיהן און סעדיהן מאַכן זיך אַרויס פון שול.

א פורים־באַל

ריחות פון אָרעקאַלאָן האָבן זיך געטראָגן איבער די טרעפּ, ווען רות האָט געעפנט די קאָרידאָר־טיר. זי איז אַראָפּ מיט איין שווים. אויפן ערשטן גאָרן איז זי שטיין געבליבן. זי האָט אַ קוועטש געטון דעם עלעקטרישן אויטאָמאַט. ס׳איז געוואָרן ליכטיק. רות האָט אָנגעקלאַפּט אין דער רעכטער טיר.

— הדסה?

— איין ווײַלע, רותעטשקאַ — האָט פון אינעווייניק זיך געהערט אַ דין צעפּיעשטשעט קול, באַלד דערנאָך אַ פּאָר שריט אויף נייע אַפּצאַסן, און אין דער אָפענער טיר האָט זיך געשטעלט אַ מיידל הויך, וויקלדיק ווי אַ יונגע פּאַלמע. — ביסט נאָך נישט אָנגעטון?

— מיין מאַרקיז־קאָסטיום צי איך אַרויף אַפילו אין דער לעצטער רגע. און דו, ווערסטו טאַקע זיין היינט אַ יהודית?

— ס׳וועט מיר פּאַסן? — האָט הדסה געוואַרט אויף רותס צושטימונג און אין דער אמתן געוווסט, אַז רות פאַרגינט איר נישט, זי וואָלט פאַרטוישט איר „מאַרקיז“ אויף די יהודיתישע קליידער.

— ווערסט נאָך ווערן די תל־אביבער פּורים־קעניגין! — האָט רות, דאָס קעגנגעזעצטע פון הדסהן, קיילעכדיק און אָנגעשטאָפּט ווי אַ לופט־באַלאָן זיך צעשריגן — ווערסט אויפן מאַסקן־באַל אַלע אינטריגירן. אַ שאָד, וואָס מען האָט אָפּגעשאַפט דאָס קלייבן אַ פּורים־מלכּה. וואָלסט געווען די ערשטע קאַנדידאַטקע!

— מיינסט עס אויפריכטיק? — האָט הדסה גערעדט צו רותן, נישט ווי צו אַ פרוי, נאָר ווי צו אַ חברטע.

— קענסט מיך נאָך נישט, חביבהלע? פאַרוואָס זאָל איך

נישט מײנע אױפּריכטיק? און װען איך האָב דײַן פיגור, װאָלט איך זיך נישט איבערגענומען?

— טרײַב נישט איבער, רות — האָט הדסה געטרײסט איר חברטע — נישט אַלע מענער גוסטירן אײן שלאַנקע ליניעס. דײַן אַבראַשאַ האָט דװקא ליב דיקע מײדלעך.

— קענסט אים, אַבראַשאַן? — האָבן בײַ רותן אױפגעלױכטן די אױסגעשטאָפּטע בעקלעך — אױ טאַנצט ער, מאַמעלע! האָסט געזען װי ער דרײט זיך אין אַ „קאַריאָקאַ"?

— גוט, גוט, רותעטשקע. איצט טו אָן דײַן מאַרקיז און קום אַראָפּ. אונדזער קאָמפּאַניע װאַרט שױן בײַ „מאַגראַבי".

— װער דו אױך פּאַרטיק! — איז רות אַרױפגעלאָפן איבער די טרעפּ. זי איז אַרײַן צו זיך אין צימער. זי האָט ליכטיק געמאַכט. נישט קײן צימער איז דאָס געװען, נאָר אַן אַרטיסטן־גאַרדעראָב.

אַ האַלב טוץ סאָלירטע קלײדלעך אָנגעװאָרפן אױף דער סאָפע. אױפן טיש — בלוזקעס, שליפלעך, קאָקאַרדעס. אינמיטן צימער זילבערנע לעטשלעך. פּאַנטאָפלעס פון שלאַנג־לעדער. רות האָט דורכגעפירט מיט די הענט איבערן טואַלעט־שפּיגל. פּאַרוקן, ליפּן־פּאָמאַדע, רינגען, שאַכטלעך פּודער, קרעלן — האָס אַלץ האָט געװאַרט זי זאָל עס דורכװאַרפן, אָנמעסטן אױף זיך אײנס נאָך ס׳אַנדערע. רות האָט דאָס צומאָל נישט אָנגערירט. זי האָט געעפנט די שאַפע און אַ געפּרעסטער מאַרקיז־קאָסטיום האָט אַ גלאַנץ געטון פאַר די אױגן... און בעת זי האָט זיך גענומען אױסטון, האָט זי דערװײַל אַ דרײ געטון דעם ראַדיאָ. פון פרײַ־און פאַרגעסנקײט האָט זי געפירט דעם ראַדיאָ־קנאָפּ פון אײן װעלט־סטאַציע אױף דער צװײטער. ס׳האָט זיך געהערט דאָ אַן אָפּערע פון מילאַנאָ, דאָ אַ ציגײַנער־געזאַנג פון בודאַפּעשט. לײַכטע פראַנצױזישע קופּלעטן. אַן אַראַבישער טאַנגאָ באַגלײט מיט קרעכצן און געקרײַזלטע טענער — אַן אָנזאָג, אַז די מעלאָדיע קומט נישט פונם רוישיקן מעקסיקאָ צי פון שפּאַניע, נאָר זי װערט געזונגען בײַ די שטילע ברעגן פון ניל.

רות האָט אױפגעפּראַלט דאָס פענסטער פון דער טעראַסע, דערנאָך די קאָרידאָר־טיר. װאָס מער לופט! װאָס מער לופט! ס׳זאָל

אַרויסטרייבן די שאַרפֿע פּאַרפֿיום־ריחות, וואָס שפּורן זי אָן און מאַכן שווער די גלידער. דער אָוונט האָט זיך געשטופּט דורך אַלע עפֿענונגען, ס'האָט זיך געשפּירט זאַלץ. אונטן אין הויף האָט דער נאָענטער רויש פֿון די ים־כוואַליעס געפּאַטשט איבער די עטלעכע עקאַליפּטוס־ביימער, ווי האָט זיך אַרומגעקוקט. אַ מיידליש לעבן, אַ חלום ווערט אויסגערונען דורכן יאָר. און היינט? אַ מאַרקיז וועט זי ווערן. לאַקייען וועלן איר נאָכגיין. זי וועט אַריבערטרעטן אין אַן אַנדער וועלט. מעג זיין איין אָוונט, איין שעה, אָבער זי וועט אַוועקשטעלן אַ מויער צווישן דעם דרויסנדיקן טומל און דער איי־גענער ליידיקייט.

אַ מידקייט, וואָס קומט פֿון צופֿיל ווילטאָג, איז רותן באַפֿאַלן. אַזויפֿיל גרויקייט, אַזויפֿיל טרויער אין יעדן מעת־לעת און איצט? אַוועק מיטן בענקעניש, אַוועק מיט די בריוו - שרייבן צו טאַטע־מאַמע, וואָס וואַרטן ערגעץ אינעם ליטווישן שטעטל. דער רוף צו דער גאַס האָט אין איר צעקאָכט די אָדערן. און די פּיס, די הענט, די גאַנצע פֿיגור איז געוואָרן ווייקלדיקער...

דער מאַרקיז־קאָסטיום איז שוין געווען אויף איר. ערשט איצט האָט זי זיך געשטעלט פֿאַרן שפּיגל אָנצומעסטן די גרויע לאָקן־פּאַרוקע. זי האָט זיך באַטראַכט. און מיטאַמאָל האָט אַ לייכ־טער גרימאַס זיך געקנייטשט אין די מויל־ווינקלען. פֿאַרוואָס עפּעס האָט זי זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ מאַרקיז? פֿאַרוואָס טאַקע נישט פֿאַר רות אַליין? די רות פֿון די ציטן פֿון די שופֿטים, ווען זי האָט אין דער נאַכט זיך געלייגט צופֿוסנס דעם רייכן בועז.

און בועז איז געווען אַ שיינער, שטאַרקער מאַן. ער האָט זיך איבערגעוועקט אין פֿרימאָרגן. ער האָט זי נישט אָפּגעטריבן, נאָר גערעדט צו איר ווייכע רייד:

— רות, מיין רות, כ'בין נישט ווערט, די וואַרעמקייט פֿון דיין יונג לייב זאָל אָנגליען מיינע פּיס. אָט די זאַנגען אַרום וואָס דו זעסט, אָט די גאַרבן תבואה אויף מיינע פֿעלדער. אַפֿילו מיין אייגן געצעלט, וועט פֿון איצט אָן דיר געהערן.

ווינט און זון האָבן זיך געלייגט איבער די גאַרבן תבואה, און בועז האָט אויף זיין געלעגער צוגעדעקט די אָרעמע רות.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. רות האָט זיך אַ טרייסל געטון.
זי האָט אַרויסגעלייגט די ליפּן־פּאָמאַדע און געלאָפן עפענען.

ס'איז געשטאַנען הדסה — אַ פּאַרטיקע יהודית, גאָלד־באַ־זוימטע קליידער, געשנורטע סאַנדאַלן, דער קאָפּ געראָלט, געפאַליעט און געטורעמט ווי ביי אַ פּאַרצייטיקער מלכה. איבערן האַלז שווערע בייטשן קרעלן פון בורשטין און פּערלמוטער, לאַנגע זילבערנע אויערינגען. אפילו מיט אַ שווערד איז זי געווען באַוואָפנט. ס'האָט איר נאָר געפעלט אין האַנט האָלאָפערנעסעס אָפּגעשניטענער קאָפּ.

רות איז אויפגעשפרונגען און איבעראַשטע:
—זעסט דאָך אויס ווי אַ שפּאַנישע קריגערין.

— און דו — ווי לודוויק דער זעכצנטער! — האָט הדסה באַ־טראַכט איר חברטע.

רות האָט מער קיין איין רגע נישט געוואַרט. זי האָט גענומען אַ הויכן שטאָק מיט גלעקלעך און ביידע באַל־דאַמען מיט שוואַרצע מאַסקעס אויף די אויגן האָבן זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.
— קום, האָלאָפערנעסעס מערדערין.
— כ'גיי, פראַנצויזישער באַרבאַר!

מיט אַ קוויטשעריי האָבן די מיידלעך זיך אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ.

די ברייטע אַלענביי־גאַס איז נישט געווען דורכצוגיין. אין די ראַגן הויכע האַלץ ־ טויערן מיט אויסגעמאָלטע מגילה ־ העלדן: אחשורוש אויפן היסב־בעט, המן אויף דער תליה. דורך די טויערן ווי דורך טונעלן, האָבן געצויגן שערענגעס פורים־שפּילערס. פון אַלע זייטן האָבן מענגעס זיי אַרומגערינגלט. דער עולם האָט גע־וואַלדעוועט פון פרייד. מען האָט די מאַסקעס באַוואָרפן מיט קאָנפעטי. קליינוואַרג האָט זיי מכבד געווען מיט שום־פולווער. און דער טומל האָט אַ געוועקט, אַ גליך פּאַרטויבט.

אַ פליציקער ייד מיט אַ קאַנטיקער, שוואַרצער אחשורוש־באָרד, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטיינערנעם פּאַר־קאַן, האָט אַריינגעטענהעט אין זיין שכן, אַ געלן געגאָלטן יונגער־מאַן:

— נו, מלך? אין חוץ־לארץ זאָגט מען: פּורים איז קיין יום־טוב און קדחת קיין קרענק, האָ? און דאָ? פּורים איז טאַקע אַן אמתער יום־טוב און קדחת — אַ גוטע מאַלאַריע...

אויף די אָנגעפּראָפּטע טראָטואַרן זענען געפאַלן קאָלירטע פּראָזשעקטאָרן, איבער די מויערן ליכט־סיגנאַלן, אין דער לופט צעשפּריצטע פייערן פון אויפגעריסענע ראַקעטעס. דאָ און דאָרט אַ פּולווער־שיסעריי ווי אַ קאַנאָנאַדע. און דאָס פּאַרמאַסקירטע ת״א אביב האָט אויסגעזען ווי שושן־הבירה.

רות מיט הדסהן האָבן זיך געשטופּט. אויף טריט און שריט האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף קאַפּיטאַנען, מאַהאַראַדזשעס און עטיאָפּישע פּרינצן. דער בלישטש פון גאָלדענע מונדירן, דער גלאַנץ פון זיידענע טורבאַנען און געשטרייפטע סוטאַנען האָט זיך גע־וואָרפן אין די אויגן. ביי רותן האָט ס׳האַרץ גענומען האַסטיקער קלאַפּן. ס׳איינענע בלוט האָט געברייט. צי פון אויפרעגונג, צי פון ווילדער בענקעניש, נאָר זי האָט שטאַרק געוואָלט איצט באַגעגענען אבראַשען אין אַ זיידענער מאַהאַראַדזשאַ־אַבאַיע. שטענדיק טרעפט זי אים אין די אַרבעטס־בגדים, איבער די האָריקע נאַקעטע פּיס — קורצע האָקי־הויזן, אָרום לייב — אַ העמדל אָן אַרבל. אַזוי טראָגט ער ציגל אויפן בנין. אַזוי באַגעגנט ער זיך מיט מיידלעך. רות האָט אויף איין ווייַלע פאַרגעסן אָן אבראַשעס אָרעמקייט, אָן איר אייגענעם עלנד. ס׳האָט זי בלויז געמינטערט דאָס, וואָס אבראַשאַ האָט צוגעזאָגט זי אָפּצוּוואַרטן ביים „מאָגראַבי״־טעאַטער. וועט ער קומען?

רות האָט מעשה ־ קאַוואַליער גענומען הדסהן אונטערן אָרעם און ביידע מיידלעך האָבן געשפּרייזט ווי אויף שטאָלצן. מיטאַמאָל האָט הדסה דערשפּירט אַ לייכטן ציפּ פאַרן אַקסל, הינטערוויילעבין זענען געפאַלן שטימען:

— אַ ציגיינערין?

— אַ שפּאַניערין?

הדסה האָט זיך אויסגעדרייט אַ נייגעריקע געכאַפּט פון וואַנע די שטים קומט.

אַ כינעזישער מאַנדאַרין מיט אַ צאָפּ ווי אַ הינטישער ווידל.

האָט פֿאַרליִיגט די הענט ווי אַ געפֿלעכט אויפֿן האַרצן און זיך פֿאַרנייגט ביז צו די קניען:

— סאַלוטאַ סעניאָרינאַ!

ביידע מיידלעך האָבן זיך צעלאַכט מיטן געלעכטער פֿון קיצל־דיקע קינדער. באַלד האָבן זיי אויפֿגעציטערט. האַרט פֿאַר די פֿיס האָט אויפֿגעריסן אַ ראַקעטע מיט דער הוזשעריי פֿון אַ שראַפּנעל, און פֿאַרביקע פֿייערן ווי צעשפּרונגענע רעגנבויגנס האָבן זיך צע־שאָטן אין דער לופֿט.

רות האָט איינגעצויגן אויף זיך די גרויע, געפּרעסטע וויקל־הויזן, האָט פֿעסטער צוגעדריקט הדסהן. ס'איז זיי אַנטקעגן געקו־מען אַ הויכער פּרינץ, געפּאַנצערט און באַוואָפֿנט ווי חרבונה. רות האָט זיך איינגעקוקט. דער פּרינץ האָט געבליצט מיט די אויגן ווי אַ כּישוף־מאַכער, שטומערהייט צוגעזאָגט געהיימע אוצרות, גע־רופֿן אין אַ מלכות, וואָס ציט זיך פֿון הודו ביז כּוש.

זיי זענען צוגעקומען צום „מאַגראַבי"־טעאַטער. אָפּלאַקירטע אויטאָמאָבילן האָבן זיך געשטעלט פֿאַרן אַריינגאַנג. אינדישע פֿאַ־קירן, באַראָנעסעס, מעקסיקאַנער זענען אויסגעשטיגן, לאָזנדיק זיך איבער די ברייטע פּאָלירטע מאַרמאָר־טרעפּ. ביידע מיידלעך זענען נאָכגעגאַנגען.

פֿאַר די באַקלעפּטע טעאַטער טויערן האָבן פּורים שפּילערס געריסן דינאַמיט, קליינוואַרג האָבן געלאָזט גראַגערס, רעוואָלווערן אין גאַנג. און אין דער מיט האָט געדרוישט דאָס זיידנס פֿון פּרויען־מאַסקעס און קאָסטיומען.

ביי רותן האָבן די אויגן זיך געוואָרפֿלט. אַלץ אין איר האָט געזוכט אַבֿראַשען. צווישן די ליכט־סיגנאַלן, צווישן די פּראָזשעק־טאָרן. ווו האָט ער זיך פֿאַרשטעקט? וויל ער זי איבעראַשן? וועט ער קומען ווי אַ פּרינץ? ווי אַ רויבער?

אַ בליק פֿון הינטן, אַ בליק פֿון פֿאָרנט — און הדסה איז מער נישט געווען לעבן איר. רות האָט באַמערקט צווישן די קאַלאָנעס, ווי זי האָט זיך געלאָזט נאָך אַ גרופּע „מעקסיקאַנער", וואָס האָבן זי מיט געהיימע צייכנס איינגעלאַדן. האָט הדסה שוין אויך אָפּגע־

זוכט איר קאמפאניע? זי ורעט פארברענגען אויפן מאסקן־באל?
און זי, רות?

א הויכער פערסישער שאך, פון קאפ ביז פיס געצירט אין אטלאס און אין גאלד, אויף די אויגן א שווארצע מאסקע — האט זיך געשטעלט פאר רותן ווי א שווארץ־קינסטלער. הינטער אים, איבער די ברייטע טרעפ — א סוויטע דינער. נאך דער שטייפקייט אין גאנג, נאכן שאקל פון קאפ, האט רות דערקענט אינם פערס — אן אחשורוש. צי פון שרעק, צי פון פרייד, רות האט מיטאמאל אויסגעשריגן. ס'האט געשווינדלט. אלע חושים האבן איינגערעדט, אז דער פארשטעלטער איז אבראשא.

אחשורוש האט אויסגעשטרעקט צו אירע ליפן זיין גאלדן שטעקעלע און רות — נישט רות, נאר אסתר — א געהארכזאמע, איז נאכגעגאנגען אין זיין קעניגרייך.

א מבול

ארום דריי ביינאכט, ווען אין טבריה האט נאך געמבולט, האט דער אלטער צדוק, א טליתים־הענדלער, זיך איבערגעוועקט. ער האט געעפנט דאס שמאלע פענסטערל פונם אלקערל, און פונקט ווי נח פון דער תיבה, געוואלט א קוק טון, צי די פארפלייצונג שטעלט זיך אפ.

צדוק האט דעם מקום נישט דערקענט — טבריה ווערט דערטרונקען — פון די בערג האבן געגאסן טייכן. די געסלעך, די הייזער, האבן געוויקט אין שליוזן וואסער, ווי מען וואלט זיי אונטערגעשווענקען. ווו אן אראפגעריסענער לאדן, ווו א צעגומען דעכל, האט ארייגעכליופעט מיט צעבערס. אפילו די הילצערנע שול אנטקעגן האט געשווומען ווי אן אפגעבונדן שיפל. אויס שרעק, צי גאט שיקט נישט א צווייט מאל א מבול אויף דער ערד, האט דער אלטער גיך צוגעמאכט דאס פענסטערל.

אין דער פינסטער איז ער אריין אין די לאטשן, ארומגעגארטלט די קאפאטע און אנגעצונדן דאס נאפט־לעמפל.

ס'ערשטע האט ער געעפנט די צוויי גרויסע קופערטס. ער האט ארויסגענומען די צוזאמענגעלייגטע טליתים, איז ארויפגעקראכן אויף דער לאמער באנק און זיי איינציקווייז אויסגעסדרט אויף דער אויבערשטער פאליצע. וואס העכער פון דער ערד, אלץ זיכערער מיט דער סחורה. איבער די טליתים האט ער אנגעלייגט מזוזות אין הילצערנע רעמלעך, אין מעשענע רעמלעך, קניפלעך מיט ציצית. ווען ער איז פארטיק געווארן מיט דער ארבעט, האט ער אריינגעשפרייזט אין צווייטן צימערל, ווו דער זון זרח איז געשלאפן.

אפשר אויס מורא פאר דער אייגענער עלטער, אפשר צוליב

דער סכנה פאַרן מבול — צדוק האָט נישט געוואָלט בלייבן מיט זיך אַליין. ער האָט געוועקט דעם זון, וואָס האָט אין שלאָף גע־שנאָרכט ווי אַן אָנגעהייצטער קעסל.

— זרח! זרח! דו שלאָפסט?

זרח האָט ברייט געעפנט די אויגן. באַלד האָט ער זיך אַ דריי געטון מיטן הינטער־חלק אַרויף און ווייטער געכראָפעט.

צדוק האָט אים געשטאָרכט אין די פּלייצעס.

— ס'איז אַ פּאַרפּלייצעניש, זרח, כ'ווייס נישט צי די שטוב וועט אויסהאַלטן ביזן באַגינען, און דו ליגסט ווי אַ פגירה. און אַז די שול איז אויך פאַרגאַסן, ווייסטו? זרח! זרח!

דער אַלטער האָט אַריינגערעדט אינם זון, ווי אין אַ טויבער וואַנט. פון פּאַרדרוס האָט ער געבעטן גאָט, ער זאָל שוין דערלעבן דעם פרימאָרגן און זיך אַריינגעוואָקלט צוריק אין אַלקער.

ס'דריטע יאָר, ווי צדוק איז אַן אַלמן. פריער, ביים ווייבס לעבן, איז געווען מיט וועמען דורכצוואָרפן אַ פּאָר ווערטער, אפילו ווען ער איז ביינאַכט אוועקגעפאַלן, צי געקריגן קאָפּ־שווינדל. מיט פרנסה איז אויך געווען בעסער. צדוק האָט געפירט טליתים נאָך צפת, נאָך מרון, ווו יידן, טוריסטן, עולה־רגלניקעס, האָבן אָפּגעריכט די הילולא אַרום קבר פון ר' שמעון בר יוחאי. און אין טבירה אַליין? ווו נאָר אַ ניי־אויסגעבויטער האָטעל, אַ אַכסניה, — צדוק האָט באַקלאַפּט אַלע שוועלן מיט כשרע מזוזות. נאָכן ווייבס טויט האָט אָנגעהויבן צו גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ. די דערוואַקסענע זין האָבן חתונה געהאַט און זענען זיך צעפאָרן. געבליבן איז ער מיט זרחן. אים, דעם ייִנגסטן, האָט צדוק געוואָלט איבערגעבן דעם האַנדל מיט קמיעות, פאַרברייטערן דעם מסחר. ער האָט אפילו געפּלאַנט אים צו שיקן נאָך אַמעריקע מיט זעקלעך ארץ־ישראל־ערד. זרח האָט זיך פון אַלץ אָפּגעזאָגט. ער האָט זיך גענומען חברן מיט „חלוצים" און איז אָנגעקומען פאַר אַ לערער אין דער שולע. זרח האָט זיך אָנגעהויבן סליידן קורץ, מעשה־דייטש, לעצטנס גענומען אויך אַרומהאָסן דאָס שיטערע בערדל, ווי ס'וואָלט געווען ייִלד גראָז. און דער אַלטער צדוק האָט זיך

נישט קענענעשטעלט. ס'איז נאָר קשה געווען, אויף וואָס פּאָרא דרך־כים זיין בן־זקונים לאָזט זיך.

דאָס נאַפט־לעמפּל האָט געראויכערט, נעצוקט. איבערן דאַך האָט געפּויקט רעגן און ווינט און געריסן טיר און פענסטער, מיט אַ וואָיען פון וועלף. דער איבערגעשראָקענער צדוק האָט זיך אריינ־געזעצט אין אַ ווייכן שטול ווי אין אַ היסב־בעט. די מחשבות האָבן אים געמאַכט זינקען. ער האָט זיך גענומען ראַנגלען מיטן שלאָף, נישט געקענט און האָט איינגעדרימלט.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען העלער טאָג. ער האָט זיך אויסגעריבן די אויגן. שטיקלעך זון ווי שמייכלען האָבן געמיניעט דורך די לאָדן־שפּאַלטן. צדוק האָט אויפגעפּראַלט ס'פענסטער. ס'האָט מער נישט געמבולט. די הייזער, פאַרטרונקען ביז אין דער העלפט, האָבן זיך אויפגעהויבן פונם טייך, ווי וואַ־סער־געוויקסן. איבערן הימל זענען דאָ און דאָרט צעריסענע וואָלקנס אָפּגעשוואומען.

פון הינטער די בערג האָבן זיך גערוקט פינסטערע כמאַרעס, געטריבן פון דער זון, וואָס האָט זיך געלאָזט מיט אַ היצעניש אי־בער דער טאָליקער טבריה.

פון פרייד האָט צדוק זיך איינגעוואַשן. ער האָט אָנגעטון טלית און תפילין און אָרעקגעליינט אַ דאַווענען מיט ברען, און ווען דער „של־ראש" איז נאָך געזעסן איבערן שטערן, האָט ער שוין געוועקט דעם זון.

— נו זרח, שטיי שוין אויף. מען מעג גומל בענטשן, זרח!

זרח האָט זיך איבערגעוועקט, זיך איבערגעצויגן. ער האָט אויסגעקנאַקט די פינגער, דערנאָך האַסטיק אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פערינע און זיך אויפגעזעצט אויפן בעטל.

— וואָס פאַרא גומל בענטשן, טאַטע?

— פרעגסט ווי אַ תם, זרח. קוק אַרויס אין דרויסן. מען איז דאָך אָפּגעשניטן פון דער וועלט.

— וואָס? — האָט דער זון זיך געלאָזט צום פענסטער.

— ווי דו זעסט — האָט צדוק זיך געשטעלט הינטער זיין פּלייצע — כ'האָב אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעטון, גע־

מיינט אַלץ עקסט זיך. ווען נישט דער בטחון, וואָלט איך פאַר בלויז פחד אומגעקומען.

— דו טראַכסט, טאַטע, ווי דו וואָלסט ערשט געקומען פון חוץ לארץ — האָט דער זון מיט גרינגשעצונג געשמייכלט — ביסט דאָך אַ היגער תושב, אַ ילידֿ־טבריה, ווייסט דאָך, אַז יעדעס יאָר אין די רעגנס מוז מען אויסשטיין פון דעם גאַס. טבריה ליגט אין אַ טאָל. און די שליוזן, וואָס לויפן פון די בערג אַרום, מוזן ברענגען צו אַ פאַרפליצונג.

— רעדסט שוין מיט מיר „וויסנשאַפט״, זרח? — האָט דער אַלטער זיך געבייזערט — און דער באַשעפער האָט שוין דאָ גאָר נישט וואָס צו זאָגן? איי זרח, דברים בטלים. זייט דו האָסט אויסגעטון די קאַפּאָטע, איז דיך אסור צו דערקענען!

ער איז אַריינגעקראָכן אין אַ וואַטאָווע קאַפּאָטע, אַרויפגעצויגן אויף די פיס אַ פּאָר כראָמענע שטיוול, דערנאָך מיט אַ פּאַטשיילע זיך פאַרבונדן דעם האַלז און זיך אויסגעדרייט צום זון:

— מאַך טיי, זרח. איך וועל דערווייל אַ קוק טון אין דרויסן.

צדוק האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די הילצערנע טיר אויפן קייטל. און ווי ער איז נאָר אַראָפּ פון דער שוועל, איז ער אַריינגעשפּרונגען ביז איבער די קניען אין אַ טייך. ער האָט געוואָלט אַרויס, פון פאַרלוירנקייט געזוכט אַן אויסוועג פון דער נעץ און איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ בערגל שטיינער, וואָס האָט געפירט צו דער שטאָט־באָד. אויף דער אַנדערער זייט האָבן קליינוואַרג אַריינגעלאָזט אין וואַסער ברעטער, בעלקעס און מיט פרייד געקוקט ווי די „שיפן״ גייען איבער די ימען.

צוויי אַראַבער אויסגעווייקטע, בלויז אין ברייטע פּאָלע־הויזן, די אויבערשטע האַלבע האָריקע לייבער אָפּגעדעקט, זענען געשטאַנען ביז אַריבער די קניען אין וואַסער. זיי האָבן אָנגעבאָטן זייערע פּלייצעס בקול־קולות און פאַר איין געלעכערטער טאַריפע אַריבערגעשלעפּט יעדן דורכגייער פון איין עק געסל צום צווייטן.

צדוק האָט זיך נישט געלאָזט אַריבערטראָגן. ער איז געגאַנגען מיט אַ הינטערוועג, פאַרזיכטיק געקראָכן איבער ליים־גריבלעך, אַרום וואַסער־סטאַוון און קוים מיט צרות זיך דערשלעפּט אויף דער

הויפּט־גאַס, ווו ס'האָבּן זיך אַרויסגעזען שורות חרובע קלייטן.

די זון, וואָס האָט צעריסן כמאַרעס און אָפּגערייניקט דעם הימל, האָט איצט זיך געשפּיגלט אין די פאַרפלייצטע גאַסן.

פאַרן מאַרק איז געשטאַנען אַן אויסגעפּעצטער ייד. בלויז באָרד און לאָקן, אַ טבריהער קרעמער און אַריינגעטענהט אין צוויי הויכע אַראַבער, אַנווייזנדיק אויף זיין חורבן — ס'פאַרגאָסענע שפּייז־קליטל. די אַראַבער האָבּן געשאָקלט מיט די קעפּ, געפּאַכעט מיט די פינסטערע אַבּאַיעס, בעת אין זייערע אַקסל־תנועות, אין דעם טרייסלען מיט די בערד איז געווען טרייסט.

פאַר די הילצערנע הייזער האָבּן שכנים געשטעלט אונטער די דעכער פעסער מיט קובלעס, דער אַפּלויף זאָל אַריינרינען.

אויף אַ ברעט, וואָס איז געשוואומען איבערן וואַסער, איז רייטנדיק, ווי אַמאָל דער מקובל ר' שלמה אַלקאַביץ, געזעסן אַן אָנגעפּעלצטער זקן, מיט שוויים איבער די גערונצלטע באַקן, מיט שוויים אין די פלעכטן באָרד. און ס'האָט אים גאָרנישט נישט גע־אַרט.

אייניציקווייז האָבּן פון זייטיקע ליקעס אַרויסשפּאַצירט שיך־פוצערס מיט געפּלאָכטענע שטרוי־בענקלעך אויף די אַקסלען, אין די הענט קעסטלעך מיט אויסגעשטעלטע גלאַזורן, פּאַמאַדעס און באַרשטן.

אַראַבערקעס אין לאַכמאַנעס ווי פלעדערמייז, האָבּן זיך צע־שאָטן אינמיטן מאַרק, און מיט עמערס און בלעכן גענומען אויס־שעפּן די איבערגעלאָפענע גריבער.

צדוקן האָט דאָס אַלץ נישט געאַרט. אַ שאָדן מער, אַ שאָדן ווייניקער — די רעגירונג וועט פאַרריכטן — ס'איז אים בלויז גע־גאַנגען אין דעם, די ישיבה, די שול זאָלן נישט האָבּן געליטן. אַ פאַרזאָרגטער איז ער צוגעגאַנגען צו אַ געסל ביים כנרת, זוכנדיק צווישן די דורכגייער אַ באַקאַנט פּנים.

דער כנרת, גרין און גרוי ווי אַ רעגן־כמאַרע, האָט זיך איבער־געקאָכט. איבער די געדיכטע וועלן אַ שטילשטאַנד. קיין לאָדקע, קיין זעגל־שיפל. אינם קוואַל־וואַסער, וואָס איז געווען היים און שוימיק, ווי אין אַ תמוז־חמימה, האָבּן זיך געבאָדן דריי קליינע

אראבעלעך, שווארצע און דורכגעבאקענע, ווי טונקעלע פראים.

צדוק האט זיך נישט געחידושט, וואס אין אזא קעלט, באדן זיך די שקצים אין ים. ער האט צוגעשאקלט מיטן קאפ, ווייסנדיק, אז זיי, ישמעאלס אייניקלעך וועט דער רוח נישט נעמען, ס'האט זייער זיידע ישמעאל אין דער מדבר אויך קיין זאך נישט פאסירט.

ער האט זיך געוואלט אויסדרייען, צוריקגיין. א ייד מיט צווי צעפלאשטשעטע באָרד־שפיצן, ווי אנגעצויגענע זעגלען, איז אים אקעגן געקומען.

— גוט מארגן, ר' צדוק, שוין נאכן אנבייסן?

— וואס עפעס אויף איינמאל אזא שאלה, יחיאל?

— שלעכט, צדוק. דער מבול האט אנגעמאכט א חורבן. די ישיבה „תפארת בחורים'' שטייט אינגאנצן פארגאסן, מען דארף צונויפנעמען דאס יונגוואַרג, מען דארף אויסשעפן דעם טייך...

— נו? — האט צדוק נישט געוווסט, צי יחיאל האלט אים פאר א יונגערמאן.

— כ'מיין אייער זרח. ברענגט אים. מיינע ביידע בנים אר־בעטן שוין פון פארטאג אן.

— גלייבט מיר, יחיאל, כ'האב איבער אים אזא דעה, ווי איבערן טערקישן סולטאן.

— כ'קלער נישט פונדעסטוועגן, דאס ער וועט אפזאגן — האט יחיאל געשמייכלט — פארט א מצוה־זאך! רופט אים, צדוק.

ווען צדוק וואלט געהאט רעדער, אנשטאט פיס, וואלט ער גי־כער זיך נישט געקענט מאכן אין וועג אריין. ער האט געטאפטשעט, צוריק איבער ליים־גריבלעך, אריבער וואסער סטאוון און איידער ער האט זיך ארומגעקוקט, איז ער שוין געשטאנען ביי זיין שטיבל.

ער האט געוואלט עפענען די הילצערנע טיר. ס'איז געווען פארמאכט. איבערן קייטל איז געהאנגען א שלאס. צוליב וואס זרח האט אזוי נויטיק איצט געדארפט אוועק, האט דער אלטער נישט באנומען. ער האט דאך געדארפט ווארטן, צוגרייטן אנבייסן. האט עפעס פאסירט?

א בליק צו די פארגאסענע הייזלעך. א בליק צום שול־געסל אנטקעגן. דאס אויג איז געפאלן אויף צווי שורות לייוונטענע בייד־

לעך און באראקן, ווו ארוב האט געווימלט ווי אין א מוראשקע־נעסט.

דאס איז געווען דער נייער טבריהער „קבוץ". בחורים מיט מיידלעך אין קורצע הייזלעך ווי מייטקעס, האבן פארריכט די צע־נומענע באראקן־ווענט, האבן צוריק אנגעצויגן די איינגעפאלענע ביידילעך. מען האט געגראבן גריבער און מיט גרויסע בעזימס ארייַנ־געקערט די טייכן, וואס האבן געפליוכעט ווי וואסער־פאלן. בראש פון די קבוצניקעס איז געשטאנען זרח, א צעווייקטער און קאמאנ־דעוועט ווי א גענעראל.

פאר צדוקן איז מער נישט געווען קיין וואסערן דורכצוגיין, קיין גריבלעך אריבערצושפרייזן. מער מיט שווימען ווי מיט לויפן איז ער צוגעקומען צום קבוץ.

זרח א פארשולדיקטער איז דעם פאטער אקעגן געגאנגען:

— ווילסט דעם שליסל, טאטע?

— די מינוט קום מיט מיר! — האט דער אלטער געזאגט פאר־בעס—אויב זיין א שואב־מים, א וואסער־שעפער, איז שוין בילכער, זאלסט עס זיין אין דער ישיבה, ווו ס'זיצן תלמידי־חכמים.

— ביי דיר, טאטע, איז די ישיבה בילכער.

— און ביי דיר נישט? — האבן ביים אלטן די שטייפע ברעמען ווי הערנער, זיך געהויבן — זרח, דו ביסט געבוירן אין טבריה. האסט זיך געכאוועט אין קלויז, געלערנט אין דער זעלבער ישיבה, און אז ס'איז א שעת־חירום, העלפסטו גאר די אנגעלאפענע חלוצים? די באד־יונגען?

—ווער ס'זענען די באד־יונגען, צי מיר חלוצים, צי דיינע למדנים, דאס ווייסן מיר!

— ווייסט מען טאקע! — האט צדוק א געשריי געטון — ווען, זאג מיר, האט מען געוווסט אין ארץ־ישראל פון א „קבוץ", ווו מאנסבילן און נקבות ווינען צוזאמען, טוען אפ מעשי־סדום?

— טארסט אזוי נישט רעדן, טאטע! — האט זרח זיך אקעגן געשטעלט.

צדוק, וואס האט געוואלט דעם זון אפמעסטן א פאטש, האט זיך צוריקגעצויגן. ער האט געפילט, אז ס'איז פארשפילט. צו וואס

שטראָף־רייד? צו וואָס דאָס שפּרינגען פון דער פעל? אַז זיין זון, פרעמדע זין, אַלע שליסן זיך אָן אינם נייעם דור. זיי רייסן איבער מיט יידישקייט, וואָס ווערט אונטערגעשוואַנקען, פּונקט ווי די הייזער, ווי די געסלעך, ווי גאַנץ טבריה.

א געקרענקטער האָט ער זיך געלאָזט צו דער פאַרפלייצטער ישיבה.

אן אמעריקאנער

ליימיקע קנופן ערד זענען געווען צעווארפן איבער דער פלאך. דא און דארט האבן די קנופן זיך געבערגלט, זיך געהויקערט, א הארב ארויף א הארב אראפ, פארווארפנדיק א טאל איבער א טאל. און אין די טאלן, וווּ ס׳האט זיך געקאלערט א שמאלער טרוקענער פאס, ווי אן אויסגעטרעטענער וועג — האט זיך ארויסגעהויבן א בנין.

פון דער נאענט האט דער בנין דערמאנט א גרויסן טויבן־שלאק. דער שינדל־דאך, די שמאלע פענסטער ווי עפענונגען האבן צוגעגעבן דעם הויז אומהיימלעכקייט, ווי עס וואלט שוין יארן גע־שטאנען פארלאזט. דאס הויז האט זיך געטונקען אין בייטן גרינס און שרונטן יונגע פלאנצן. א פארקאן האט ארומגעגארטלט די פלאנצן — אפגעשניטן דעם שטיק שפּע פון דער ליימיקער ערד.

גארדאן, א גרויער, א נישט־באוועגלעכער מיט א רויטלעך אנ־געקרעפּט פנים, האט זיך אפּגעקייקלט פון הינטערן פארקאן. גיי־ענדיק האט ער געשיקט זיין בויך פאראויס מיט אזא חשיבות, ווי א מעוברת, וואס האלט ביי איר ערשטלינג. ער האט ארויסגעליינט פון דער האנט א צייניקע גראבליע, נישט צופרידן א קוק געטון אויף זיין הילוך, אויף די פארבלאטיקטע סאנדאלן. ער האט אראפּ־גענומען זיין ברייטן שטרוי־קאפעליוש ווי א זון שירם, א גלעט געטון דעם ווייסן קנופּ האר און געווישט די ריטשקעלעך שווייס, וואס האבן זיך געשנירט איבערן שטערן, איבערן האלז. מיט איין קער האט ער ארומגענומען דעם גאנצן שטח. דאס אויג האט אויפ־געזוכט א שטיין, ווו זיך צוצוזעצן. גארדאן האט זיך א בויג גע־טון, געוואלט צוקייקלען דעם שטיין און דערפילט אזא משא אי־בערן חוט־השדרה, ווי דער גוף וואלט זיך געהאלטן ביים איבער־

ברעכן, וואָלט נישט אויסגעהאַלטן דעם זעכצניעריקן עלטער.

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ פּאַרקאַן און געקוקט, ווי דער טאָג צעגאַנגט אויס. פלאַמיקע שטיקער זון האָבן זיך געקילט, זיך געלאַשן און פאַרטרונקען די אויפגעשאָסענע בערג אַרום. פון אַ זייטיקער סטעזשקע איז אָנגעריטן אַ מילכיקער, אַ צעוואַקסענער יונג אויף אַן אייזעלע, וואָס איז געווען באַהאָנגען פון ביידע זייטן מיט בלעכערנע קאַנען. פאַרן פּאַרקאַן האָט דאָס אייזעלע זיך פאַרהאַלטן. דער מילכיקער איז אַראָפּגעשפּרונגען — געבליבן שטיין מיט אַ פּאָר פּלייצעס אויסגעהאַקטע ווי ווענט. ער האָט אַ הויב געטון אַ קוואַרט, גרייט אָנצומעסטן די מילך, און פון דערווייטנס זיך באַגריסט:

— שלום, מיסטער גאָרדאָן!

— שלום, חלוץ — איז דער אַלטער אים אַקעגן געגאַנגען — אַרבעטסטו? צעפירסט אַלץ די מילך?

א ברירה האָט מען? — האָט דער יונג געשמייכלט — אַבי מען זיצט אין ארץ־ישראל.

— ווען איך האָב דיינע יאָרן און דיינע הענט, וואָלט איך דאָ נישט געזעסן, האָט גאָרדאָן געכאַפּט התפעלות פון דעם יונגנס מוסקולן, פון זיין קאַרק, זיין געשטעל — אין קאַליפאָרניע וואָלט איך געפאָרן.

— וואָס וואָלט איר דאָרט געמאַכט, מיסטער?

— אזא באַי ווי דו האָט קיין צרות נישט... — האָבן די אויגן ביים אַלטן גענומען בלישטשען — וואָלסט געקענט מאַכן אַ שענע״ן לעבן. ווען דו אַרבעטסט ביי אַ פאַרמער, וואָלסטו נאָך אָפּגעשפּאָרט פון די „ווײַדזשעס” און זיך אַרויפגעאַרבעט. וויפל פאַרדינסטו דען דאָ אַ וואָך? קענסט אויסהאַלטן אַ ווייב?

— ניין.

— זעסטו! — האָט גאָרדאָן פאַרלייגט זיינע קורצע הענט אויף אַהינטער — ארץ־ישראל איז אַ לאַנד פון שנאָרערס און מוראשקעס... דיך, אַ חלוץ, טשעפּעט מען נישט, אָבער, אַז מען טרעפט מיך, אַן אַמעריקאַנער, וואָלט מען ביי מיר גליַיך די בע־בעכעס אַרויסגענומען... גיב זיי! נאָר גיב! בויט מען אין ירושלים

א בית יתומים — רייסט מען דיר אָפּ די פּאָלעס, דאַרף מען אין תל־אביב פּאַרטיק מאַכן אַ מושב זקנים, אַ „סקול" — קומט מען נאָך נדבות, איצט די מוראַשקעס? זיי פּילן דאָך אָן אַלע שאַפּעס, פּרעסן דיך לעבעדיקערהייט...

דער מילכיקער האָט געזען, אַז דער אַלטער אַמעריקאַנער איז היינט אָנגעדרודלט. עפּעס קוועטשט אים אונטערן נאַפּל. מסתמא איז ער די נאַכט שלעכט געשלאָפן, אָדער דאָס ווייב איז געפאָרן; אין שטאָט אריין מאַכן אַ נייעם איינקויף, ער איז זיכער געווען, אַז דער אַלטער קען אים אַזוי אָפּהאַלטן ביזן אָוונט און, ווען ער טרעפט נישט גראָד אים, קען ער זיך אַראָפּרעדן פאַר די שטיינער אויך, דער יונג האָט אַראָפּגעבונדן פון אייזל מיט איין האַנט אַ קאַן מילך, אין דער צווייטער אַ כאַפּ געטון די קוואַרט און אונטערגע־טראָגן גלייך אין פּנים אריין.

— וויפל אריינגיסן?

— כ'דאַרף נישט היינט! — האָט גאָרדאָן זיך געבייזערט — נישטאָ ווער עס זאָל טרינקען! אַז די באַלעבאָסטע איז אין „רום" נישטאָ, דאַרף מען קיין מילך נישט. כ'דאַרף קיין פּוטער, קיין קעז אויך נישט, כ'דאַרף גאָרנישט!

דער מילכיקער האָט נישט אויסגעהערט דעם אַלטנס געשרייען. ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפן אייזל, גענומען אַפּרייטן. און אַז דאָס אייזעלע איז שוין געווען אָפּגעלאָפן עטלעכע צענדליק טריט, האָט דער יונג צוריק אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין דער זייט פון גאָר־דאָנען און הויך געלאַכט.

— כ'האָב זי געזען אין גאַראַזש.

— וועמען?

— אייער מיסעס!

— האַ? — איז דאָס קול ביים אַלטן געבליבן שטעקן אין גאָרגל.

ער האָט נאָכגעשיקט דעם יונג אַ קללה, דערנאָך אַ שאַר געטון פון זיך אַליין, ווי עפּעס וואָלט אים געשטאָכן אין ווייג, און מיט צענומענע הענט ווי אַ צעפליגלטער האָט ער זיך געלאָזט מיט דער סטעזשקע צום גאַראַזש.

גאָרדאָן איז געווען אויסגעשעפּט. נישט דאָס ערשטע מאָל, ווי

דאָס ווייב מאַכט אים „טראָבל״. ער איז זיכער געווען, אַז ווען זי וועט אים צוויי מאָל אָפּשפּילן אַזאַ חתונה, קריגט ער אַ האַרץ־שלאָק. פאַר דעם יאָר וואָס ער האָט חתונה געהאַט, האָט ער שיר נישט געפּטרט דאָס געזונט. צו דעם האָט ער אויף דער עלטער זיך איינגעריסן מיט די קינדער, פאַרלאָזט אַמעריקע און געקומען אַהער חתונה האָבן מיט אַ „פּאַלעסטינערקע״, זי זאָל צעשלאָגן זיין געלט... ווען ער וויים דאָס פריער, וואָלט זיין פוס דאָ נישט אַראָפּגעטרעטן. ער וואָלט וויטער געלעבט אַליין, וואָלט געווען באַלעבאָס איבער זיך און געזען דער טאָלער זאָל זיך טאָפּלען.

ווי נאָר ער איז אַראָפּ פון שיף, האָבן שדכנים גענומען אָפּשלאָגן די טירן פון האָטעל. ער האָט געטריבן פון זיך די „קאָמעדיאַנטן״, ד.ה. ארץ־ישראל־יידלעך, אַליין אָנגעהויבן קומען צווישן אַמעריקאַנער, זיך פּאַרטרויט פאַר זיי, וועמען ער מיינט: אַ פרומע, אַן אָפּגעהיטענע, זאָל נישט גיין אויף שטאָלצן. און ווען לאַנדסלייט האָבן אים אונטערגעטראָגן עפּעס פּאַסיקס, אַ היימישע גרושה, מיטליאָריק, נישט קיין אויסגעברענגערין, האָט ער באַשלאָסן מיט איר חתונה צו האָבן, ווייזן זיינע שנורס אין אַמעריקע, אַז ער איז נישט אָנגעוויזן אויף זיי, ער קען זיך אַליין צוריק אויפשטעלן אַהיים. גלייך נאָך דער חופּה האָט ער דעם נייעם ווייבל אָפּגעשריבן זעקס הונדערט פונט, ער האָט אויסגעבויט אַ „רום״ הינטער „רמת־גן״, ווו ס'איז נישט קיין טומל, און געהאַפט אַזוי אויסצולעבן זיין עלטער אין ארץ־ישראל.

אין אַ חודש אַרום האָט גאַרדאַן זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט געפּאַקט אַ שלאָק. מיט יעדן טאָג האָט דאָס טשעק ביכל, וואָס ער האָט באַשטימט פאַר דער הויז־ווירטשאַפט, גענומען איינדאַרן. די הוצאות זענען געוואָרן אַלץ גרעסער. דאָ האָט זי געקויפט אַ נייע טואַלעט איינריכטונג, אַ קרישטאָלענע קאַנדעליאַברע, דאָ געטוישט דאָס מעבל אין שפּייז־צימער און פונקט ווי זי האָט פריער צוגעזאָגט זיך צו באַנוגענען מיט דאָס ווינציקסטע, אַזוי האָט זי איצט געזוכט וואָס מער אויסצוברענגען, טראַכטנדיק, אַז סיי ווי וועט זי אים איבערלעבן, וועט זי אַלץ ירשענען. גאַרדאַן איז אַרומגעגאַנגען אין איין שרעק, דאָס ווייב זאָל אים נישט אָפּסמען. ער האָט געע־

טראכט ביי דער ערשטער געלעגנהייט זי צו שלאָגן פאַר א כפּרה, זיכער געווען אָבער, אַז ער וועט פאַר דעם „פלעזשור" טייער באַצאָלן, און ער האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן.

גאָרדאָן האָט געשפּאַנט גיכער. א רויט שטיק זון ווי א פאַר־לאָפן אויג האָט זיך געקאַלערט הינטער די בערג. דאָס פינצטערניש האָט זיך געשפּרייט און צוגעדעקט די פלאַכע שרונטן בלומען, די יונגע פּרדסים. שפּריצערס, ווי פאַנטאַנען האָבן דרייענדיק זיך אויטאָמאַטיש באַוואַסערט די בלומען. די פּירקאַנטיקע פלאַכן, פאַר־זייט מיט מאַראַנצן־ביימער, מיט שורות קוקורוזע, אויבסט — האָבן זיך געשפּאָלטן, זיך געפּערטלט און אויסגעזען פון דערווייטנס ווי א קאָלירטע שאַך־ברעט.

צווישן די קוסטעס זענען געלעגן א בחור מיט א מיידל אָרום־געהאַלזט, ווי זיי וואָלטן געווען צונויפגעקניפּט. גאָרדאָן האָט גע־קוקט אויפן פּאָרל, טראַכטנדיק, אַז מסתּמא איז זי אַלט צוואַנציק יאָר, ער — צוואַנציק. ס'איז ליבע! און וואָס איז ביי אים געווען? מאַנקי־ביזנעס! צוזאַמען מיט זיין ווייסן קאָפּ האָט דאָס ווייב אויך איבערגענומען זיין פּראַצע, זיין פאַרמעגן, וואָס ער האָט אויפגעזאַמלט פאַר א האַלב לעבן אין טשיקאַגאָ.

גאָרדאָן איז אַראָפּ אין טאָל. ער איז צוגעקומען צו א פלאַ־טשיק הייזל מיט א געשניצטער פּאַסאַדע. אין פראָנט איז געווען א פאַרמאַכטע טעראַסע. גאָרדאָן האָט א רוף געטון אין אַן אָפן פענסטער:

— העלאָו. גרין!

— שלום, גאָרדאָן! — האָט דורכן פענסטער זיך אַרויסגע־בויגן א מיטליאָריקער מאַן און א געשטרייפטן פּיזשאַמע־ראָק מיט בלויע לאַצן: — וואָס איז דער מער, אַזוי שפּעט?

— כ'גיי זוכן מיין בתולה! — איז גאָרדאָן בייז געווען, וואָס גרין, אַן אייגענער, מאַכט זיך תּמעוואַטע.

— האַרי אָפּ! — האָט גרין ליכטיק געמאַכט אויף דער טע־ראַסע — ווידער אַנטלאָפן?

— נאָך אין באַגינען איז זי געפאָרן אין שטאָט זוכן „פיינ־

מערס'', זיי זאָלן מאָלן די ,,רוס'', און ביז איצט איז איר געבײן נישטאָ צוריק.

— גוט אויף אייך, גאָרדאָן! — איז גרין אַרויס פון דער טע־ראַסע אין די טעניס־שיך, בעת זיינע פריש־געגאָלטע באַקן האָבן געגלאַנצט הינטערן לאָמפּ־שיין, ווי זיי וואָלטן געווען אויסגעשמירט מיט חלב — כ'האָב צו אייך שטענדיק געטענהט, אַז איך, וואָס בין מיט פונצן יאָר יינגער פאַר אייך, קען פירן אַ בחורייש לעבן, דאַרפט איר אויך קענען! מען דאַרף נאָר אַ שטופּ טון דעם יצר־הרע... נישט איינער האָט זיך אַזוי באַנאַרישט אויף דער עלטער! און כ'זע נישט די גליקן ביי די פאַרהייראַטע; מיט וואָס האָט זי דאָס אייך אַזוי גענומען, די ,,פּאַלעסטינערקע''? מיט איר צניעות, צי מיט אירע ,,קייק־באַקן''? שור! האָט גרין זיך אַ פּאַטש געטון אין די הענט — כ'פאַרשטיי שוין איצט, פאַרוואָס איר האָט שטענדיק דערציילט, אַז ווען זי באַקט אַ ,,טשיס־קייק'', איז עס אַ ,,פּלעזשור'' צו עסן...

— נייטיק עס באַדאַרפט, גרין! — האָט גאָרדאָן אָנגעהויבן פון דאָס ניי — דרייסיק יאָר האָב איך געלעבט ווי אַ ,,רושעדזשיז''. געווען באַלעבאָס איבער זיך, געהיטן דעם טאַלער. איצט קומט אַ פרעמדע און צעפּאַטשקעט מיינע געלטער... וואָס אַרט איר דען? זי האָט אַ סך געהאַרעוועט אויף דעם פאַרמעגן?

— איך אויף אייער פּלאַץ, וואָלט איר שוין לאַנג געגעבן אַ גט — האָט גרין אים פאַרזיכערט.

— ווער האַלט ביי אַ גט, ווער—האָט גאָרדאָן זיך צעשריגן.— זי וויל מען זאָל מאַכן אַ ברית, און ער רעדט נאָר פון אַ גט; אַ מכּה וועט זי ביי מיר האָבן, נישט קיין ברית; זי מיינט, כ'בין אַ יאָלד, מיינט זי? כ'האָב שוין, ווער ס'זאָל מיך ירשענען...

אויף גאָרדאָנס געשרייען האָט זיך געעפנט אַ לאָדן פון אַ שכנותדיק הייזל. אַ קאָפּ האָט זיך אַרויסגעשטעקט — זיך איינגע־הערט. פון די הייזלעך, וואָס זענען געווען פאַרזייט אין טאָל ווי שוואָמען, האָבן זיך גענומען אויפפּראַלן טירן. שכנים האָבן זיך אַרויסגערוקט אויף די שוועלן און אָנגעשפּיצט די אויערן.

גרין האָט זיך געשטיקט פון געלעכטער. ער האָט געטראַכט,

אז בײַ גאַרדאַנען אין הויז איז אַ „מוּאווי'', וווּ דער מאַן איז אַן „עקטער'', דאָס ווײַב — אַ „סטאַר'', און ווען ס'זאָל נאָך זײַן אַ קינד אין שטוב, וואָלט עס געווען דאָס „פּוּבליק''. ער האָט זיך אַ קער געטון.

— גייט אַהיים, גאַרדאַן, און באַשליסט, וואָס איר האָט צו טון. אַדער זיך גטן... און אַז עס וועט זיך מאַכן מיט דער צײַט אַ ברית — איז אויך נישט קיין מאַלער... אדרבא! ס'וועט זײַן מיט וואָס צו פאַרטרײַבן די צרות... אַבי עפּעס אַרץ־ישׂראלדיקעס, אַ „צאַבּרע''! האָט גרין זיך צעלאַכט עם־הארציש — איר, גאַרדאַן, דאַרפט אָבער אויך אין דעם אַ חלק האָבן... כ'מיין, אַז אַ ווײַב שפּאַרט זיך דווקא אײַן אַ ברית, און דער מאַן וויל נישט, קען זי עס אַמאָל באַשטעלן בײַ אַ פרעמדן...

גאַרדאַן איז בײַז געווען, וואָס גרין טרײַבט שפּאַס, רעדט ניבול פּה, בעת ער, גאַרדאַן, עסט זיך פון קרענקעניש. ער האָט זיך אויסגעדרייט און אים אָפּגעזעגנט!

— שלום, גרין!

— גוד באַי, גאַרדאַן! מאָרגן, מיט אַ בעסער געמיט!

גאַרדאַן איז אַרויף אויף דער סטעזשקע און געשניטן צום גאַראַזש. איצט — האָט ער געטראַכט — וועט ער אַ סוף מאַכן! אַהין אָדער אַהער! און אַז ער וועט זי נישט פּאַקן אויפן וועג, וועט ער צוריקגיין, וואַרטן אויף איר אין דער היים. גאַרדאַן איז מיד געוואָרן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר בושה, ישוין אַ מאָל געטון מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צוריק גיין און מיט אַמאָל דערהערט ווײַבע טריט. ער האָט געזען ווי זײַן ווײַב, אַ באַ־לייבטע, אַ פולע, גייט אים אַקעגן, ווי אַ קראַנקע קו, און ער איז געבליבן שטיין:

— חוה!

— יאָ, מציאה מײַנע! — איז ס'ווײַב, אין אַ לאַנגן קלייד מיט אַ שלעפּ איבער די אַקסלען — אַ קורצע פעלערינע, אים אָנ־געפאַרן מיט מענה־לשון — ווי לאָזט עס אַ מאַנסביל איבער בײַ־נאַכט אַ פאַרמעגן אויף הפקר און שפּאַצירט זיך אויפן כביש?

— האָסט מיך דען צוגענומען פאַר אַ שומר? האָט זיך גע־

מאַכט האַרץ גאַרדאַן, זי אָנגעקוקט מעשה־באַלעבאָס און געטראַכט, אַז אַליץ, וואָס זי טראָגט אויף זיך איז זיינס, געהער צו אים! — יאָ, ווו זענען די „פיינטערס". מען האָט דאָך געזאָלט פאַרבן די „רום"!

— עס גייט דיך אַ סך אָן, „גאָספּאָדאַזש"?—האָבן די קעצישע אויגן ביי איר זיך אָנגעצונדן — פאַר דיר איז גוט ווייטער צו וווינען אין דעם שמוציקן לאָך...

— געהערט? מיין „רום" געפעלט איר נישט! — האָט גאַר־דאָן געטיטלט מיטן גראָבן פינגער הינטער זיך און אריינגערעדט אין חשך, ווי מענטשן וואָלטן אים אויסגעהערט — אַז זי האָט גערינט אויף פּלעצער, געוואָשן דאָרט דעם פּאָל, די טרעפּ, דעמאָלט איז איר יאָ גוט געווען...

—ווער האָט גערינט? — האָט זי געגומען פּלומפּלען מיט די ליפּן, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, זי פּליט אים אין פּנים אריין — דו אַלטער תרח! די משרתים ביי מיר האָבן געהאַט אַ שענערן אויסזען. פאַר דיר אינטאַנצן... דו שמעגדע מיט ציממעס! בעטלער־קאָפּ! און אַז ס'פּאַסט דיר נישט דער יחוס, האָב איך דיר שוין טויזנט מאָל געזאָגט, כ'קען אויסקומען אָן דיר אויך! געדענק אָבער, ס'וועט דיך טייער קאָסטן דער שפּאַס! מיינסט, האָסט געטראָפן אויף אַ „וויט־שע", כ'קען נאָך אַזעלכע צען מאַנסבילן ווי דו, איבערלעבן!

זי האָט אַ פּאָך געטון מיט דער פּעלערינע, ווי מיט פליגלען, און איז פאַרשוווּנדן אין דער פינצטערניש. אַ שטומער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז גאַרדאַן נאָכגעגאַנגען ווי אַ פערד אין צוים. ער האָט געוווּסט, אַז ער וועט איר נישט ביי‌קומען, אַז זיין לעבן איז סיי ווי פאַרשפּילט. ער וועט אַזוי אָפּפינצטערן די רעשט יאָרן און אַ צעקנופּטער פון ווייטיק, אַ צונויפגעקאָרטשע־טער האָט ער זיך געלאָזט מיט דער פינסטערער סטעזשקע.

אין וואגאן

ווען די באן איז שטיין געבליבן אין בית"ר — איין סטאציע הינטער ירושלים, זענען אריכא מיט נתיבין אריינגעשפרונגען אין א וואגאן פון דריטער קלאס. זיי האבן פארכאפט פלעצער נעבן פענסטערל, דערנאך אראפגעלאזט פון די אקסלען די שווערע טאר־ניסטערס און אין זייער ספארט־הילוך, אפילו אין די זעלנער־שיך, האבן זיי דערמאנט ענגלישע סאלדאטן, וואס פארן אהיים אויף אורלויב.

דער וואגאן איז געווען האלב ליידיק. באלד האבן דורך די אריינגענג זיך גענומען שיטן פאסאזשירן, ירושלימער יידן, באפאהטע און באלאקטע, בארוועסע פעלאכן, אראבערקעס מיט פאר־האנגענע פנימער. ס'האט זיך געהערט א פייף, און דער צוג האט גערירט.

אריכא האט זיך ארומגעקוקט.

א שווארצער סודאנער, אין א ווייסן בורנוס, מיט א שטיק באָרד ווי א צאפ, האט זיך געדרייט איבערן וואגאן מיט א העננגל ווייַנטרויבן אין האנט. די בורשטין ־ הויט — פינקלדיק, די ווייסע, געזעגטע ציין — בלויז געלעכטער. ער האט פארפירט א שמועס מיט יעדן פאסאזשיר, פון פרייַנטשאפט אלעמען מכבד געווען מיט די טרויבן און קיינער האט נישט פארזוכט. צוויי אראבישע פרויען, ווי הארעם־ווייבער מיט שווארצע טיול־שלייערס אויף די פנימער, האבן זיך האסטיק פארבייגעטראגן צווישן די פאסאזשירן. זיי זענען אריין אין א זייטיקן קופע, פארהאקנדיק הינטער זיך די מאטע שויבן־טיר, קיין מאנסבילש אויג זאל זיי נישט טרעפן. אריכא האט א שטויס געטון נתיבין.

— זעסטו? נשים צדקניות.

— וואָס קוקסטו דאָרט, ווו מען טאָר נישט, אַז אַט האָסטו אַן אָפֿן פּנים — האָט נתיבֿי זיך געקעמט מיט די פֿינגער די קנוילן פֿלאַקסענע האָר.

— ווו? — האָט אַריכאַ אויסגעגלאָצט די אויגן איבערן וואַגאָן.

לאַנג האָט ער נישט געדאַרפֿט זוכן. אַקעגן אויף אַ באַנק, איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אַ בלאָנד מיידל, מיט אַ קאָפּ צעוויקלטע פּאַפּילאָטן, אַז אַריכאַן איז העל געוואָרן אין מח. די קניען האָבן ביי אים געציטערט. ס'מיידל האָט אפֿילו נישט קיין קוק געטון אויף אַריכאַן, נישט אויף נתיבֿין. זי האָט פֿאַרלייגט איין פֿוס אויפֿן צווייטן, געראויכערט אַ סיגאַרעט, מיט אַזאַ געלאַסנקייט, אַז ביידע יונגען זענען שיִר משוגע געוואָרן.

אַריכאַ איז זיכער געווען, אַז דאָס איז נישט קיין תּל־אָבֿיבֿער יפֿה־פֿיה, קיין „קאַריאָקאַ"־מיידל, וואָס פֿאָרט קיין ירושלים אַ לעב טון. זי איז אַן איינגעטע, אַ שוועסטער פֿון חדריה, צי פֿון בית־אלפֿא. טאַ פֿאַרוואָס אַזאַ שטייפֿע האַלטונג? צו וואָס דער אָנשטעל?

אַריכאַ האָט זיך פֿאַרריכט די האָר, נישט ווילנדיק אַ כאַפּ געטון זיך פֿאַרן אָפֿענעם קאָלנער, ווו ס'האָט געדאַרפֿט זיך שלייפֿן אַ קראַוואַט. ער האָט באַקומען לשון.

— אַ תּל־אָבֿיבֿערין?

— איר מוזט עס נייטיק וויסן? — האָט דאָס מיידל אָפּגעמאָסטן אויף אַריכאַן אַ לאַנגן קנויל רויך ווי אַ בייטש.

— און אַז כ'טראָג נישט קיין ברייטע טשאַרלסטאָן־הויזן, האָרפּט איר מיר אַזוי ענטפֿערן? — האָט אַריכאַ זיך נישט אָפּגעשראָקן פֿאַרן אָפּשניט — כ'בין טאַקע נישט קיין סאַלאָן־טענצער, אָבער אין אַן אַמעתער „האָרא" קען איך אויך הויבן אַ פֿוס, וואָס נתיבֿי? — האָט ער זיך געווענדעט צום חבֿר — ווו זענען אונזערע וואַרעמע קבֿוצה־מיידלעך? די אהובֿהס, די זהבֿהס?

— דאָ זוכסטו אהובֿהס מיט זהבֿהס, טפּש! — האָט נתיבֿי זיך צעשריגן — זיי זענען געווען. די אהובֿהס מיט זהבֿהס, מיט צען יאָר צוריק אין אַלע פּונקטן. אין עמק, אין שרון, אין גליל. איצט זענען זיי זיך צעלאָפֿן אין די שטעט. פֿון אהובֿה — איז גע־

ווערן לעגיא, פון זהבה — סאלאמעא. אוים שטאל־מיידלעך! אוים קיך־מיידלעך! מען איז געווארן תל־אביבער „באַרישניעס", ירושלימער „ליידיס". און דו אליין, אריכא? צייט מען האט אויפ־געהערט צו ארבעטן אויפן בבייש, קריכסטו אויך פון דער אייגענער פעל. וועסט הייגט־מארגן אריינקריכן — ווי יענער פרענק — אין א געפרעסטן אנצוג, וועסט דיר אנטון א „דג־מלוח"*) און דא אין מיטן דריגען — גיב אים אן אהובה, א זהבה.

— איך הייס אויך זהובה — איז דאס מיידל געווארן ווייכער.

— טאקע זהבה? — האט אריכא אויפגעכאפט דעם נאמען.

— און אין א קבוצה, זייט איר אפשר אויך געווען? — האט נתיבי אויך גענומען א ווארט.

— נישט בלויז געווען, נאר אויך געארבעט א יאר אין אילת־השחר. כ'בין אבער גיך מיד געווארן און בין אוועק פון דארט.

— ווייל מיידלעך פארבליען אין דער קבוצה? — האט אריכא געפאקט דעם טאן.

— מענער האבן נישט ליב פרויען, וואס האבן צו טון מיט משק, מיט פעלד. דערפאלג האט טאקע דאס „קאריאקא"־מיידל. מען קוקט נאך די קאקעטע. און איך וויל געפעלן ווערן די מענער.

— דאס זעט מען — האט אריכא געשמייכלט.

— צי מען זעט צי נישט — האט זהבה ארויסגעווארפן דאס אויסגעריכערטע ציגארעטל דורכן וואגאן־פענסטער — און ווען איך וואלט איצט געקומען פון א קבוצה, וואלט איר צומאל זיך אויף מיר אומגעקוקט, וואלט איר געווען נייגעריק ווער איך בין? דאס געפאסטע קליידל, דער קאפ מיט די פאפילאטן, מיין געפלעגט פנימל, אט וואס עס ציט אייך.

אריכא האט באטראכט זהבהן. דאס פנימל אפן ווי א קארט, די גרינגלעכע דורכזיכטיקע הויט — איילבירטן־קאליר. אויגן שווארצע, וואס ברענען דורך. און נישט נאר דער שמייכל ארום די דינע מויל־ווינקלען, נאר אויך די שטומקייט פון געזיכט האט ארופגערעדט. דאס אלץ האט אריכאן געפרייט, אויפווייזנדיק, דאס

---

*) דג־מלוח — קראוואט (אויף שפאט־לשון)

זהבה איז אַן אָפן מײדל, אַ היימישע חלוצה. און אַז זי האָט ליב קאָקעטעריי, איז וואָס? איר, זהבהן דאַרף מען אַזױנס פאַרגינען.

אַ הײזעריקער לאָקאָמאָטיװ — פֿײַף האָט זיך דורכגעשניטן. אַ סיגנאַל — מען איז נאָענט צו ירושלים. זהבה האָט זיך אויפגע־שטעלט, האָט גענומען איר האַנט־וואַליזע און אָנגעמאָסטן איבערן שטערן אַ בלויען בערעט.

אויס מורא די פּאַסאַזשירקע זאָל אים נישט פאַרשווינדן פון אויג, האָט ער אַ פרעג געטון.

— ווו וווינט איר אין ירושלים?

— איר וואַרט שוין אויף אַן איינלאַדונג? — האָבן זהבהס אויגן געלאַכט.

— און איר גלויבט, דאָס איר זייט שוין מײַנע פּטור? — האָט אריכא מיטגעלאַכט — די באַקאַנטשאַפט הויבט זיך ערשט אָן.

— גוט. אָבער מיט דעם אַדרעס וואַרט צו. אַז איר זייט אַזאַ דזשענטעלמען, קענט איר מיך באַגלייטן מיט דער וואַליזע אויך!

— מיט פאַרגעניגן, זהבה.

פון גדולה האָט אריכא זיך איבערגעזעצט נעבן דעם מײדל. ער האָט געשטורכעט נתיבין אין אַקסל:

— נו, לאָקש? אַ מזל זאָל מען האָבן!... קריגסט אײן אָפּ־שטויס, אַ צווייטן אָפּשטויס. ביים דריטן אָנבאָט, מוז יעדע פרוי ווערן נאָכגיביק.

אין וואַגאָן האָט זיך באַוויזן אַן אַראַבישער פּאָליציאַנט, אַ באַוואָפנטער. ער האָט אַריינגעפירט צוויי ייִדישע מיידלעך מיט אַזאַ שטרענגקייט, גלייך דאָס וואָלטן געווען ווערברויבעריגס. אויף אַ באַנק אַנטקעגן אריכאַן, האָט ער אָנגעוויזן אַ פּלאַץ, די אַרעסטאַנט־קעס זאָלן זיך זעצן.

וויפל פּאַסאַזשירן ס'זענען נאָר געווען אין וואַגאָן, האָבן אַלע זיך געהויבן פון די ערטער אָנצוקוקן די געפאַנגענע „פייגעלעך".

די מיידלעך, טונקל־הויטיקע אין פאַרמאַכטע נאָגע־קליידער. די שוואַרצע צעפּ פאַרלייגט אין קריינדלעך, ווי ביי בוכאַרישע בתולות, האָבן זיך אַרומגעקוקט מיט איבערגעשראָקענע אויגן, גלייך מען וואָלט זיי אַריינגעלאָזט צווישן קאַניבאַלן.

דער ווייסער בורנוס האָט אַ בלענד געטון פאַר די אויגן. נעבן די פּאַסאַזשירקעס איז אויסגעוואַקסן דער סודאַנער מיט דעם הענגל ווײַנטרויבן. ער האָט אָנגעבאָטן.

ס'איז געגוג געווען איין האַנט־פּאַך פונם פּאַליציאַנט, דער סודאַנער זאָל זיך צונויפקורטשען אין אַ ווינקל, ווי אַן אײַנגע־גראָבענער קרעט.

נישט אַזוי אויס נײַגעריקייט, ווי אויס פאַרדרוס — האָט אריכאַ געלאָזט זיצן נתיבין מיט זהבן און זיך געשטעלט פאַר די מיידלעך. וווהין פירט זיי דער אַראַבער? און ווער זענען זיי, קודרישע טעכטער? אָרפּעלער, חלבער? דאָס אַלץ האָט אריכאַן גע־עגבערט. ער האָט געוווסט, אַז די מיידלעך וועלן אויף קיין שום לשון נישט קענען זיך מיט אים דורכרעדן. ער האָט אָנגעהויבן אויף העברעאיש:

— איר פאָרט נאָך ירושלים?

די מיידלעך האָבן געשאָקלט אויף ניין.

אריכאַ האָט געכאַפּט אַ קוק דורך די באַן־פענסטערלעך, געזען ווי דער צוג איז שוין היפּשע קילאָמעטער פון בית"ר שלענגלט זיך צווישן די אויסגעהאַקטע פעלזן־בערג, ווי דורך טונעלן, מען דער־נענטערט זיך צו דער ענד־סטאַציע, צו ירושלים. און וווהין פאָרן זיי?

אריכאַ האָט געפרעגט מיט די אויגן, געגאַפט אויף די מייד־לעך, געזען אין זייער שרעק שיינקייט. און דער פאַרדאַכט, אַז עפּעס אויסטערלישעס וועט געשען, איז נישט אָפּגעטרעטן. דערצו איז ער געווען אַזוי צעקאָכט, דאָס ער האָט צומאָל נישט קיין בליק געטון מער אויף זהבהן.

אַן אויסגעדאַרטער בחור, — בלויז חוט־השדרה — וואָס איז געזעסן מיט איין באַנק הינטער די מיידלעך, האָט אויסגעבויגן זיין לאַנגן האלז צו אריכאַן און אים אײַנגערוימט.

— די אַרעסטאַנטקעס זאָגן אמת. זיי בלייבן נישט אין ירושלים. מען פירט זיי נאָך בית־לחם.

— נאָך בית־לחם? — האָט אריכאַ איבערגעפרעגט.

— וואָס וווּנדערסטו זיך אַזוי, חבר? — האָט דער בחור זיך

אויפגעשטעלט און מיט א ווינק אנגעוויזן אויף די מיידלעך — ווייסטו דען נישט, אז פאר אזעלכע „בתולות" איז דא פלאץ אין הויז פון פרויען־פארברעכערינס?

— גנבטעס? — איז אריכא איינגעפאלן, דאס ער האט צו טון מיט צוויי פון יענע זונות, קארטן־ווארפעריננס צי גלאט פאר־ברעכערינס, פאר וועמען די רעגירונג האט צוגעגרייט אן אויסבע־סערונגס־נעסט אין בית־לחם.

— נישט קיין גנבטעס — האט דער אויסגעדארטער בחור אים איבערגעשלאגן — דאס זענען פערסישע מיידלעך, וואס האבן זיך אריינגעשמוגלט אין לאנד.

— און מען האט זיי געפאקט?

— ביים אריבערגיין די סיריש־ארץ־ישראלדיקע גרעניץ.

אריכא האט זיך אזש גענומען קראצן ביי די גערדיכטע קענ־הזשערס האר. הייסט עס, אז דאס געיעג נאך „אומלעגאלע" עולים, האט זיך ווידער אנגעהויבן? און אויף די א ווארט די תפיסה?

יארהונדערטער, יארטויזנטער גליט ס'בענקעניש נאך גאולה, און ווידער אמאל די זעלבע סתירה. אן „סערטיפיקאטן" אן „ווי־זעס", טאר דער יוד, דער פליט קיין דריסת־הרגל נישט האבן? אריכא האט זיך א ריס געטון. ווו לעבט ער? אין די צייטן פון הארדיאן, צי פון אנטיוכוס עפיפאנעס? און ווען ער פאקט איצט אזא „מוסר" צו אײנעם פון די גרעניץ־וואך, וואלט ער פון זיינע הענט קיין גאנצער נישט ארויס.

אריכא האט גענומען פלאנען. ער האט געוואלט א געשריי טון, דער גאנצער וואגן זאל זיך אויפכאפן. וואס שווייגן זיי, די יידן מיט די בערד? די חלוקהניקעס אין די זשופיצעס? און ווען מען וואלט געפירט יידישע טעכטער צו שמד, וואלטן זיי אויך נישט געעפנט די מיילער? מיט וואס איז גירוש־ארץ־ישראל בעסער פון שמד?

מיט די פלייצעס צום פאליציאנט, מיטן פנים צו די מיידלעך — אזוי האט אריכא זיך צונויפגערעדט מיט די געפאנגענע. פאר־ווייניטע מער מיט שטומע הענט־צייכנס, איידער מיט רייד, האבן די פערסישע מיידלעך איבערגעגעבן, ווי דאס „שווארצן" איז צו־

געגאַנגען, ווי מען האָט זיי געכאַפּט. און איצט וואַרט אויף זיי אַ תּפיסה.

אַריכאַ האָט געגעבן די ליפּן, זוכנדיק אַן אויסוועג. באַלד איז אים עפּעס איינגעפאַלן. ער האָט אויפגעלויכטן. ער קען העלפן! ער האָט זיך געווענדעט צו די מיידלעך.

— איר ווילט בלייבן אין ארץ־ישׂראל?

— אוודאי ווילן מיר.

— זאָלן מיר פאַר אייך טון?

— טוט פאַר אונדז! יהודים, רחמנים, טוט! — האָט איינע פון די מיידלעך געהויבן אירע ברוינע הענט, באַהאַנגען מיט מע־שענע אָרעם ־ בענדער.

— און איר וועט אַלץ פאָלגן?

— יאָ.

— אפילו חתונה האָבן?

די מיידלעך האָבן נישט פאַרשטאַנען. זיי האָבן געקוקט אויף אַריכאַן ווי איבערגעשראָקענע פייגל. ס'האָט זיך געהערט אַ לאָקאָ־מאָטיוו ־ פייף. די באַן האָט גענומען גיין לאַנגזאַמער. ס'האָט זיך אָקעגן גערוקט אַלט־ירושלים. מען האָט שוין אַרויסגעזען די חומה, דעם מגדל ־ דוד.

אים, אַריכאַן איז מער נישט געבליבן קיין צייט צו דערקלערן די מיידלעך, דאָס ער גייט זיי „חתונה מאַכן", אַז דערמיט, וואָס זיי וועלן ווערן געזעצלעכע ווייבער, צו אים, צו זיין חבר, קען מען זיי פון לאַנד נישט טרייבן.

מיט אַ פּאָר גזלנישע אויגן האָט אַריכאַ אַ קוק געטון אויף די ירושלימער יידן אין די רבנישע קאַפּעליושן, אין די זשופּיצעס, ווער פון זיי ס'האָט אַריינגעקוקט אין אַ ספר, ווער ס'האָט גע־דרעמלט. די ערשטע צוויי, אויף וועמען ס'אויג איז געפאַלן, האָט ער אַ נעם געטון פאַר די הענט און אַריינגעשריגן אין זייערע אויערן:

— איר וועט זיין עדות!

תּמעוואַטע האָבן די יידן אויף אים געגאַפט. אַריכאַ האָט צו־גערופן נתיבין מיט זהבהן, צוגערופן נאָך יידן. דער אַראַבישער פּאָליציאַנט, אַן איבערגעשראָקענער, דאָס מען גייט אויף אים, מען

וויל אים אנטוואַפּענען, האָט זיך אַרויסגעמאַכט פונם רעדל און געגאַנגען זוכן דעם באַן־אינספּעקטאָר.

אַריכאַ האָט געזען, ווי דער צוג שטעלט זיך. נאָך איין רגע, און מען שטייט אויף דער סטאַציע. ער האָט גיך אַראָפּגעצויגן פון אַ פינגער איין רינגל, אַרויסגעשלעפּט פון דער הויזן־קעשענע אַ צווייטס און יעם דערלאַנגט נתיבין.

— נאַ, חתן, זיי מקדש די כּלה!

דער עולם איז געשטאַנען מיט אָפענע מיילער.

ווי נאָר די צוויי „חתנים" מיט די רינגעלעך אויף די פינגער, האָבן אָפּגעזאָגט דעם „הרי־את" — האָט עמיץ אַ שליידער געטון אַ בראָנפן־קעליש־עקל. דער קלימפּער פון צעבראָכן גלאָז האָט דעם עולם אויפגעוועקט.

אַ קול איז געפאַלן:

— מזל־טוב!

פון צוויי מנינים מיילער האָט זיך אַרויסגעריסן:

— מזל טוב! מזל טוב! מזל טוב!

צפתער נעכט

ווי נאָר די נאַכט האָט זיך געשטעלט איבער צפת, איז דער געפּאַקטער אויטאָבוס, וואָס איז אָנגעלאָפן פון די באַוואַקסענע בערג, שטיין געבליבן אין גאַראַזש. די פּאַסאַזשירן האָבן אויסגעשטיגן. טייל האָבן זיך געלאָזט צו דער אַלטער שטאָט, דורך די זייטיקע קרומע געסלעך, טייל זענען געגאַנגען מיט נייעם שאָסיי. געבליבן דער לעצטער איז שילוני אַ ירושלימער סעמינאַר־לערער, וואָס איז געשיקט געוואָרן פונם אַרבעטער־ראַט פאַרצוטראָגן פאַר דער צפתער יוגנט וועגן די קאַמפן אַרום מסדה. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, אַ זיכערער, אַז מען איז אים געקומען אַפּוואַרטן, און נישט זעענדיק קיינעם אַרום זיך, האָט ער זיך געפילט גענערוועט.

שילוני איז געווען ס׳ערשטע מאָל אין צפת. דערצו איז איצט געווען נאַכט. ער האָט זיך געלאָזט גיין פאָראויס. אַנטקעגן, איינם קליינעם, שיטערן פאַרק זענען געזעסן אויף בענק זומער־געסט. חולאים, אָנגעטאָענע אין די שווערע מאַנטלען, אין סוועטערס און שאַלן, האָבן זיי זיך געשיצט קעגן ווינט, וואָס איז געקומען פון נאַקעטן באַרג־כנען אַנטקעגן.

שילוני האָט אָנגעקוואָלן פון דער תמוזדיקער קעלט און ס׳איז ביי אים קיין קלער נישט געווען, אַז דאָס בערגיקע גליל קען קאָנקורירן מיט די שווייצאַרישע אַלפּן. ס׳האָט אים בלויז פאַרדראָסן, וואָס יידישע אונטערנעמער, נוצן נישט אויס די נאַטור־רייכטימער פון צפון – ארץ – ישראל. מען בויט נישט אויס קיין קור־ערטער. ער האָט געקוקט דורכן גאָרטן־פאַרקאַן און געזען ווי אונטער די אויסגעטאָענע ביימער שטייען איינציקווייז יידן און דאַווענען. עס איז אַריין טיפער אין אַ געסל. די שטיינער האָבן געפירט אין דער אַלטער שטאָט. קופּקעס מויערן, קופּקעס הייזלעך, און צפת אין

געוועז צעבערגלט. מיט איין שפאַן האָט שילוני געקעגט אריבער־שפּרייזן די העכער, וואָס זענען געווען אראָפּגעלאָזט מיט צוויי שטאָק נידעריקער פונם ענגן געסל. די דעכער זענען געווען באַדעקט מיט מאָך און גראָז. דאָס גראָז האָט געשפּראָצט פון די שטיינער און פון די אַלטע צעקרישלטע קאַלאָנעס. אַ שפּרייז — אַ דאַך, אַ שפּרייז — אַ וואַנט. בלינדע הייזלעך, געטאַכמוירעך און דער חושך אַרום — ווי ס'וואָלט געווען ביי דער באַלאַגערונג פון יודפת.

איצט האָט שילוני געבענקט נאָך אַ מענטש, מיט וועמען ער זאָל זיך קענען דורכרעדן. אויים מורא, ער זאָל נישט צו ווייט פאַרקריכן, האָט ער זיך צוריקגעצויגן און איז אַרויס אויפן שאָסיי.

אַ האָרדע בייכיקע אַראַבער, ווי פּערסישע מאַרק־הענדלער, זענען אָנגעריטן אויף אייזעלעך מיטן אויסגעקנעטענעם זאַמדיקן וועג.

פאַר אַ ריוו, ווי אַן אויסגעטרוקנטער קאַנאַל, זענען זיי שטיין געבליבן. פון ביידע זייטן ריוו — שורות איינגעוואַקסענע, גע־קנופּטע קאַקטוסן, ווי פּלאַטשיקע נאָדל־געוויקסן. די אַראַבער — אַ מנין אָנגעשוואָלענע גופים האָבן געפּלאַנט אַריבערצושפּרינגען דעם ריוו. אויים מורא, די אייזעלעך זאָלן נישט בלייבן שטעקן מיט די הינטערשטע פיס, האָבן זיי אין פאַרלעגנהייט זיך גענומען רוקן אויף צוריק און געשריגן מיט מדבר־קולות:

— ווי פירסטו, אַבדול ראַחמאַן, ווי פירסטו?

דער ערשטער איז אַראָפּגעשפּרונגען אבדול ראַחמאַן, מיט אַ פּנים פון אַ קאַליף. אַ הויכער, אַ ברייטער איינשיט. אַרום קאַרק — בינטלעך פעטס. ער האָט געזוכט אַ הינטער־וועג, האָט אומגעדולדיק אַ ציי געטון די קויל־וואַנצעס, וואָס זענען ביי אים געווען פאַרשפּיצט פון ביידע זייטן ווי ליכט־קנויטלעך, און זע־ענדיק, אַז ס'איז נישטאָ קיין וועג, האָט ער אַ הויב געטון די רעכטע האַנט צו די רייטערס. געהייסן האָט עס די האָרדע זאָל אָפּציען.

שילוני האָט זיך פאַרנומען רעכטס־צו, צו אַ הויכער טרעפּ, וואָס האָט געפירט אַרויף, צו דער „מצודה". פון דער הויך האָט די פעסטונג אַראָפּגעקוקט ווי אַ איינגעפאַלענער יופּיטער־טעמפּל.

ס׳האָט געדראָט מיט גבורה, ער האָט זיך געהויבן לאַנגזאַם, אַן אָטעם, ווי ער וואָלט געקלעטערט אויף אַ באַרג, און צוקומענדיק צום שפּיץ, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ צווייגן־געפלעכט.

פון צווישן צווייגן־געפלעכט האָט אַרויסגעשטאַרט ווי אַ ווילד געוויקס, אַ צעגויפּגעדרייטער בעטלער געוויקלט אין אַ אויסגע־קראַכענער אַבאַיע. אויפן קאָפּ אַ טאַרבוש*) מיט אַ ווייסן באַנד. ס׳איז געווען אַ שייך מיט אויסגעשטאָכענע אויגן, אַ פּילגער נאָך מעקאַ.

מיטן זעקסטן חוש פון אַ בעל־מום, האָט דער בלינדער דער־שפּירט אַ מענטש נעבן זיך. ער האָט דערשנאַפּט מער מיט די נאָז־לעכער איידער מיט די אברים. זיין שטיל גאַרגל־קול איז געקומען מיטן מורמל פון בלעטער־שאָרך:

— פרידן אויף דיר, ברודער, ווער דו זאָלסט נישט זיין, אַ מוסולמענער?

— ניין—איז שולינין קאַלט געווען פון דער נאַכט־באַגעגעניש

— אָבער וואָס טוסטו דאָ אין אַזאַ פינסטערניש אויסער דער שטאָט?

— אַללאַ קאַרים**), ברודער! זיי געלויבט און געשיצט! כ׳וועל דיר זאָגן, מיינע אויגן, וואָס כ׳האָב מיר אין מעקאַ געלאָזט אויסשטעכן, ווייל זיי האָבן בלויז שלעכטס געזען, אונטערשיידן איצט נישט צווישן פינסטערניש און ליכט. און מיר איז גוט אַזוי צו זינקען אין דער אומבאַשטימטקייט, נישט וויסנדיק, ווען ס׳טאָגט און ווען ס׳נאַכט. כ׳בין אַ מענטש פון מדבר, ברודער. מיר איז וואַרעם צווישן צווייגן און זאַמד־געוויקסן.. חוץ דעם, זענען איצט טעג פון ראַמאַדאַן***) ברודער, אַנשטאָט צו ליגן עסנוואַרג אויף מיין גומען, פּאַרביים איך מיט פסוקים פון קאָראַן. טאָ צו־וואָס פאַרלאָזן מיין ווייכע נעסט, ווו כ׳בין נאָענט צו אַלאַ און צום נביא, און אַוועקגיין אין רויש און שטויב, וואָס וויקלען דעם

*) טערקישע פּעסקע.
**) גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען.
***) 30 תענית־טעג.

פרומען ארום ווי א וואלקן? אפילו א פיש, וואס מען שלעפט ארויס פון וואסער, שטארבט אויפן טרוקענעם ארט, ווו ער ווערט אוועקגעלייגט.

שילוני האט געוואלט פארביגייין דעם אומהיימלעכן מאַחמעדאנער, וואס עטעמט מיט טרויער און מרה־שחורה. אפילו דאס זיצן, די פארלייגטע פיס האבן אים דערמאנט איינעם פון די אבליציון, וואס זענען געבליבן אין בבל, זענען געזעסן מיט די פנימער צו ירושלים, כדי צו זיין נענטער צו גאטס הויז.

ער איז אריבערגעקראכן א בערגל און זיך אפגעשטעלט פאר דער מצודה. פון דער פעסטונג איז כמעט קיין זכר נישט געבליבן. אין דער פינסטער האבן זיך ארויסגעשניטן שטיקער אפגעבראכענע זיילן, רעשטלעך ווענט, ווי כותל־מערבי שטיינער. אויפן ערשטן קוק — א הייל ווי אן אויפגעעפנט מויל. די שפיציקע, אפגעקרישלטע שטיינער ווי צעפוילטע ציין, האבן געענגערט די ערד. שילוני האט פארכאפט דאס אויסזען פון דער חורבה. אט דאס איז געווען א סטראטעגישער פונקט. דא האבן זיך פארטיידיקט גבורים. פון דאנען אפילו האט הורדוס פארלאנגט אנטיגאנוס קאפ. אהערצו האט דער אדומער פארשלעפט קעגן די יהודער רוימישע לעגיאנען, וואס האבן געקעמפט מיט די פארטאנער. נאך די מפלות פון די זעלאטן אין ירושלים, האבן תמיד נייע אויפשטאנדן אויסגעבראכן אין גליל, און דאס ערשטע פייער פון מרידה האט נישט אויפגעפלאמט אין דער בערגיקער צפת, נאר אין טבריה, וואס האט זיך געוויקלט אין טאלן.

פון דער פינסטער האט שילוני געזען ארויסקומען שמעיהן דעם עלטסטן פון סנהדרין, וואס האט געפאדערט פון די ריכטערס א משפט פאר הורדוסן, דעם מערדער פונם גלילער רעוואלוציאנער חזקיה. דער באשולדיקטער הורדוס האט זיך באוויזן פארן טריבונאל נישט אין שווארצע קליידער, נאר אין א פורפור־מאנטל, הינטער אים — א מיליטערישע סוויטע. די זקנים פון סנהדרין האבן נישט געוואגט ארויסצוטרעטן קעגן אים. הורקנוס אליין האט זיך נעשראקן פאר דער רוימישער מאכט, בעטנדיק אפצולייגן דעם

משפט. און דער בלוטיקער אדומער איז אַנטלאָפֿן נאָך דמשק.

זיבן און דרייסיק יאָר זענען אַוועק. דער אוזורפּאַטאָר האָט געקיניגט אויף שפּיזן און שווערדן, געקיניגט איבערגעוואַלט. ער האָט אויסגעהרגעט די לעצטע שטאַמען פֿון דער השמונאים־דינאַסטיע. ער האָט געדינט אַנטאָניוסן מיט דער זעלבער אונטערטעניקייט — ווי ער האָט שפּעטער געדינט אָקטאַוויאַן צעזאַרן. ס'האָט נישט געהאָלפֿן דאָס צעשטערן און בויען. קיין ליבע ביים פֿאָלק האָט ער זיך נישט איינגעקויפֿט. און ווען הורדוס איז שוין געווען טויט, איז יהודה ווידער געשטאַנען פֿאַר נייע חורבנות.

די געדאַנקען האָבן שילוני פֿאַרפֿירט און אים אַרויסגעטריבן פֿון גלייכגעוויכט, וואָס פֿאַראַ שייכות האָט הורדוסעס ממשלה מיט דער שלאַכט ארום מסדה? אַ שייכות? — איז שילוני דורכגעלאָפֿן אַ רעיון — ס'האָט יאָ אַ שייכות! און וועגן דעם וועט ער טאַקע רעדן פֿאַרן עולם. מסדה איז נישט געווען בלויז אַ קלײנער פֿאַל אין די הורדוס־מלחמות. ס'איז געווען אַ ווענדפּונקט, אַ טרעפּ אויפֿן לייטער, צו דעם אדומישן קעניגרייך. און ווען נישט דער שוואַכלינג הורקנוס, וואָס האָט געהאַט די אייגנשאַפֿטן פֿון אַ שקלאַף, נישט פֿון קיין יהודעאישן מאָנאַרך, וואָלטן איבער יהודה געקיניגט די אַנטיגאָנס און אַריסטאָבולס.

שילוני האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט די טרעפּ פֿון דער מצודה. ער איז אָנגעקומען אינם מאַרק־געסל. ס'האָבן זיך געטראָגן קולות פֿון לערנער־בחורים. שילוני איז פֿאַרבייגעגאַנגען איין ישיבה, אַ צווייטע. דאָס שוואַכע ליכט וואָס איז געפֿאַלן פֿון די אָפֿענע, לײדיקע קלייטן, האָט קוים באַלויכטן דעם אויסגעקרומטן ברוק. ס'האָבן זיך פֿאַרבייגעטראָגן יידן מיט בערד און לאָקן, אין זשופּיצעס ווי רביים. האַריקע אַראַבער אין צעפּאָרענע כאַלאַטן. איבערן וועג זענען געלעגן אייזערנע הערן. פֿאַר אַ הויף מיט אַ הילצערנעם פֿאַרקאַן איז געשטאַנען אַ באָרוועסער בעדואינער און געפּאַמפּעט אַן אַלטע אַראַבישע פּלומפּ, דאָס וואַסער זאָל ציען דורך די רערן, אַרויף אין די שכנותדיקע הייזלעך.

אין עק געסל איז געווען אַ צוזאַמענלויף. ס'האָבן זיך געטראָגן קולות, אָפּגעריסענע געשרייען:

— אָט איז פּרויקע!

— אפרים דער משוגענער!

— וואָס האָט איר צו פּרויקען? — האָט אַ ייִדענע, אַ אייגנטימערין פון אַ שפּייז־קראָם אָפּגעטריבן דעם עולם מיטן בויך, וואָס איז געווען אָנגעשוואָלן און לאַבערדיק פון צופיל קינדער אויסטראָגן, — מען לאָזט נישט פון קיין קראַנקן. מע קען נישט וויסן וואָס מאָרגן וועט מיט אונז זיין... יעדערער קען ווערן אַ פּרויקע. איר, צפתער למדנים, ווייסט דאָך יאָ, אַז מיט אַ יאָר צוריק, האָט פּרויקע זיך נישט געדאַרפט אפילו שעמען פאַר עזרא סופר. ער האָט זיך אין לערנען געקענט פאַרגלייכן מיט יחיאל דיין...

צווישן הייפל יידן און אַראַבער איז געשטאַנען אַ קליין באַוואָקסן יידל, דאַר און איינגעקאַרטשעט. אָנגעפּעלצט אין עטלעכע קאַפּאָטעס. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַן אויסגעקראָכן שטריימל ווי אַן אויסגעצופּטער ווידל. אין זיינע פאַרשרפעטע אויגן איז געווען אַזויפיל תּיהשעס, אַז דער עולם האָט אַן איבערגעשראָקענער זיך צוריקגעצויגן.

דער משוגענער איז אומגעלאָפן אין אַ ראָד און געשריגן:

— אוועק מנוולים! אוועק נבזהס! פאַר אַ ישיבה־קערער האָבן זיי מיך געמאַכט? פאַר אַ הקדש־זיצער? אַ גדולה אויף זייערע קעפּ! און איר צפתער פרעסער וועט ווייטער זיצן איבער די חלוקה? איר וועט צאַפּן פון דער קצבה? שנאָרערס! וואָס קלייבט איר זיך אַלע אַהער? און ישמעאלים אייניקלעך טאַנצן אויך אַרום מיר? אַלע, אַלע האָבן צוטון מיט פּרויקען!...

אַ צערייצטער, האָט ער גענומען אַראָפּוואַרפן פון זיך איין קאַפּאָטע נאָך דער צווייטער. מיט די נעגל האָט ער זיך געריסן דאָס נאַקעטע האַרץ און געמאַכט קולות:

— סדום־ועמורהניקעס! פאַר אַ פרוש האָט איר מיך געמאַכט, די אשה מיר צוגענומען. וואָס בין איך ביי אייך, אַ סריס, בין איך? זעט, נאָר, איר ווילט זיך איינשטעלן פאַרן רבונו של עולם? ר׳ווילט אָפּהיטן די קדושה פון צפת? לאָזט בעסער צורו פּרויקען און זייט בודק צו עזרא־סופר שלאָפט נישט מיט קיין פרעמדע נשים! פאָרשט נאָך ביי די ווייבער ס׳נידהשאַפט! אוי, אוי! סנחרבס

מפלה אויף אייך! המנס אפשגיט זאל אייך פאקן!

שילוני איז געווארן טרויעריק. אינמיטן צפתער מארק שטייט א משוגענער ווי א בארוועסער נביא און שיט מיט קללות. אזוי האט געמוזט שרייען עמוס, ווען ער איז ארויסגעטרעטן קעגן די רייכע שרים און שופטים. א פארטראכטער האט ער זיך געלאזט מיט דער אפגעלייזדיקטער גאס. צוויי באלאדנטע אייזלען האבן זיך דורכגעשאקלט איבערן שטיינערנעם ברוק. ס'האט זיי אונטערגע־העצקעט א פוילער אראבער. א געוויקסיקער פעטער עפענדי מיט א שמאלץ־בויך איז אנגעריטן אויף אן אויסגעפוצטער פרדה. פאר די שוועלן, אויף טרעפלעך פון איינגעזונקענע הייזלעך זענען דא און דארט געזעסן זקנות, ווי קלאג־ווייבער.

פאר שילוני׳ן האט זיך פארביגעטראגן די פארזיגלטע מסדה, דערנאך די ברודער־מלחמות צווישן מנחמן און אלעזרן. שפעטער די שחיטה אין קיסריה. וועגן דעם אלעם דארף ער היינט רעדן, דארף אויסגעפינען א שייכות צווישן די סיקאריער און די אמתע רעוואלוציאנערן.

ער איז אנגעקומען אויפן אפענעם שאסיי. די צעווארפענע צפת איז געלעגן מיט פופציק מעטער טיפער פון דער פלאך. ארום — ווינטן און פינסטערניש. בלויז די קאנטן און שפיצן פונם בארג עצמון, האבן זיך ארויסגעשניטן אינם חושך ווי א קעמל ־ הארב.

ער האט זיך נישט גערירט פון ארט. ער האט געוואלט שטעלן טריט און איז ווייטער געבליבן שטיין. מיטאמאל האט אים הינ־טערוויילעכץ אנגעיאגט א שטים:

— שלום, חבר שילוני!

— חברים? — האט שילוני פארדעכטיק זיך ארומגעקוקט און דערזען הינטער זיך עטלעכע מענטשן.

— שעהן ווי מיר זוכן אייך ארום אין גאראזש, חבר שילוני— האט איינער זיך ארויסגערוקט — מיר קומען אין נאמען פון אר־בעטער־ראט אין צפת.

אבו־דזשילדע*)

די בערגלעך אַש אויף די העלדזער פון די נאַרגילעס האָבן נאָך געטליעט. אַרום די נאַרגילעס — אַ האַלבע ראָד, ווי אַ טער־קישע לבנה, אויסגעזעצט מיט אַ מנין יונגע אַראַבער. פונם ווייטן מינאַרעט האָט זיך געטראָגן דעם האַדזשאַס הייזעריקע שטים — אַ רוף צו דער נאַכט־תּפֿילה.

אַבדול ־ קאַזים האָט געקוקט אין דער אויסגעשטערנטער נאַכט, האָט טיפֿער זיך איינגעוויקלט אין דער שוואַרצער אַבאַיע און דערציילט:

— — — ער איז געווען נידריק, כּמעט קליין, אָבער זיין ברוינער גוף, אויסגעגאָסן ווי אַ פֿעלז, איז געווען ווייקלדיק און פֿלינק ווי אַ מויז. דערפֿאַר האָט ער אַנטלויפֿנדיק, שטענדיק גע־לאָזט הינטער זיך די פּאָליציי מיט אַ „נאָז". זיינע טיפֿע אויגן, דאָס פֿרעכע מויל, די פֿאַרשפּיצטע וואָנצעס, האָבן גערופֿן צו זיך אַלע אַראַבישע טעכטער. זיינע הענט זענען געווען דין און איידל, ווי ער וואָלט נישט געווען קיין מערדער, נאָר וואָלט געזעסן ביים שפּין־ראָד, אָדער איבערגעשריבן פּסוקים פֿון דער הייליקער שריפֿט.

ער האָט געקענט נאָכמאַכן אַלע עופֿות, פֿייגל און חיות. ער האָט געקרייעט ווי אַ האָן, געוואָיעט ווי אַ שאַקאַל, זיך געגראָבן ווי אַ שילדקרעט, געברומט ווי אַ לייב. ער האָט געשטאַמט פֿון פּע־לאַכן און געהאַט אין זיך דאָס בלוט פֿון אַ מלך, צי אַ קאַליף. איבער די אַקסלען אַ קאָלירטע אַבאַיע מיט גאָלד־פֿרענזן פֿון באַגדאַד. אויף די פֿיס רייטער ־ שטיוול. און אַרום די לענדן באַ־וואָפֿנט מיט קוילן און שטילעטן ווי אַ מדבר־רויבער.

---

*) באַוווסטער אַראַבישער רויבער.

אזוי האָט זיך אַבו־דזשילדע אַרויסגעלאָזט ס'ערשטע מאָל פון זיין דאָרף, אויסצוליִיען ס'בלוט פון זיין שבט.

ס'איז געווען אַ פרימאָרגן. דער „כאַמסין"*) האָט געברענט און געבראָטן. אַבו־דזשילדע האָט אַראָפּגענומען ס'פּיפּל פון דער וואַנט. ער איז אַרויס פון געצעלט און זיך געלאָזט מיט זיין סטאַדע צו די בערג. ער איז פאַרביַיגעגאַנגען דאָס ערשטע בערגל און איז אָפּגעשפּרונגען אַ דערשראָקענער. פון אַ צווייגן־געפלעכט האָט זיך געטראָגן אַ געשטאַנק פון אַ נבלה. איז עס אַ פּגר? — האָט אַבו־דזשילדע אַ טראַכט געטון — אַ טויטער קעמל? אַ געפאַלן פערד? אַ געשאָכטענער אָקס? מיט דער האַנט אויף דער נאָז, האָט ער זיך דערנענטערט צו די צווייגן. ער האָט אַ בריקע געטון מיטן פוס אויף דער נבלה און איז פאַרציטערט געוואָרן. זיין אייגענער ברודער זון יונוס־אַלי איז געלעגן אַ געשאָכטענער. דער הרוג האָט זיך געהאַט געוואַלגערט פינף טעג אינם צווייגן קנויל. דאָס האָט אים די משפּחה אל דגאַני דערהרגעט. מיט אַכט טעג צוריק האָט ער מאַנס געווען זיין שוועסטער פאַטמאַ.

יענעם טאָג האָט אַבו־דזשילדע מער זיין סטאַדע נישט געפיטערט. נקמה האָט אין אים געבריט. דער באַגער נאָך בלוט־אויסליִונג, וואָס ריינט אין די אָדערן פון אַלע מאַכמעדס זין, האָט אים געשטעלט אויף די פיס. די זעלבע נאַכט האָט ער פאַרנאַרט דעם ייִנגסטן פון אל דגאַנים משפּחה אין פערד־שטאַל אַריין. ער האָט אים צוגעזאָגט אויף אַ נאַכט די ייִנגסטע בתולה פון דאָרף און אַ געשאָכטן קאַלב — אַלס צייכן פון שלום־בונד. איידער דער פעלאַך האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, האָט אַבו־דזשילדע אים אויפגעשניטן דעם בויך, האָט אַרויסגעשלעפּט זיינע געדערים און עס געוואָרפן פאַר די הינט.

פאַרטאָג איז אָנגעריטן פּאָליציי.

— ווו איז דער מערדער?

אַבו־דזשילדע איז נישט אַנטלאָפן. ווי אַ עפענדי, וואָס פאַ־ט

---

*) הייסער מדבר־ווינט.

אָז אין אַ פרימאָרגן, צו זיינע וועגאַרטנס און פעלדער, האָט ער זיך געשטעלט פאַרן ענגלישן קאָמאַנדיר:

— ווי דו קוקסט מיך אָן, כאַוואַדזשאַ. איך האָב אים גע־שאָכטן. אָבער נישט בלויז זיין מערדער בין איך, נאָר אויך זיין ריכטער. וואָס ווייסט איר „איינגליזי" וועגן דער מסורה פון אַראַ־בישן שטאַם? אַז ס'טרעפט זיך אַ רשע, אַ רוצח אין איינער פון די משפחות, מוז ער, דער רשע, דער רוצח, באַצאָלן מיט זיין בלוט. און זיין בלוט ווערט ווידעראַמאָל אויסגעלייזט מיט בלוט.

דער פּאָליציי־קאָמאַנדיר האָט אַבו־דזשילדעס טענה נישט אָנ־גענומען. ס'דאַרף איז געווען קעגן אים. מען האָט אים אַרויפגע־לייגט קייטן אויף די הענט. אַ פּאָליס מיט אַ שווערער ביקס האָט אים געפירט נאָך דזשענין, צו דער פעסטונג. זיי זענען געגאַנגען איבער אַ שמאָל בריקל, אַזוי שמאָל, אַז איין מענטש האָט נאָר גע־קאָנט דורכגיין. אונטער דער בריק אַ טיפער זומפּ, שטעכיקע פלאַנצן. ביי אַבו־דזשילדען זענען די פיס געווען פריי, האָט ער זיך אַ דריי געטון און מיט איין פוס־שטויס, איז דער פּאָליס גע־לעגן אונטערן בריקל. ביז דער אָרעמער איז אַרויסגעקראָכן פון זומפּ, איז אַבו־דזשילדע שוין געווען אַנטלאָפן. דער פּאָליס האָט געשאָסן אין הימל אַריין, און דזשילדע איז געלעגן אין דר'ערד, טיף פאַרגראָבן ווי אַ קרעט. דער פּאָליס האָט געשאָסן אין די פעלזן, געשאָסן אין די בערג. ס'שיסעריי האָט נישט אויפגעהערט ביז ביי נאַכט. און ווען צומאָרגנס איז אַ פּאַטרול רייטער־פּאָליציי אָנגעקומען זוכן דעם פאַרלוירענעם פּאָליס, האָבן זיי אים געפונען אויפן זעלבן בריקל, מיט אַ אָפּגעשניטענעם קאָפּ.

מאַאַלום יאַבוואַט*), אַזוי האָט דזשילדע זיך געפירט, ווייל אַללאַם ווילן איז אין אים געווען.

ער איז געבליבן אין די בערג. ער האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק איבער דער געגנט. ס'האָבן פאַר אים געציטערט נישט נאָר פעלאַכן, וועג־גייערס, רייכע עפענדיס, נאָר אויך „האַקומאַ"**) אַליין. ווו נאָר אַ דורכפאָרנדיקער זעלנער, אַ פּאָליס, דזשילדע האָט אַלעמען

*) געוויס ברידער!

**) האַקומאַ — רעגירונג.

אוועקגעלייגט אין די בערג. און נישט נאָר אין די בערג האָט ער זיך געהאַלטן. היינט האָט ער „געאַרבעט" אַרום דזשעניין, מאָרגן ביי בית־שאן, שפּעטער הינטער טעמולאַ. ער האָט געשניטן קעפּ, ווי מען שניידט אַבאַטיכעס *). ס'האָבן וועגן אים זיך דערוווּסט אָרעמע פעלאַכן, אָפּגעגאַרטע בעדואינער, וועמען רייכע עפענדים האָבן אַראָפּגעטריבן פון זייער ערד. די בעדואינער האָבן געפונען אַבו־דזשילדען אין אַ הייל. זיי האָבן פאַר אים געשאָכטן צוויי קעל־בער און זיך אים אונטערגעגעבן:

— רעגיר איבער אונז. מיר וועלן דיר דינען ווי אַ מלך.

בלויז געציילטע האָט דזשילדע צו זיך צוגעלאָזט. ער איז גע־ווען פאַרזיכטיק מיט מענטשן, ווי מיט שלאַנגען. פּוסטע גבורים זענען געבליבן. אַלע געקליבענע מלחמה־מענטשן. און אַז איינער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו האַלטן די שווערד אין האַנט, האָט ער זי גלייך געהאַט אין בויך.

איינמאָל, ס'איז געווען אין די ראַמאַדאַן ־ טעג, איז פון אַרטוב דורכגעפאָרן אין אַ רייכן אויטאָ אַ עפענדי, עזיז אַל קאַרים מיט זיינע פיר ווייבער. עזיז אַל קאַרים איז געווען רייכער פאַר אַ סולטאַן, פרומער פאַר דעם האַדזשאַ. ער האָט פאַרמאָגט אַרום אַרטוב שטיקער מדבריות, פעלדער, וויינגאָרטנס. דזשילדע האָט נישט געוואָלט קיין מדבריות, קיין פעלדער, קיין וויינגאָרטנס. ער האָט בלויז געגאַרט צו זיינע ווייבער, צום געלט. ער האָט אָפּגע־שטעלט די מאַשין און מיט גוטע רייד האָט ער זיך פאַר אים גע־נויגט.

— גיב מיר אויף איין נאַכט איינע פון דיינע ווייבער, ברודער עזיז אַל קאַרים, גיב מיר דיין גאַנץ געלט און איך שענק דיר ס'לעבן.

דער עפענדי, וואָס האָט פאַרמאָגט הינטער אַרטוב שטיקער מדבריות, פעלדער, וויינגאָרטנס, איז געווען אַ שטאָלצער. ער האָט

---

*) אַבאַטיכעס — אַרבוזן, קאַווענעס.

זיך סענגעשטעלט. און סענגשטעלן זיך אבו־דזשילדען האט גע־ הייסן אנטקעגנשטעלן זיך דער גערעכטיקייט. דזשילדע האט דעם עפענדי דערמאנט די געשמיסענע פעלאכן, וואס גייען אויס אויף זיינע פעלדער. ער האט אים דערמאנט די ארעמע בעדואינער, וואס ווערן ארויסגעטריבן פון זיינע מדבריות. ער האט אים אפגעשניטן די רעכטע האנט, דערנאך די לינקע, שפעטער די פיס, און אז פון עויז אל קארים איז געבליבן א העלפט, איז געבליבן א פערט־חלק, איז נישט בלויז זיין געלט צו דזשילדען איבערגעגאנגען, נאר אויך די פיר ווייבער האבן געהארכזאם זיך אים אפגעגעבן.

פונקט דאמאלט האט זיך פארביינגעשלעפט איבערן וועג א פע־ לאך און געפירט צוויי אייזעלעך באלאדנט מיט ארבוזן. דער פעלאך איז זיכער געווען, דאס אויף אים ווארט אויך אזא סוף, האט ער אנידערגעקניט פאר דזשילדען און זיך גענומען אפבעטן דאס לעבן. דזשילדע האט דעם פעלאך אויפגעהויבן פון דער ערד. ער האט אים דערנאך געשטופט אין האנט אריין דעם עפענדים טייסטער.

— כ׳ריר נישט אן קיין וואנדערער, קיין ארעמען מענטשן. כ׳בין איינער פון זיי. אללא יעכפיזאק*). כ׳שנייד נאר די בייכער פון רייכע רויבער און שווינדלער. נא נעם דאס געלט. וועסט עס פארברויכן.

— מאאלום יאכוואט! — אזוי האט דזשילדע גערעדט, ווייל אללאס ווילן איז אין אים געווען.

פיר חדשים, זעקס חדשים און אבו־דזשילדעס רציחות האבן נישט אויפגעהערט. העלפט פון די צוגערויבטע געלטער, האט ער שטענדיק אוועקגעשענקט פאר די בלינדע שייכן און פאר די ארע־ מע דערפער. אין די מעטשעטן האט מען אים געבענטשט. און „רעגירונג״ האט אים געשאלטן. „האקומא״ האט מיט אים זיך נישט געקענט קיין עצה געבן. און זי האט ארויסגעשיקט מילי־ טער, רייטער־פאליציי אים זוכן אין די בערג, איז דזשילדע נאך געווען אין די וואלקנס. און ווען אעראפלאנען האבן זיך נאך אים געיאגט אין דער לופטן, איז ער געלעגן אין די היילן. ס׳געיעג

*) וועט דיך שיצן.

וואָלט זיך געצויגן נאָך חדשים, אפשר יאָרן, ווען נישט צוויי אונ־טערגעקויפטע פּעלאַכן, פּחדנים, וואָס האָבן אַבו־דזשילדען פאַר־ראַטן.

ס׳איז געווען אַזוי. ווען דזשילדע האָט געאַרבעט מיט זיין מעסער צווישן פּאָליציי און מיליטער און געהעצט די דערפער, נישט צו צאָלן קיין שטייערן די „אינגליזי״, האָט „האַקומאַ״ זיך דערשראָקן, ער זאָל נישט וועקן צו אַן אויפשטאַנד, באַפרייען ס׳אָראַבער־פאָלק. האַקומאַ האָט געלאָזט וויסן איבער אַלע שטעט און דערפער, אַז ווער ס׳וועט כאַפּן דזשילדען אַ לעבעדיקן, צי אַ טויטן, קריגט ער פינף הונדערט פונט אַ באַלוינונג. אין דער אמתן האָט דזשילדע טאַקע געפלאַנט אַרויסצוטרייבן די „אינגליזי״ מיט חרפּה פון אונזער לאַנד.

אין יענע טעג האָט אַ פאַרשאָלטענער אייער־הענדלער, פאַר־קויפט צום שטן און צו מוכאַמעדס שונאים — זיך געשלעפּט אי־בער די בערג און פעלזן מיט זיינע אייזלען. ער איז פאַרבייגעגאַנגען די הייל, וווּ דזשילדע מיט זיינע גבורים האָבן גערוט. אַבו־דזשילדע האָט געקויפט אייער, באַצאָלט דעם פעלאַך אַ סך געלט. אָבער דעם פאַרשאָלטענעם פעלאַך איז דאָס ווייניק געווען. ווי נאָר ער האָט דערשנאַפּט, ווער דער קויפער איז, האָט ער זיך דערמאָנט אין דער צוגעזאָגטער באַלוינונג און איז געלאָפן אין „האַקומאַ״ איבער־געבן דעם נאָמען, און די הייל פון אַבו־דזשילדען. די פּאָליציי האָט שוין דזשילדען נישט געפונען, דערפאַר האָט דזשילדע אָפּ־געזוכט דעם פעלאַך.

— וואָס האָב איך דיר געטון? — האָט דזשילדע אים גע־פרעגט.

אָבער דער פעלאַך האָט נישט געענטפערט. אַבו־דזשילדע האָט אָפּגעשניטן ביי אים ס׳רעכטע אויער און די צונג.—ס׳אויער שנייד איך דיר אָפּ דערפאַר—האָט ער געזאָגט—ווייל ס׳האָט געהערט ווען 500 פונט פאַר איבערגעבן דזשילדעס קאָפּ. און די צונג שנייד איך דיר אויס — האָט ער ווייטער גערעדט — ווייל זי האָט געמסרט.

מאאלום יאכוואט! אזוי האט דזשילדע גערעדט, ווייל אללאס ווילן איז אין אים געווען.

און די צאל פעלאכן, וואס האבן געוואלט גיין נאך דזשילדען איז געווארן גאר גרויס. בעדואינער האבן פארלאזט זייערע מדבר־געצעלטן, פאסטוכער — די שאף און זיך געקליבן איבער די בערג און טאלן. „האקומא" האט זיך ווידער אמאל איבערגעשראקן און פארטאפלט די באלוינונג פאר כאפן אבו־דזשילדען. טויזנט פונט פאר א לעבעדיקן אדער טויטן דזשילדען! דעמאלט איז דזשילדע געפאלן. אבער נישט פון דרויסן האט מען אים פארראטן, נאר פון אינעווייניק, פון דזשילדעס אייגענער מחנה.

א נאכט איז עס געווען, ברודער, ווי אלע מושלמים געכט, ווען פרומע גייען אויפן קבר פון נעבי־מוסא. און טאהיר אלי, איינער פון דזשילדעס קאפ־היטער, האט זיך אויפגעכאפט. ער האט אנגע־טון אויף זיך דעם וואפן און זיך געלאזט אין די בערג אויסקוקן צי מען גרייט זיך נישט באפאלן די הייל. און אויף א וואר, איז ער גאר פארקראכן אין פאליציי, פאר די קרעציקע טויזנט פונט, אי־בערצוגעבן זיין אייגענעם האר, וואס איז געבוירן געווארן נישט קיין פעלאך, נישט קיין קנעכט, נאר א מלך און א קרויז.

און ווען פאליציי און מיליטער איז אנגעקומען, איז דזשילדע נאך געשלאפן. ער האט זיך איבערגעוועקט ווי א לייב ערשט דע־מאלט, ווען ס'מיליטער האט אנגעשטעלט אויף אים די קוימנס פון די הארמאטן. דזשילדע איז ארויס פון דער הייל מיט דער בלויזער ביקס. ער איז געווען ווייס. זיינע מענטשן האט ער געהייסן בלייבן אינעווייניק. ער האט זיך באגריסט מיטן שונא ווי א קריגס־מענטש, וואס איז געניט אין די מלחמה־וועגן. ער האט געזאגט:

— כ'ליג פאר אייך ס'געווער, ווייל מיטן בלויזן חייל, מיט די שטומע ביקסן, האט איר מיך שוין באזיגט. ס'ערשטע מאל ווען דזשילדע שטעלט נישט קיין ווידערשטאנד דעם שונא. פארפאלן! אבער דער שרץ, וואס האט מיך פארקויפט צו אייך, דארף איצט שוין קריגן זיין שכר.

און דזשילדע האט אנגעצילט זיין ביקס און אוועקגעלייגט טאהיר־אלין א טויטן.

רייטער און פוס־גייער האָבן דזשילדען אַריבערגעפירט נאָך עבו. דאָרט האָט מען אים געמשפּט פאַר רויב און רציחה. און ווען מען האָט אים אויפגעהאַנגען, איז זיין ווייסע נשמה אַנטקעגן גע־פלויגן דעם בלאָזן פון די טראָמפּייטן, וואָס האָט געהילכט פון יענער זייט לעבן.

שיך־בענדלער

ביטאָג האָט מען די קליינע הענדלער פון שיך־בענדלעך כמעט
נישט אָנגעזען. מיטן אָוונט זענען זיי אַרויס ווי אַ טשאַטע נאַכט־
פייגל איבער די תל־אביבער גאַסן. אַכט־יעריקע, ניין־יעריקע
,,אַבאַדראַנצעס'' פון פאַרשידענע לענדער. באַפּאַהטע תימנער,
פערסער, גרוזינער, קאַווקאַזער. מיט אַ געפילדער האָבן זיי זיך צע־
שאָטן פאַר די קאַפע־הייזער, אַרום די קינאָ־טויערן און איבער
די טראָטואַרן. דאָס געפוצטע תל־אביב, ווו הינטער די פאַלירטע
טויערן שלענגלען זיך די הינטער־געסלעך ווי שמוציקע, אויסגע־
טרוקנטע קאַנאַלן, איז ווי יעדער כרך, געטיילט אויף טונקעלע
סוואַרטאַלן, ווו ס'פלאַדיען זיך אונטערוועלט־פאַרשוינען, פאַרוואָר־
לאָזטע בעטלער און הפקר־קינדער.

עס איז געווען אַרום זיבן אין אָוונט. אָנגעקומען זענען די
,,סוחרים'' פון זייערע ליקעס און נאָרעס גלייך מיטן אויפגיין פון
די שטערן. זיי האָבן זיך געלאָזט איבער דער שטאָט מיט אַזאַ
פלינקקייט, ווי קאָנקורענטן, וואָס האָבן מורא איינער זאָל דעם
צווייטן נישט איבעריאָגן. יעדער האָט געהאַט אָנגעלאָדן איבער די
הענט ראָלן מיט שנורעוואַדלעס ווי לאָקשן, שוואַרצע, געלע,
ווייסע. זיי האָבן אויסרופנדיק אויף די סחורות אַריינגעשריגן אין
יעדן פאַרבייגייער, מיט דער חוצפה פון צייטונגס־פאַרקויפער.

אין ווינקל פון אַלענבי־גאַס, ווו ס'קרייצן זיך די אַספאַלט־
וועגן, האָבן די הענדלער זיך געזאַמלט קופּקעסווייז. איטלעכעס
פאָר האָט געהאַט איבער זיך אַ ,,אונטערנעמער'', וואָס האָט צע־
טיילט די ,,סחורה'', פונאַנדערגעשיקט איבער די גאַסן.

עמרי, אַ צוועלף־יעריקער חלבער ,,אונטערנעמער'' האָט גע־
האַלטן אין איין אָנלאָדענען ראָלן מיט שיך־בענדלעך איבערן

רעכטן אקסל פון זיין אכט־יעריקן „מענטש״ און מעשה ארבעטס־פארטיילער אריינגערעדט מיט רוגזה:

— איצט איז זיבן א זייגער, אוריה, ביז עלף האסטו פיר שעה צייט. פאראן „סינעמאס״, פאראן „דאנסינגס״. ס׳זאל דיר קיין איין פאר נישט בלייבן!

— ס׳וועט אלץ היינט נישט אפגיין, עמרי.

— אויב ס׳וועט אלץ נישט אפגיין, קענסטו פארשפארן אהיים צו קומען נעכטיקן. כ׳וועל דיר די פיס אונטערהאקן!

— דו וועסט מיר די פיס אונטערהאקן? — האבן ביים דארן איינגעשרומפענעם אוריה די גרינע אייגעלעך ארויסגעטענצלט צו זיין ארבעטס־געבער — דו הורן־זון! פריער קען איך דיך פירן אין משטרה*).

— ווער וועט פירן, אין משטרה? — האט עמרי געפירט מיטן טיטל־פינגער צוערשט אויף אוריהן, דערנאך אויף זיך — דו — מיך? — וואס קענסטו דארט אויף מיר אויסגעבן?

— כ׳קען אויסגעבן, אז די „לופטערסט״ ביי די קונדן די קעשענעס...

— און דו בלאזט דארט אריין, שרץ? פארהאק די געמבע, אין אל אבוק!*) — איז עמרי איבערגעגאנגען מיט זידלען אויף אראביש — דו קאראהאנדזשי, איבן שארמוטא**).

איינטענהן מיט זיין „באלעבאס״ האט אוריה מער נישט גע־וואלט. ער האט נאר געקענט כאפן א שאס צווישן די ציין. ער האט געכאפט די פעקלעך „סחורה״ און געלאפן אראפ מיט דער אלענבי־גאס צום ים־צו.

עמרי האט אים נאכגעקוקט מיט חשד. דער „סוחר״ אין אים האט געזוכט די רוחים. פערציק פאר, זעכציק פאר בענדלעך, העננג ער אים אן יעדן טאג, און אז אוריה ברענגט אים דעם פדיון שטימט קיינמאל נישט דער חשבון. עמרי האט נישט פארשטאנען

---

*) פאליציי.

*) א רוח אין דיין טאטן.

**) אונטערפירער, בן־זנונים.

פּאַרוואָס ס'פּאַרדינסט זעט זיך נישט אָן. קויפט ער דאָך די שניר־לעך טוצנווייז, צאָלט אַ שילינג פאַר פּופּציק פּאָר, און ווען ער פאַר־קויפט אַפילו פיר פּאָר אַ פּיאַסטער, פאַרדינט ער איבער צווייהונ־דער פּראָצענט?

עמרי האָט נישט אָנגענומען אוריהס תירוצים, אַז די בענד־לעך רייסן זיך, מען מוז זיי פאַרקויפן אונטערן פּרייז, די קאָנקורענץ איז גרויס. ער איז געווען פעסט, דאָס אוריה באַגנבעט אים, און אָפּגעמאַכט ביי זיך, נאָך היינט אים צו פּאַקן.

חברה קאָנקורענטן, וואָס זענען געווען צעשטעלט צו צוויי, צו דריי, מיט די ראָלן שנורעוואָדלעס, אָנגעלאָפן און געהעצט עמרין:

— נעם אים אַרויס די סחורה, עמרי!

— ער וועט דיר אָנפּיפן!

— אַזאַ ממזר טרויסטו אָן?

אויפן אָרט איז עמרין איינגעפאַלן צו לאָזן נאָכיאָגן אוריהן. ער האָט אויפגעזוכט צווישן די הענדלער אַ תימנער, דעם קלענסטן, דעם וויניציקסטן — אַ דין שפּענדעלע און אים גענומען אויף אַ פאַרהער:

—וועסט אים נאָכציען, עובדיה?

— צו קענען באַגראַבן אוריהן, וועל איך אַלץ טאָן!

— וואָס, ער שלאָגט דיר אָפּ קונים? — האָט עמרי געפאָרשט.

— נישט נאָר ער שלאָגט אָפּ, נאָר ער באַגנבעט זיי. ווי נאָר ס'דרייט זיך אַוועק פון מיר אַ קונה, „באַשניידט" ער אים די קעשענעס און פאַרשווינדט. און צום פאַלים שלעפּט מען מיך!

— אויב אַזוי, דערטאַפּ אים און האַלט אָן אויג. כ'וועל נאָכקומען.

ווי נאָר עובדיה האָט געהויבן די פיס האָט עמרי אים נאָכגע־צויגן. זיי זענען געלאָפן איבער די אָנגעפּאַקטע אַלענביי־טאָס, וווּ די עלעקטרישע לאָמפּן האָבן געשפּריצט, פאַרגיסנדיק מיט ליכט די טראָטואַרן און די מענגעס דורכגייער. ווי נאָר אַ קאַפע־הויז, ווו אַן אייז־קרעם־סאַלאָן, האָבן ביידע געשנאַפּט מיט די נעז, אוריה איז אין ערגעץ נישט געווען. עמרי איז געלאָפן מיט אַ קווער־געסל, וואָס האָט געפירט צום ים, פונדערווייטנס געזען ווי

א שיפל וואקלט זיך איבער די כוואליעס, לאזט אריין אן אנקער אין וואסער, ווי א שנאבל.

פאר א שמאלן ליק, וואס פירט צום תימנער קווארטאל, האט עמרי פארלוירן עובדיהן פון אויג. ס'איז אים גלייך איינגעפאלן, אז דער „יעמאני" קומט אויף זיין שונאס שפורן. ער האט אפגע־ווארט. די אויגן־לעפלעך האבן זיך ביי אים צוערשט געווארפן ווי ביי א קראליק, דערנאך זיך אפגעשטעלט אויף א „יאניטשאר" — א טערקישן מוזיקאנט, אין א לאנגן קאלירטן קאפטאן, אין א פאר רויטע שטעק־לאטשן, וואס איז געשטאנען אויף דער שוועל פון א ספרדישע אכסניה און געצופט די סטרונעס פון אן אלטער צעבראכענער פידל.

פון דער אכסניה איז ארויסגעלאפן עובדיה, א צעבייזערטער, א צע־בלוטיקטער און געווארפן מיט די קנוילן שיך־בענדלעך.

— כ'האב אים געפאקט!

— אוריהן?

— יא, ער איז מיר אריינגעפארן אין די ציין — האט עובדיה אפגעווישט א שנירל בלוט פון די יאסלעס.

— און דו האסט געשוויגן?

— דאס האב איך זיך איינגעשטעלט פאר דיר, ער זאל נישט צעטיילן בחנם די סחורה.

— ער פארטיילט בחנם די סחורה?

ווי א רוח האט זיך עמרי אריינגעריסן אין דער אכסניה. ס'האט געשלאגן מיט געבראטענע פליישן, מיט קנאבל, און געריי־טע ציבעלעס. ער האט אריינלויפנדיק, שטארקער פארצויגן דעם פאסעק אויף די קורצע, געלאטעטע הויזן, מיט די פינגער זיך פאר־קעמט די בייטשן האר, וואס זענען אים געלעגן איבערן שטערן, און איז האסטיק ארומגעשפרונגען צווישן די נישט געהובלטע טישן, וווּ שפאניאלער, בוכארער, חלבער זענען געזעסן ארום די גע־זויערטע און געפעפערטע מאכלים. אין א ווינקל איז ער געבליבן שטיין און נאכגעשפירט אוריהן, וואס איז געשטאנען פארן „בו־פעט" מיט דער באלעבאסטע פון פרעס־הויז, א צעווירענע „פרענ־

קישקע״*) און זיך געדונגען איבער א צוגעפרעגלטן „פאלאפעל״:

— נעם צען פאר, און אהער א טעלער „קאבאב״!**)

— ביי מיר איז נישט קיין הויז פון משכנות! — האט די באלעבאסטע זיך אוועקגעדרייט.

עמרין האט געווארפן ס׳קדחת. פאר זיין פראצע, וועט דער לקחן פרעסן „פאלאפל״, וועט ער פרעסן געבראטענע „שאשליק״? „קאבאב״? און זי, די זונה וואס דעקט אים נישט אפ מיט א בראט־טאפ איבערן קאפ נאר טענהט מיט אים איין? מיט איין פלי איז ער געשטאנען פארן בופעט.

אוריה מיט עמרין האבן זיך אנגעקוקט ווי צוויי העטער. א בוכארער זקן, וואס האט געהאלטן אין בראקן שטיקער „פיטע״ אין א טעלער געדעמפטן פעטס, האט פון שרעק, אז דא גרייט זיך א געשלעג, ארויסגעלאזט די „לחמא״ פון האנט, מעשה רודף־שלום האט ער זיך אויפגעשטעלט, פארגארטלט דעם געשטרייפטן כאלאט ווי א טלית, און געפרווט זיי פונאנדערנעמען:

— ארויס אין גאס אריין, מסחרט, ממזרים!

— דו אלטער קבצן, בלייב ביי דער אכילה — האט עמרי פון אים אוועקגערוקט דעם טעלער.

— וואס, מיינט איר אויף מיר אויך אויפצוהויבן א האנט, סרחן דו? — האט דער בוכארער צוריקגערוקט דעם טעלער, דערנאך זיך אריינגעשפיגן איןביידע פויסטן און זיי אפגעווישט אינם כאלאט.

— היט דיר דעם גארגל, קבצן! — האט עמרי שוין גע־קוועטשט אין זיינע הענט אוריהן און אים אריינגעפרעסט א פויסט צווישן די אויגן.

— ווילסט אים איבערשניידן דעם גארגל?—האט דער בוכא־רער אויפגעקנעפלט דעם ברודיקן העמד־קאלנער און אנגעצויגן דעם אייגענעם האלז ווי א הינערישן ושט — רוצח! גזלן! נא שנייד! — דערביי האט ער זיך אויסגעדרייט צו די ארומגעזעצטע טישן — פרעסערס! אורחים־פורחים! וואס שווייגט איר? ער גייט

---

*) ספרדישע פרוי.

**) קאבאב, שאשליק — סארטן פלייש.

ראַך מיך שעכטן דער סורר ומורה! וואָס זיצט איר ווי געליימטע הינטנס? און די אַ קומען אַרויס פון די בני־עמנו?

אויף דעם בוכאַרערס געוואַלדן האָבן צוויי ספרדים זיך אויפגעשטעלט מיט די פּרעס אין די פּיסקעס. זיי האָבן פון אויפרעגונג זיך לויז געמאַכט די בויך־בענדער און זיך צעשריגן:

— אַ באַגראָבעניש אויף אים!

— הענגט אים אויף אויף די אייגענע בענדלעך!

— אַזוינס קומט פון אונזערע מקומות?

באַלד איז אונטערגעלאָפן עובדיה. דער אויסגענאַנטער תימנער האָט אויפגעקליבן פון הינטער די טישן די נישט אויסגערויכערטע ציגאַרעטן. ער האָט אָנגעצונדן אַ ציגאַרעטן־שפּיצל, האָט אַ שטאַרקן ציי געטון דורך דער נאָז, איינמאָל, אַ צווייט מאָל און, אויסשפּייענדיק, געקוקט מיט הנאה ווי זיין „קאָנקורענט" ווערט געדורסט.

עמרי, וואָס האָט דערווייל אַרומגעהאַלזט אוריהן, האָט אים שוין מער נישט אַרויסגעלאָזט פון זיינע הענט. אַ שטויס, אין האַרצן אַריין, אַ פּלעמען אין קאַרק. ער האָט אים נאָכאַנאַנד „מאַסאַזשירט" ס'פּנים, דעם קאָפּ. בלויע בײלן זענען אים אָנגעלאָפן אויפן שטערן. עמרי האָט אים אַזוי אַרומגעקיילט, אַז ס'איז דעם קליינעם איינגעקוואַרטן אוריהן, נישט געבליבן קיין אָטעם צו קענען אַ געשריי טון.

די באַלעבאָסטע, אַן אויסגעבעטע, אָנגעשטאָפּטע, ווי מיט פּוך, וואָס האָט מורא געהאַט, מען זאָל נישט נעמען האַקן שויבן, ברעכן טעלערס, איז אָנגעקומען מיטן שווערן גאַנג פון אַ מאַנסביל. אין איין האַנט האָט זי געטראָגן אַ טעלער אָנגעשמאַלצן פלייש און מיט דער צווייטער האָט זי אָנגעכאַפּט עמריין פאַרן קאַלנער.

— וואָס ממיתסט דו אים? ס'פעלט דיר סחורה?

— ער האָט עס צעטיילט דיינע פּרעסערס — האָט עמרי נאָכאַמאָל אַ פּלעם געטון אוריהן אין דער גאָמבע אַריין.

— און אַז איך וועל פון דיר אָפּקויפן די רעשט?

— נישט פאַר קיין אבילה!

— ווילסט מזומן? — האָט די „פרענקישקע" זיך אויסגע־

דרייט צו די אורחים — ישראלים! יהודים בני רחמנים! קויפט שיך־בענדלעך! מען דארף העלפן יתומים!

— מען דארף טאקע העלפן! — האבן ארויסגעקרעכצט עט־לעכע קולות.

— איך קויף! — האט א פעטער שפאניאלער אויסגעשריגן.

— איך קויף אויך!

— איך!

— איך!

נאך דער צאל אויפגעהויבענע הענט, האט די באלעבאסטע אליין גענומען איינטיילן צו צוויי פאר שיך־בענדלעך. די געלע־בערטע „טאריפעס"*) וואס זענען געפאלן פון אלע זייטן, האט זי געשטאפט אין טאש פונם פארטוך. עמרי, דער „סוחר" איז גע־שטאנען מיט אן אפן מויל, נישט גלויבנדיק דאס מען גייט אים באגליקן. פון צעטומלטקייט האט ער אפגעלאזט אוריהן. ס'איז אים בלויז נישט געפעלן, וואס די באלעבאסטע איז אויף א ווײַלע פארשווונדן הינטערן בופעט. ער האט איר נאכגעקוקט. און אז די גאנצע „סחורה" איז שוין געווען „אפגעזעצט" האט די „פרענ־קישקע" איינגעוויקלט די מטבעות אין א ליווענטן זעקל און עס ארײַנגעשטופט אוריהן:

— נא, נעם גזלן. איצט קענסטו דיר פארגינען א גוטן מאל־צײַט.

— כ'באשטעל א טעלער קאבאב מיט קאניאק! — האט אנ־שטאט עמרין דער אײַנגעשרומפענער עובדיה זיך ארויפגעשטעלט אויף א בענקל.

— מיר א „שאשליק" מיט ציבעלעס און זייטונעס — האט דער צעהרגעטער אוריה געשמייכלט דורך די טרערן.

— וואס מיר קאבאב? וואס מיר שאשליק מיט זייטונעס?**)— איז עמרין נישט געקראכן די פרעס אין קאפ אריין און ער האט

---

*) מטבעות, האלבע פיאסטערס.

**) זיתים.

זיך געשטופּט צו דער באַלעבאָסטע — דו גיב מיר בעסער אָפּ דאָס גאַנצע געלט!

— וואָס פאַרא געלט?

— ס'קניפּל, וואָס האָסט געשטופּט אין בוזים אַריין.

— ווילסט זאָגן, איך האָב דיך באַגנבעט? — האָט די באַלע־באָסטע זיך אַרויסגעדרייט נאָך הילף צו די געסט — אורחים, העלפט מיר פאַריאָגן פון מיין הויז דעם שרץ!

— אָן מיין געלט ריר איך זיך נישט! — האָט עמרי איבער־געדרייט אַ טיש מיט טעלערס און גלעזער און איז אַרויפגעשפּרונ־גען אויפן בופעט.

— אַ פּאָליס! האָט די פרענקישקע פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, ווי אַ געשאָכטענע הון.

שפּאַניאָלער, בוכאַרער, חלבער זענען אויפגעשפּרונגען ווי אָפּ־געבריטע. זיי האָבן זיך אָנגענומען פאַר די הענט, שטומערהייט גע־מאַכט אַ ראָד און געטשאַטעוועט, געזוכט אַ פּאַרטל צו דערטאַפּן עמרין.

אַ געקלימפּער פון טעלערס און פלעשער האָט אויסגעבראָכן.

א משולח

פארטאָג איז דער אספאַלט־שאָסיי, וואָס האָט זיך געוויקלט צווישן טבריה און צפת, געווען לײדיק. די אויטאָבוסן מיט פאַסאַזשירן, וואָס לויפן בײטאָג פון מתולה, פון ראש־פנה, האָט מען איצט נישט געזען. קײן קעמל־רײַטער, קײן פוסגייער איבערן וועג. נאָר דער קאַלטער ווינט, וואָס האָט געפּאַטשט פון די פעלזיקע בערג, האָט זיך אַרײַנגעשניטן אין דער אַרומיקער טויבקייט.

פון א זײַטיק וועגעלע, וואָס האָט זיך געשלענגלט אין טאָל, איז אָנגעקומען א הויכער, האַריקער ייד, באַלאָדן מיט א שווערן סור־פערט און צוויי וואַליזעס. דער ייד איז אַרויפגעקראָכן אויפן דרך־המלך. ביי א ווייסן שטיין האָט ער אַראָפּגעשטעלט דאָס געפּעק. ער האָט זיך אָפּגעווישט דעם שווייס מיט א קאָלירט נאָז־טיכל, דערנאָך זיך צוגעזעצט און אויסגעקוקט די אויגן אויף א דורכלויפנדיקן אויטאָבוס, וואָס זאָל אים מיטנעמען קיין צפת.

דאָס איז געווען ר' בעריש, א טבריהער שוחט. שוין צוויי שעה ווי ער איז אונטערוועגנס. ער שלעפּט זיך מיטן געפּעק צופוס פון טבריה אָן, ווייל זיך אַרײַנכאַפּן קיין צפת, אָפּגעזעגענען זיך מיט די רבנים מיט די ישיבות, איידער ער פאָרט אָפּ, אַלס משולח קיין אַמעריקע.

בעריש האָט נישט געזען קיין עוולה אין דעם, וואָס ער האָט נאָך ביינאַכט זיך אַרויסגעגנבעט פון שטוב, אַפילו מיט די בני־בית זיך נישט געזעגנט. און מיט וועמען זאָל ער זיך געזעגענען? ס'ווייב — א קנויל רשעות. זי פאַרקירצט אים די יאָרן. ווי ער וויל זיך נאָר אויסטון פון גשמיות, ווי ער וויל זיך נאָר אַרויסהייבן פון די ד' אמות, עפּעס אויפטון פאַרן כלל, איז זי אים א שטער. אַזוי איז געווען ביי זײַן ערשטער נסיעה קיין אַמעריקע. דעמאָלט האָט

אים קהל אויסגעקליבן, געשיקט אויף יענער זייט ים, ער זאָל זאַמלען פאַר די טבריהער ישיבות. און ווען ס'האָט זיך אָנגערוקט דער טאָג פון אָפּפאָר, איז ביי אים אין שטוב געווען תשעה־באָת. ס'ווייב נחמה האָט געוואָרפן מיט קללות, האָט אויסגעבראָכן העלפט חפצים. בעריש האָט קיין זאַך נישט אָפּגעהאַלטן. ער האָט געדרשנט אויפן שיף, ער האָט געדרשנט נאָכן אראָפּגיין פון שיף. אין די שטיבלעך און שולן פון אַמעריקע און קאַנאַדע, אומעטום האָט מען זיינע דרשות אויפגענומען. נאָך אַ יאָר איז ער צוריקגע־קומען. גאַנץ אַלט־טבריה האָט אים מקבל פנים געווען. ער האָט מיטגעבראַכט שווער געלט. מען האָט פאַרריכט די אַלטע שול. מען האָט איבערגעבויט די ישיבה. ער האָט אַרויסגעשטופּט פאַר אַ צייט ס'דחקות פון דער אייגענער שטוב. און נחמה, וואָס האָט געטראַכט, אַז זי איז פאַרן יאָר געוואָרן אַ וויסטע עגונה, האָט זיך געפרייט מיטן מאַן, דעם שליח־מצוה.

בעריש האָט זיך מצער געווען, וואָס מיט צוויי יאָר שפּעטער חזרט זיך איבער דאָס זעלבע. קללות, חרמות. ווייניק וואָס זי איז אַ קראַנקע, האָט אַ „לינקן פעלער"? און די צוויי דערוואַקסענע זין, די לומדים, מישן זיך נישט. מען איז פאַרנומען מיט דער קהילה, מיטן ועד־העיר. מען פאַרזעט, אַז דעם טאַטן איז באַשערט אויסצוואַקסן אַ מנהיג ביים פאָלק ישראל. דער נעכטיקער טאָג האָט אים אָפּגעקאָסט ס'געזונט. אַ פאַרביטערטער האָט בעריש ביי זיך אָפּגעפּסקנט, אַז ווען מען האָט אַ ווייב אַ קראַנקע און אַ מרשעת דערצו, מעג מען זי לאָזן אַן עגונה.

פון טבריהער וועג איז אָנגעלאָפן אַ שווערער אויטאָבוס, ווי אַ טראַקטאָר. בעריש האָט געפּאַכעט מיטן שנופּ־טוך. דער אוי־טאָבוס האָט זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט. דאָס טירל האָט זיך גע־עפנט, און ווען דאָס געפּעק פאַרויס, דערנאָך בעריש זעלבער שוין געשטאַנען אויפן טרעפּל, האָט דער שאָפער געעפנט אַ פּאָר פאַר־שלאָפענע אויגן.

— ר' בעריש?

— ווּעסט מיך מיטנעמען קיין צפת, חנניה? — האָט בעריש געשמייכלט, וואָס ער האָט גראָד געטראָפן אַ באַקאַנטן שאָפער.

— אז איר קליבט זיך נאך צפת, ר׳ בעריש, וואס טוט איר דא איבמיטן וועג? איר האט דאך געקענט ארויספארן גלייך פון גראזוש?

— פרעג נישט. כ׳האב זיך באנגאריטש — האט דער טבריהער שוחט צוגעטראכט א ליגן — כ׳בין נאך פריער ארויסגעפארן מיט א וואגן, האב געוואלט וואס פריער זיין אין צפת. ערשט איבמיטן וועג איז זיך דער בעל־עגלה מישב און וויל נאך צען טאלער ביז דער שטאט, בין איך אראפגעשפרונגען.

— גייט אריין, ר׳ בעריש.

— האסט פאר מיר א פלאץ?

— פאר ר׳ בערישן וועט זיך נישט געפינען קיין פלאץ? — האט דער שאפער ארויסגענומען ס׳געפעק פון בערישעס הענט און גענומען צוזאמענדריקן די פאסאזשירן — רוקט זיך צענויף, רבותי!

— וואס פאר א רוקעניש? איך רוק זיך נישט, — האט א פאסאזשיר פראטעסטירט.

— מיר האבן, דאכט זיך, באצאלט פאר בילעטן, — האט א צווייטער צוגעהאלפן.

— נישטא! נישטא!

— יידן, איר זענט גזלנים? — האט דער שאפער מיט א שמייכל איינגענומען דעם עולם, — איר האט נאך נישט געזען דעם פאסאזשיר. ווייסט איר, מיט וועמען איר האט דעם כבוד? מיט ר׳ בערישן!

— אוי, אוי, ר׳ בעריש? כ׳טרעט שוין אפ מיין פלאץ! — האט א צעפלאשעטע יידענע, דער שייטל פון קאפ איינגעוויקלט אין א אראבישע „קאפיע״, זיך אויפגעשטעלט.

— חלילה! ביי א פרויענצימער צונעמען דעם פלאץ? דאס נישט! — האט בעריש זיך אפגעשאקלט.

— זייט מוחל, ר׳ בעריש — האט זיך עמיץ אויפגעהויבן — דא, ר׳ בעריש.

— אט זיץ איך שוין אויף דער בלעך פון בענזין, — האט א יונג בחורל לידיק געמאכט זיין פלאץ.

אַז בעריש האָט זיך געהאַט צוגעזעצט בהרחבהדיק און פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס, האָט דער שאָפער אַ צופרידענער זיך געגנומען פאָרן רעדל און דער אָנגעלאָדענער אויטאָבוס האָט זיך געקאַטשעט איבערן שמאָלן אַספאַלט־שאָסיי.

קרישקעס זון, וואָס זענען אַריינגעפאַלן דורך די פענסטערלעך, האָבן אָנגעגליט די פּנימער פון די פּאַסאַזשירן. ר׳ בעריש האָט נישט פאַרטראָגן די שטעכיקע היץ פון שייבל, האָט ער צוגערוקט דאָס פאַרהענגל און זיך פאַרטראַכט.

אַ צעקנייטשטער זקן, מיט תנועות און העויות פון אַ ירושלימער למדן, האָט זיך אויסגעדרייט צו בערישן מיט אַ שמייכל.

— שלום עליכם, ר׳ בעריש. מען רעדט, אַז איר קלויבט זיך ווידער אַמאָל מעבר לים. וווהין פאָרט איר דאָס מאָל?

— ווו פאָרן יידן היינטיקע צייטן?—האָט דער טבריהער שוחט זיך אויסגעקעמט מיט די האָריקע פינגער דאָס פלאַקסענע בערדל און געמאַכט אַ מינע פון אַ וועלט־רייזנדן. — נאָך אַפריקע, נאָך יאָהאַנעסבורג. מען פאָרט אין די „שטאַטן", אין קאַנאַדע... יידן פאָרן מרביץ זיין תורה, זאַמלען געלטער פאַר צרכי - קודש, און גלויבט מיר, ביז מען קלויבט צונויף די פּאָר טאָלער, ווערט מען אונטערוועגנס גוט פאַרשוואַרצט... שווער צו זיין אַ משולח.

-— פונדעסטוועגן, ווען איך האָב אייער כח־הדבור, ר׳ בעריש, וואָלט איך תיכף געוואָרן אַ משולח און אוועקגעוואָרפן דעם מסחר מיט טליתים און קמעות. כ׳וואָלט זיך אפילו אָפּגעזאָגט פון דער השגחה איבער די „שופרים"*).

— וואָס, מען פאַרפאָרט אַמאָל קיין צפת אום שבת אויך? — האָט בעריש זיך געווישט דאָס האָריקע פּנים.

— צי מען פאַרפאָרט? ס׳טרעפט שוין תמיד אַ נס, אַז מען אַרבעט אַריין אַ שטאָך אין שבת — האָט דער זקן אַריינגעכיקעט בערישן אין פּנים אַריין. — פריער ווי נאָך ליכט־צינדן ענדיקן זיי קיינמאָל נישט די נסיעות.

— אַ בלבול, אלקנה — האָט דער שאָפער אָפּגעלאָזט איין

---

*) שאָפערס.

האַנט פון ראָד, אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צו די פּאַסאַזשירן, — מיר זענען נישט מחלל שבת, מיר ווילן אויך אַ טאָג מנוחה.

— דאָ מוז איך זיך שוין אויך אַריינמישן — האָט אַ באַבערדלט פּאַרשווינדל אין אַ פאַרשמאָלצענער קאַפּאָטע, אַ צפתער בוימל־הענדלער, זיך אָנגערופן. — איך אַליין קען אויך זיין אַן עדות, אַז מען איז מחלל שבת. מילא, די ירושלימער „שופרים", כ'קען זיי נישט. מסתמא אַן אָנלויף. פרעמדע, חלוצים. אָבער אַז מען קומט מיר אין שול אַריין זאָגן: ר' לייבושס זון פאָרט אום שבת, ר' אפרימס זון פאָרט אום שבת, איז דאָך הפקר אַ וועלט! וואָסי? איין גאַנג מיט די חלוצים, די פושעים?

— וואָס האָט איר צו חלוצים? — האָט אַ צעשויבערטער בחור אין אַ פּאָר ווייסע הייזלעך ווי מיטקעס זיך אויפגעשטעלט.— איר חלוקה־ניקעס, וואָס לעבט פון קצבה, פון שנאָרעריי, וואָס מען קלויבט פאַר אייך אין דער וועלט? ווען נישט מיר, חלוצים, וואָלט איר איצט געפאָרן אויף אַ „כביש"*) פון אַספאַלט קיין צפת? אויף אַ פרדה**) וואָלט איר זיך געשלעפּט ווי אין טערקס צייטן.

— און נאָר אַ כביש? — האָט אַ פאַרברוינט מיידל, אין אַ פאַרגאַרטלטער בלוזע זיך אַריינגעמישט. — אין יעדן שפּאַן דאָ שטעקט אונזער בלוט, אונזער שווייס. ווער האָט אַריינגעהאַקט אין דער ליידיקייט אַ ראש־פּנה, אַ מתולה? ווער האָט אויסגעבויט צענטליקער פונקטן אין דעם פאַרוויסטן עמק? מיט אונזער אימפּעט קומען מיר דאָ אַהער, מיט אַ שליחות, מיט אַ היסטאָרישער אחריות, און איר, שמן־זית־יידן, ביי וואָס זענט איר געבליבן אין ארץ־ישראל, זינט דעם חורבן? ביי בריתן, ביי בר־מצוות, קמיעות און צוועלף־יעריקע כלות...

— חוץ דעם — האָט דער צעשויבערטער בחור זיך געהיצט,— ווער האָט דאָ אויפגעלעבט דעם ל"ג בעומר, די „הילולא" אין מירון? די טענץ אַרום קבר פון שמעון בר יוחאי? אפילו אַ רעליגיעזע התלהבות, אפילו אַ פייער קאָנען מיר, פושעים, אָנצינדן! און ווער האָט פאַרטיידיקט דעם אַלטן ישוב אין די געשעענישן

*) שאָסיי.

**) מויל־אייזל.

פון אב, ווען אַלץ האָט געהאַלטן אין חרוב ווערן? מיר! — האָט ער זיך געקלאַפּט אין האַרץ אַריין. — ווי אַ וואַנט האָבן מיר זיך אַוועקגעשטעלט אין אַריינפאָר פון שטאָט און אָפּגעטריבן דעם שונא. און איר, גאָטס סטראַפּצעס? מיט אויסגעשטרעקטע העלזער זענט איר גרייט געווען אַקעגנצוגיין די מערדערישע באַנדעס, וואָס וואָלטן אייך אויסגעשאָכטן ווי די קעלבער.

דער האָגל מיט ווערטער האָט אַזש פאַרטויבט בעריש. ער האָט געוואָלט איינשטילן די צדדים, זאָגן, אַז צוערשט די מלחמה, דערנאָך דער גירוש האָבן חרוב געמאַכט דעם אַלטן ישוב. יידן זענען זיך צעלאָפן קיין מצרים, קיין איטאַליע און דאָס רוב קיין אַמעריקע. ביזן וועלט־קריג האָט בלויז צפת געציילט דרייסיק טויזנט יידישע נפשות און איצט — דריי טויזנט. טאָ צו וואָס ס'באַרימען מיט חלוצים? בעריש האָט נאָך געוואָלט זאָגן, אַז חוץ חלוצים האָט צפת אויך פאַרמאָגט דעם אר"י הקדוש, ר' יוסף קארו. מה־נות מקובלים. ער האָט אָבער געשוויגן. דאָס דערנענטערן זיך קיין צפת, דאָס אַרויסגנבענען זיך אין מיטן נאַכט פון חער היים, האָבן ביי בערישן אָפּגעטומפּט ס'לשון. ער איז געוואָרן אומרואיק. ס'האָט אים געבריט אין די קני, ווי ער וואָלט געכאַפּט אַ לייכטן קדחת.

דער אויטאָבוס האָט געקלעטערט אַרויף, אַרויף, זיך געגליטשט איבערן ענגן שאָסיי, וואָס האָט זיך געשנירלט צווישן די גרינע קאַלטענעוואַטע בערג. פון דערווייטנס האָט זיך גערוקט מרון, די גרויע קופּאָלן פון די קברים פון שמעון בר יוחאי און מאיר בעל הנס, די זון האָט געשפּאַרט דורך אַלע שויבלעך. דער אויטאָבוס האָט זיך געדראַפּעט וואָס אַמאָל העכער, געראַשט, מיט אימפּעט זיך געהויבן, ווי אַ טראַקטאָר. און מיטאַמאָל איז ער שטיין גע־בליבן מיט אַזאַ קנאַל, ווי אַ ראָד וואָלט געפּלאַצט.

די פּאַסאַזשירן האָבן זיך אַ טרייסל געטון. בעריש האָט גע־עפנט אַ פענסטערל. פון הינטן איז געשטאַנען אַ לאַסט־אויטאָ. פונעם אָפענעם קאַסטן איז אַראָפּגעקראָכן אַ יידענע, געהילט אין שוואַרצע טראַנטעס, ווי אַן אַראַבישע פעלאַכקע. זי האָט אויפגע־פּראַלט ס'טירל פון אויטאָבוס, מיט די אויגן אָנגעטאַפּט בערישן און אים אַריינגעקרייעט אין פנים אַריין:

— דאָ שטעקסטו, למדן? ווי איך האָב דאָס צוגעטראָפן דיך צו זוכן! און דו, בעריש, האָסט טאַקע געגלויבט, אַז ווען דו האָסט בײַנאַכט אַרויסגעטראָגן די קופּערס, בין איך געשלאָפן? הא, שוחט, הא, משולח? אויף שיפן און אויף באַנען וועסטו זיך אַרומטראָגן? אַ מנהיג ביים פאָלק ישראל ווילסטו ווערן? און מיך פאַר אַ וויסטע עגונה וועסטו מאַכן? מוחל אַמעריקע! מוחל די דאָלאַרן! מוחל אַזעלכע משולחים! איצט, שיינער ייִד, צעקעם דיר די באָרד, און צוריק אַהיים! די רגע אַהיים!

פון פאַרנט דאָס קוויטשנדיקע ווייב, פון הינטן די צעשראָקענע פּאַסאַזשירן און אין דער מיט דער וווּקסיקער, האָריקער טבריהער שוחט אַן אונטערגעזעגטער, ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף אַ זינקנדיקער שיף, דאָס וואַסער לויפט פון אַלע שליוזן, פאַרגיסט אים און שלעפּט אים צום תהום...

א י ז ב ל

צום אנבייסן האט תורגמן, א סאלאניקער ספרדי, אלט, צעקניטשט, ווי מתושלח, זיך צוגעזעצט אינם רויט - געשטרייפטן שלאפראק. אויף די פיס ווייכע, אויסגעפלאכטענע שטעק-שיך, איבערן קאפ א סאמעט-געבלימלט קאפל מיט א טראלד, ווי ביי א ליץ. תורגמן איז געזעסן אויף זיין היסב-בעט, ווי א געליימטער. און ווי ער האט זיך נאר א קער געטון, האט אלץ אין אים געארבעט. אין זיינע פלינקע מויז-בליקן, אין זיינע פארזיכטיקע תנועות, האט ער אויסגעזען ווי א צירונג-הענדלער אויס סטאמבול.

קעגנאיבער אים, אויף א צוויי-פיסיק געפלאכטן בענקל, האט זיך געוויגט זיין ווייב אסנת, א זקנה אין א גרין - זיידענעם הויב. די שווערע רייפן - אויערינגען האבן אראפגעהאנגען ביז איבערן האלז. קופער- און מעש - בראסלעטן אויף די ברוינע הענט, גאלדרינגעלעך אויסגעזעצט מיט איידלשטיינער אויף די פינגער. אסנת האט א שווייגנדיקע אונטערגערוקט דעם מאן איין מאכל נאכן צווייטן, זויער-מילך מיט גרינע פעפערלעך, זיתים מיט קנאבל, גרייפ-פרוכט און געזאלצענע מצות.

תורגמן האט אויסגעשאבן מיט א לעפעלע א פענעצל גרייפפרוכט מיט זאפט, נאכן אראפשלינגען זיך פארקרומט און געמאכט א מינע, ווי נאך א ביטערער מעדיצין. פון תענוג האט איבערן רעכטן שלייף זיך פארצויגן א נעץ מיט אדערן, ווי שלענגלעך. ער האט געקרעכצט:

— א טייערע פרי, די גרייפ-פרוכט.

אסנת האט געקוקט דורכן פענסטער איבערן כרמל. זי האט געזען אן אייזערנעם פארקאן, הינטערן פארקאן א פאמעראנצןפרדס, ווייטער איבער א שיפן בארג - אראפ האט זיך געקאלערט

א צווייטער פּרדס, א דריטער, ווי קנופּן מיט גרייפּ־פּרוכט האָבּן אַראָפּגעשווערט פון די אַלטע ביימער. דאָס אויג האָט געשלינגען שטחים. און אַז ס׳האָט איר גענומען נעפּלען פאַר דער ראיה, האָט זי זיך אָנגערופן:

— וואָס טוסטו, רפאל, אַז אַזעלכע פּירות זאָלן צו דיר געהערן, נישט צום שכן?

— מיינסט אַצלאַנס פּרדס, זיינע פּירות? — האָבּן ביי רפאל תורגמנען זיך געפּעלדלט די בייטעלעך הינטער די אויגן.

— פאַרוואָס זיינע פּירות, מאַנסביל דו, חלוש איינער? דער פּרדס קאָן ווערן דיין נכסי דלא ניידי. האָסט א חזקה אויף אים פון לאַנג, ווען דיין פעטער, דער חכם באַשי, האָט עס געוואָלט איינהאַנדלען.

תורגמן האָט אָפּגעבראָכן א שטיק מצה און פאַרביסן מיט א פעפערל, דערנאָך האָט ער א וויש געטון די ליפּן מיט א שפּיץ פון דער קאָלירטער פאַטשיילע און געזאָגט:

— כ׳וועל נישט מסיג־גבול זיין א שכן.

די זקנה איז נישט צופרידן געווען מיטן מאַנס באַשלוס. איבער די בייזע אויגן זענען אַראָפּגעהאַנגען די ברעמען, ווי הערנער. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, שווער, מיטן געשטעל פון א מאַנסביל. אויף די קנאַביקע פינגער האָט זי אויסגערעכנט דאָס אומבאַוועגלעכע פאַרמעגן: א כּרם, א מאַנדל־גאָרטן, צוויי הייזער אין חיפה, דערצו 4 אלפים אין מזומן צעבאָרגט אויף משכנתאות. דער בילאַנס האָט נישט באַפרידיקט. הינטער דער נאָז, צווישן שטעכל־דראָטן און קאַקטוסן, ציט זיך א באַיאָרטער פּרדס. דער אָרעמער שכן האָט אים אויסגעכאַפּט, ווען דער חכם־באַשי האָט אונטערהאַנדלט. זי, אסנת, וועט נישט דערלאָזן אַזא בזיון. זי וועט דעם פּרדס באַזיצן, דעם באָדן פאַרצעלירן, פאַרקויפן דונאַמוויז, און דער אַלטער רפאל, דער חלוש, וועט נאָך גאַפן אויף זיין אשת־חיל.

פון הינטער א שווערן, סאַמעטענעם פאָרהאַנג, ווי א פּרוכת, האָט זיך באַוויזן ציונה, תורגמנס טאָכטער, אַן אויסגעצויגענע, ווי אויף שפּרינגפעדערס. אין דעם רויטן צעפאַלדעוועטן קלייד ביז צו די קנעכלעך, די טונקעלע קאַשטאַן־האָר פאַרלייגט אין א קריינדל

און ארום האלז פארביקע קרעלן מיט א באגילדעטן מגן־דוד, ווי א קמיע — האט זי אויסגעזען ווי א דמשקער טענצערין.

זי האט זיך געקלאגט:

— רחמים האט מיך ווידער געקנייפט אין די אָרעמס. בלויע צייכנס מאכט ער מיר.

— הערסט, רפאל? — האט אסנת גענומען שפרייזן איבערן צימער, ווי א זעלנער — דער נבזה יאָגט זיך נאָך איר. אויסגע־לינקט מעגן אים די הענט ווערן! און די ריפּן געליימט! און דו, נערעכטער, האסט מורא אויסצושטרעקן א האנט צו זיין פאָטערס פארמעגן?

תורגמן — א תּם, גליך ווי נישט צו אים וואָלט ס'ווייב גע־רעדט, האט צוגערוקט צו זיך די נאַרגילע, עטלעכע מאָל געפּיפּקעט דורכן שלויך, דערנאָך אָפּגעשטופּט די בייכיקע פלאַש און זיך אויפגעשטעלט צו דער טאָכטער:

— און אַז רחמים גייט אויף דיר, קאָנסטו אים נישט שיקן צו די רוחות? צו די טייוואָלים? טפה סרוחה! אומבאַהאָלפּענע דו! א בחור איז נישט קיין סריס. און דעם האָן ציט שטענדיק צו די קוואָקעס...

דער ספרדי האט א קוק געטאָן אויפן ווייב, ווי אויף א ביטערן שונא. די אויגן האָבן געברענט, ווי די קוילן אויפן האַלז פון דער נאַרגילע:

— און דו, מרשעת, ווילסט מיך מאַכן פאַר אַן אחאב, און זיך — פאַר איזבל? כ'וועל נישט מסיג־גבול זיין א שכן. כ'וועל נישט צוליגן א האנט צום רויב. און אַז רחמים וויל ציונהן פאַר א ווייב, פרעג צווערשט, וואָס האט אונז צו זאָגן די בתולה? אויב אָבער ער טראָגט זיך ארום, רחמים, מיט פינסטערע כוונות, גיס אים שוועבל אויפן פּנים! ברען אים אויס די אויגן!

ציונה האט א ציטער געטון. ביים פאָטערס דראָאונג, אַז מען גייט רחמימען שלעכטס טון, האט זי דערשפּירט א ברי איבערן לייב. זי האט צוגעשפּרייזט צום פאָטער, בעת די לויזע קליידער־פאַלדן האָבן גערוישט מיט בלעטער־שאָרך.

— כ'האָב מיך געוואָרט, טאַטע, כ'האָב אים געשיקט צו זיינע

טענצעריגס פון בירוט. אבער ער וויל נישט קיין געקויפטע ליבע, רחמים. ער וויל געשאָנקענע ליבע. מיך וויל ער.

אסנת איז איר אַריין אין די רייד:

— אַז דו האָסט רחמנות אויף אים, מויד, טאָ שענק אים ס'האַרץ דיינס. עפן די לאָדנס פאַר דעם אביון. אַ נבזה, אַזאַ נבזה! אַ מגפה אויף אים!

תורגמן האָט זיך אויפגעשטעלט. זיין פיגור אונטערן שלאָפּראָק — קליין און איינגעשרומפּן — האָט ארויסגעקוקט צום ווייב, ווי צו אַ שטרענגן וועכטער.

ער האָט גערעדט צו דער טאָכטער:

— ער ווערט גלייך אַ כפּרה, דער יונג, אויב ער וועט מיט מיר שפּאַס טרייבן. און פאַר דיר, ציונה, איז אָנגעגרייט מיין גאַנץ גאָלד. כ'וועל פאַרקויפן דעם כּרם, דעם מאַנדל־גאָרטן, די הייזער, אַבי זאָלסט געפינען אַ ריכטן זיווג, מעג זיין אַן אביון, נאָר פון אונזער עדה.

— אַזאַ מטורף! אַזאַ אַלטער אשמדאי! — האָט אסנת זיך געלאָזט צו דער טיר.

די צונויפגעקוועטשטע פויסטן ביים אַלטן האָבן זיך געקנוילט, נאָכיאָגנדיק אַ דהאָאונג אויפן ווייב. ער האָט גענומען זיין שטעקן. ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט צו ציונהן, זי זאָל אים נאָכגיין. און ווען ער איז אַליין שוין געווען אויף דער טעראַסע, האָט ער פאַרקייטלט הינטער זיך די פאַרגלאָזטע טיר.

ער האָט שווייגנדיק פאַרביי׳געשפּאַנט די פולע פּרדסים, וואָס האָבן זיך געצויגן הינטערן הויף, ווי יונגע וועלדער. ס'האָט גע־שמעקט מיט טוי־פייכטקייט און מיט ריחות פון רייפע פּירות. די צווייגן מיט פּאָמעראַנצן האָבן אַראָפּגעהאָנגען, ווי אָנגעלאָדענע בוקעטן. ס'האָט זיי געצויגן צו דער ערד.

דער אַלטער האָט גייענדיק צעשפּרייט די נאָזפליגל און אַריינ־געאָטעמט ריחות, וואָס מאַכן יינגער. קאַלטע זון־פלעקן האָבן גע־גלעט זיינע גערונצלטע באַקן. ציונה הינטער אים, דער שטעקן — פאַר אים, אַזוי האָט ער געקלעטערט צום קאָפּ פון כּרמל. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ס'איז שוין סוף טבת און שטאַרק נייגעריק גע־

ווען צו זען דעם שכנס נחלה, זיין ווירטשאפט. און וואס טוט דארט רחמים? אט דער יונג, וואס פלאנטערט זיך ווי א קנויל אין זיין הויז? באארבעט ער די ערד מיטן שוויים פון זיין פנים?

ער האט פארגעסן, אז ציונה גייט הינטער אים. פאר אים האבן זיך געדראפעט די שפיצן פונם כרמל, ווי הארבן, און הינטער אים, ווי א שמאלער קאנאל, האט זיך געשלענגלט דער נחל קישון. פאר תורגמנס מידע אויגן האט עפעס געגעפלט, ווי אן אויפגעמישטער חומש־בלאט. ס'האט זיך געשטעלט דער פארצייטנס, ווען דער נחל קישון האט געפלייצט און איז אריבערגעלאפן איבער די ברעגעס.

— — — און דער פעלדמארשאל סיסרא מיט זיינע ניין הונדערט אייזערנע רייטוואגנס האט געדריקט דאס פאלק ישראל, שטארק געדריקט דורך צוואנציק יאר. און דבורה הנביאה האט געמשפט דאס פאלק אין יענער צייט. און זי איז געזעסן הינטער א פאלמע. און זי האט געשיקט רופן ברק בן אבינועם און אים באפוילן, ער זאל ציען צום בארג תבור און מיטנעמען מיט זיך צען טויזנט מאן פון די בני נפתלי און בני זבולון.

— — — און סיסרא מיט זיין גאנץ חייל זענען געפאלן פון דער שווערד. קיין איינער איז נישט געבליבן. און דער נחל קישון האט זיי אפגעשוואנקען. — — —

פארן שכנס הויף, וואס האט זיך צעליינגט פיר־עקיק, האט תורגמן זיך פארהאלטן. ער האט אריבערגעקוקט איבערן דראט־געפלאכטענעם פארקאן. א געמויערטע הינער־שטייג, גרויס ווי א געביידע, איז געשטאנען אין א ווינקל. הינטערן הינער־שטייג א שטאל, וווּ ארום האבן פול־אייטערדיקע געפלעקטע קי געמעלה־גרהט. א טויבן־שלאק, פארשפיצט ווי א טורעם, האט אפגעגרע־נעצט איין טייל הויף פונם משק. חוץ טויבן, וואס האבן זיך גע־פארט, האבן געגראבן מיט די שנעבל אינדיקעס, הינער, ווייסע גענז.

דער אלטער אצלאן, דער באלעבאס, הויך און הארט, ווי א פאלמע, איז געקראכן צווישן סטעזשקעס, וווּ שורות טאמאטעס, שרונטן מיט אונערקעס, קעפלעך סרויט — אלץ האט געשפאלטן

די הויט פון די צעאקערטע גרודעס און זיך געריסן פון די ערד־טיפעניש.

תּורגמן האָט נישט באַנומען, ווינאָך זיין ווייב אָסנת טראָגט אַ שנאה צום ווילן שכן, אַן איינגענעם בן־עיר, אַ סאַלאָניקער. און תּמיד, ווען אָסנת האָט געפּלאָנט צוצונעמען פון אַצלאַנען זיין פּרדס, האָט עס אים, תּורגמנען, דערמאָנט אָן איזבלן, וואָס גייט באַרויבן נבותן פון יזרעאל.

פון הינטער אַ געדיכטן קאַקטוס־געפלעכטס איז אָפּערגע־קראָכן דער באַלעבאָס אַצלאַן מיט אַ פול שווייסיק פּנים פון קופּער־קאָליר. די הענט און פּלייצעס אויסגעשטויסן. ער האָט געקוקט דורכן דראָט־געפלעכט אויפן אָנקומענדיקן תּורגמן, ווי אויף אַ היישעריק. און ווען צוערשט תּורגמן, דערנאָך ציונה, זענען גע־שטאַנען פאַרן טויער, איז אַצלאַן זיי אַקעגן געגאַנגען.

די שכנים האָבן זיך באַגריסט אויף שפּאַניאָליש.

— גוט מאָרגן, שכן.

— גוט מאָרגן, גוט מאָרגן, — האָט אַצלאַן באַהאַלטן זיין חשד, — פּאַר אַ גאַסט, שכן, וועל איך דיך שטענדיק אויפנעמען אין מיין הויף. אָבער פאַרקויפן מיין פּרדס — דאָס קיינמאָל נישט.

— מיט אַזעלכע פּלענער, אַצלאַן, טראָגט זיך מיין אשה, נישט איך. כ'בין נאָר געקומען אַ רייד טון מיט דיין רחמים.

— נישטאָ וואָס אים מקנא צו זיין. דער יונג אַרבעט פון פאַר־טאָג ביז ביינאַכט ביי עופות און שטוב־חיות. אין סאַלאָניקי לעבט זיך דעם יונגוואַרג לייכטער.

— דאָס קאָן מען נישט אָפּשטרייטן. אָבער ביסט דאָך אַליין, אַצלאַן, אויך אַ פאָטער. און מיין ציונה ליידט אויף קאָפּ־שווינדל. דיין יונג „פאַרפּלעכט איר קניפּלעך”.

אַצלאַן האָט זיך אַ כאַפּ געטון פאַר דער געגאַלטער מאָרדע און ממזריש גענומען קראַצן די קופּערנע הויט. ערשט איצט האָט ער באַנומען דעם מיין פון זיין שכנס וויזיט. ער האָט אַ בליק גע־טון אויף ציונהן, וואָס איז געשטאַנען הינטערן פאָטער, ווי אַ פאַר־שעמטע כּלה, און געערדט אין הימל אַריין.

— אַ נייעס פאַר מיר, אַ נייעס, און וואָס זאָגט די יפת־תּואר?

שטייט איר אָן, אַ סאַלאָניקער אביון זאָל איר קיצלען אין די וווי־כע ערטער?

תּורגמן האָט אַרויסגענומען אַ קאָלירטן שניפּ־טוך, האָט זיך גוט אויסגעראַצט און גענומען דראַען מיט אַ פינגער:

— ניבול־פּה רעדסטו, אַצלאַן. ס'פּאַסט נישט פאַר דיין עלטער.

— קיין ניבול־פּה, — האָט אַצלאַן עם־האַרציש געלאַכט, — מען דאַרף אַמאָל אַ שאַר טון איבער די אייגענע קוילן, צי זיי גליען נאָך. און ווייסט דאָך, וואָס עלטער דער באָק, אַלץ שטייפער דער האָרן.

בשעת די צוויי זקנים האָבן געשמועסט, איז פון הינטער דער הינער־שטייג אָנגעקומען רחמים, אַן אויסגעקנעטענער און קופּער־נער, ווי דער פאָטער, מיט אַ פּאָר פּלייצעס, ווי ביי אַ האַפן־טרע־גער. ער האָט זיך אַ לאָז געטון צו ציונהן מיטן אומרו פון אַ הונט, וואָס דערשנאַפּט דעם ריח פון אַ צווייג.

אָן בושה האָט ער אַרומגעכאַפּט ציונהן פאַר בײדע הענט, ווי זיי וואָלטן שוין לאַנג געווען מאַן און ווייב, און זיך אויסגעדרייט צו תּורגמנען:

— כ'האָב שוין נישט איינמאָל געוואָלט רעדן מיט אייך, אַז ציונה געפעלט מיר. און איך, אַ ספרדי, דאַרף נישט זוכן מיין באַ־שערטע צווישן די מאָסקאָבישע טעכטער.

— רעדן איז וויניק, בחור. און נאָך ביירוט, זאָגט מען, פאַרסטו אויך נישט מזוזות קושן אָדער אַ קאַפּיטל תּהלים זאָגן. און וואָס קאָן מיין טאָכטער געפינען אין דיר, אויסער אַ מאַן אַ שלעגער?

רחמים האָט אויפגעהויבן די הענט, ווי פליגלען, און געפּאַ־כעט מיט זיי איבער אַלע פיר זייטן פונם הויף.

— בהמות און גענז וועט זי ביי מיר געפינען, הינער און טויבן, אַ משק מיט גרינס, אַ פּרדס מיט גרייפּ־פרוכטן. און אפשר וועט זי אויך האָבן אַ רייזע נאָך סטאַמבול.

תּורגמנס געקנייטשטע באַקן האָבן געלאַכט צו אַצלאַנען, צו זיין זון, אָפּגעשפּעט פון זייער עשירות. נישט רייכטום קומט ער צו זיי זוכן. אויב שפע, פאַרמאָגט ער עס מער אין איין כּרם, אין

אין מאַנדל־גאָרטן. דאָס לינקע אויג האָט ער אויפגעהויבן און דאָס רעכטע, פינסטער, ווי אַ לקוי־חמה, האָט געקוקט שטאַר, האָט באַטראַכט אַצלאָגען, זיין זון. און וואָס שווייגט ציונה? פאַרוואָס שטייט זי ווי אַ נישט־דערמאָלקענע קו?

רחמים האָט אַרומגענומען ציונהן פעסטער פאַרן איינשניט, פון זיכערקייט געשטעלט עטלעכע טריט הינטער זיך, אַ זיכערער, אַז די מחותנים וועלן זיך שוין צונויפרעדן.

קיינער האָט נישט באַמערקט, ווי הינטערן דראָט־צוים האָט זיך באַוויזן די זקנה אָסנת אַ צעיאַכמערטע, דער גרין־זיידענער הויב אַראָפגערוקט פון שייטל. די גרויסע רייפן־אויערינגען צע־וויגט, ווי גלאָקן. זי האָט זיך געגנבעט הינטערוויילעכץ, פאַרביי די זקנים, וואָס האָבן אָנגעשלאָגן אַ תקיעת־כף. און אַז זי איז געשטאַ־נען נאָנט צו רחמימען, האָט אין אירע פינסטערע אויגן זיך געוועקט ס׳רשעות פון איזבל.

רחמים האָט זיך אַ רוק געטון אויף צוריק, ווי ער וואָלט גע־וואָלט אויסמיידן אַ געפאַר. די זקנה איז אים אַ שפרונג געטון אין די אויגן אַריין, גיך אַרויסגעכאַפּט פון בוזים אַן אויפגעפראַפּט פלעשעלע און עס אַ גאָס געטון אויף זיין פנים.

ביי תורגמנען האָט פון איבעראַשונג דער טראָלד אויפן קאָפּל זיך אַ וויג געטון. ער האָט געזוכט נעבן זיך דעם מחותן, וואָס איז נישט געוואָרן. און ווען רחמים האָט זיך געקנוילט אויף דער ערד מיט אומגעהויערע קולות, האָט די זקנה, פינסטער, ווי אַ מכשפה, זיך אַ לאָז געטון צום מאַן און אין אים אַריינגעשריגן מיט נצחון:

— שוועבל אויפן פנים האָב איך אים געגאָסן, דעם אביון! די אויגן האָב איך אים אויסגעברענט, דעם יעגער! ווי דו האָסט באַפוילן, רפאל!

אויף רושטאוואַניעס

די קלעפּ פון די האַמערס, וואָס זענען געקומען פון די קרעשן און ברעטער, האָבן אָפּגעהילכט מיטן רעש פון אַ טאַרטאַק, ווו מען זעגט בוימער. אַרום די פיר זייטן פונם הויכן, רויען בנין — אויפגעשטעלטע ליטערס פון צווייצאָליקע, דריי־צאָליקע קרעשן, אַריינגעהאַקט אין די ווענט, ווי קלינעס. דאָס האָט מען אויסגעפּאַרטיקט די רושטאָוואַניעס צו דער דריי־שטאָקיקער געביידע, וואָס האָט געוואַרט אויף טינק.

בערל און איציק, אין לויזע פּאַרקאַלעכטע בגדים, האָבן געקלעטערט איבער די רושטאָוואַניעס, ווי אַקראָבאַטן. אַ שפּרונג אַרויף, אַ שפּרונג אַראָפּ און ביידע זענען געבליבן שטיין אויפן העכסטן „גאָרן" ווי אויף אַ געשפּאָלטענער בריק.

בערל האָט זיך אונטערגעוויגט, וועלנדיק אויספּרובירן, צי די ברעטער אונטער די פיס קנאַקן נישט. און ווען די האַמער־קלעפּ האָבן אייניציקווייז זיך איינגעשטילט, האָט ער אַריינגערעדט אין איציקן:

— מיינסט, מען וועט נאָך היינט אָנהויבן צו „פּאַלעטעווען"?

— אויב ס'זאָל נישט אויסברעכן דער שטרייק — האָט איציק געצויגן מיט אַן אַקסל.

— אַלץ צוליב די „זשלאָבעס"? — האָט בערל אָנגעוויזן אויף אַ טוץ אַרבעטער, וואָס זענען געווען צעשאָטן איבער די רושטאָוואַניעס, אונטן, אויבן, ווי אומרואיקע מאַטראָזן אויף אַ שיף־דעק, פּאַר אַ שטורעם. — זיי זענען נישט קיין חברים אין „הסתדרות". אַן ערב־רב פון קאַווקאַזער, גרוזינער און קורדען.

— געזונטע יאַטן! — איז בערל נתפּעל געוואָרן פון זייערע

פעסטע פיגורן — איך וואָלט זיך מיט איינעם פון זיי נישט פאַר־מאָסטן.

— גיי שוין! אַזעלכע גבורים, ווי אַלע גלות־יידן. פאַר אַ שלעגער, פאַר אַ שטרייק־ברעכער האָט מען מורא.

דער הימל, טיף־בלוי, האָט זיך פאַרצויגן מיט שטיקער כמאַרעס. די כמאַרעס, אָנגעטרונקענע, האָבן זיך געבלאָזן ווי פענכערס, האָבן זיך צוזאַמענגעהעקלט איינס אין ס׳אַנדערע, איינס אין ס׳אַנדערע. און באַלד איז געוואָרן אַזוי פינסטער, ווי ס׳וואָלט איצט נישט געווען האַלב־טאָג, נאָר די באַגינען־שעה, איידער דער מאָרגנשטערן גייט אויף.

אויף די רוּשטאָוואַניעס האָט אַרויפגעקלעטערט אַן עלטערער אַרבעטער, מיט אַ פּאָר ברייטע הויזן אַריינגעלאָזט אין צוויי הויכע גומענע שטיוול. ער איז געווען באַלאָדנט מיט אַ זעג, מיט אַ וואַסער־וואָג און מיט אַ קעלניע.

ער האָט אַ קוק געטון מיט חשד אויף בערלען און איציקן, דערנאָך זיך אָנגעכאַפּט ביי דער גאָמבע, ווו ס׳האָט אַרויסגעשפּראָצט אַ האַלב־גרוי קמצל.

— נו, גייט מען טאַקע סטרייקן? און וואָס עפּעס איינמיטן דרינען, היינט? חברים, — האָט ער זיך גענומען וויינען — דאָ, אין ארץ־ישראל וועט מען אויך נישט אוועקלייגן דעם קלאַסן־קאַמף? און איך זאָג אייך, בחורים, קאַפּיטאַל, אַרבעט, עקספּלאָאַטאַציע, די אַלע „זאַגראַניטשנע״ ווערטער זענען געווען אַ געווער דאָרט אין גלות. דאָ שטייט דער בנין־הארץ העכער פון אַלץ. איר הערט, חברים? טאָ רייבט איין די מאַזאָלעס!

— ער רעדט, מענדל, ווי דער ראש־האפרים — האָט בערל אַ זאָג געטון צו איציקן.

— ווי ווער רעד איך?

מענדל האָט אויפגעכאַפּט די ווערטער, ווי אַ ברי. ער האָט אוועקגעלייגט ס׳געצייג פאַר די פיס. און ווען די הענט זענען ביי אים פריי געוואָרן, האָט ער זיך צעדרשנט:

— און דו, בערל, מיינסט, אַז דו האָסט מיך באַליידיקט? הלואי וואָלט איך געווען אַן אפר, אַן ארץ־ישראל־ פּעאַראַל,

מ׳שטיינס געזאגט. די צרה איז, וואס כ׳האב פארשפעטיקט. זיי, די אברים, זענען געקומען מיט פופציק יאר צוריק און האבן גלייך זיך משדך געווען מיט דער ערד, מיט וויסטער מדבר־ערד. מען האט געקאפעט מיט דער נאז, מען האט געקדחתט, געהונגערט. און אויב זיי זענען היינט גוט־באזיצער, איז עס דער שכר פון דער השגחה. יא, יא, בחורים, ס׳איז דא אן אויג אין הימל... אט גייט טאקע דבורה, וועט מען הערן, וואס זי האט אונז צו זאגן.

שטאק־ארויף, איבער א דין ברעט, האט ווי א דראט־גייערין באלאנסירט דבורה, א צעפלאמטע. זי איז געבליבן שטיין, ווי א צירק־רייטערין, וואס ווארט, מען זאל זי אפלאדירן. ביי איר אנקו־מען זענען די יונגען געווארן אויפגערוימטער. ביידע, אי איציק, אי בערל, זענען גרייט געווען זיך אראפצווארפן פון די רושטאוואניעס, דבורה זאל נאר הייסן.

דבורה איז געווען די ארבעט־פארטיילערין. זי האט געטראגן א פאר ברייטע הויזן, איבער די אפגעפאסטע בלוזע א גלאנציקע לעדערנע קורטקע. דאס היטל, וואס איז געזעסן אויף א קאפ מיט געדיכטע העלע קענדזשערס, האט כמעט פארשטעלט די טונקעלע אויגן, וואס האבן געלאכט גנביש אי אויף בערלען, אי אויף אי־ציקן. זי האט זיך געווענדעט צו מענדלען:

— איר, מענדל, וועט שוין בלייבן אן עבד־כנעני. א טרייסט, וואס איר געהערט צום דור־המדבר. דאס נייע ארץ־ישראל, ס׳לאנד אן רויב, אן גזלה, אן באעולהטע, וועלן מיר ערשט האבן. אין איצט, איר הערט ווי די האמער־קלעפ האבן אויפגעהערט? אראפ פון די רושטאוואניעס!

— האסט דאך מיך געקוילעט אן א מעסער, דבורה! — האט מענדל געקוקט ווי די יונגען, פארליבטע, לאזן זיך אראפ נאך איר.

אונטן, פארן טרעפן־הויז, האבן זיך ארום דעם קבלן געקליבן די שווארצע ארבעטער, קאלך־מישערס, ציגל־טרעגערס, פאלעטשאר־זשעס. מען איז געשטאנען פונאנדערגעטיילט. די „ארגאניזירטע״ באזונדער און די „אויסגעבארגטע הענט״ באזונדער, ווי צוויי פיינטלעכע לאגערן. דער קבלן, א הויכער, דער גוף פעסט, קאנטיק, ווי א צונויפגעגאסענע טאבארע, האט געהויבן שווערע טריט. ער איז

ארומגעלאָפּן צווישן איין הייפל און צווייטן, ווי צווישן ברוגזע מחותנים, און געוואָלט מאַכן אַ פשרה, און געפּאַכעט מיט די הענט:

— אַ בוררות, נאָר אַ בוררות קאָן העלפן.

הינטער אים איז נאָכגעגאַנגען דער באַלעבאָס, ווינציק אין וווקס, מאָגער אין געשטעל. פאַר צרות, וואָס מען שטעלט אָפּ די אַרבעט, האָט ער זיך געפּוויקט מיט די פינגער איבערן רויטן פּליך און אַריינגערעדט אין עולם:

— געדענקט חברה, איר מאַכט אָן אַ קריזיס! ס׳ביסל קאַפּי־טאַל, וואָס קומט אָן אין לאַנד אַריין, מוז אַרבעטן. אין אַלע מדי־נות פּלאָגט מען. פון אַלע לענדער יאָגט מען. און איר ווילט חרוב מאַכן אונזער לעצטן מקלט? וואָס מער אייל אויף די רעדער, וואָס מער אייל! — האָט דער באַלעבאָס זיך גענומען היצן — קיין שרויף טאָר זיך נישט אָפּשטעלן. אַלץ מוז זיך קייטלען, אַלץ מוז זיך העקלען און טרייבן ס׳ראָד. כ׳בעט אייך, חברה, מאַכט שלום! דער סוד פון אונזער קיום ליגט אין שלום.

פונם הייפל האָט זיך אַרויסגערוקט אַ דרייסיק־יעריקער בחור, אין לויזע צעקנאָדערטע אַרבעטס־בגדים. דער קאָפּ צעשויבערט. ביידע הענט אין די הויזן־קעשענעס. און אין דעם גזלנישן בליק, האָט ער אויסגעזען ווי אַ ביינער־ברעכער. ער האָט זיך דערנעענ־טערט צום באַלעבאָס:

— ווענן שלום רעדט איר? און אַז דאָס איז דער סוד פון קיום, וואָס טוט איר באַלעבאַטים, כדי אויפצוהאַלטן דעם קיום? קיין קאָמונאַלע אונטערנעמונגען, קיין קאָאָפּעראַטיווע וואַרשטאַטן. בנינים בויט איר? און דאָס זאָל זיין חזון הערצל? — האָט דער בחור געקוקט אין חלל אַריין מיט פאַרנעפּלטע אויגן ווי אַ נאַכט־וואַנדלער — הערצל, אחד־העם — באַנקראָטירטע פירמעס ביי אייך, באַלעבאַטים. וואָס מער שטאָקן אַרויפציען, וואָס מער דירות און... שלום! אויך דער אַראַבישער עפענדי פרעדיקט צום פעלאַך שלום. אַללאַ און שלום! גאָט און שלום!... אָבער דאָ, וווּ ס׳איז פאַראַן קלאַסן־דיפערענצירונג און סאָציאַלע אומגלייכהייט, קען קיין רייד נישט זיין פון שלום.

— פון וועז אָן ביסטו, פּישעלע, אַ פּוסק איבערן סדר־העולם? — איז דער קבלן מיט אַ ווייגעניש אין די שווערע פּיס אָנגעקומען — ביסט דאָך גאָר אַ אַספּאַלט־שמירער, דערצו קענסטו קוים אַ „מערע״ פאַרגלעטן, מומחה מיינער!

דבורה איז אָנגעלאָפן מיט אַ האָזן־שפּרינגעריי, דער פּאַסיק פאַרצויגן אַרום דער לעדערנער קורטקע, דאָס היטל ווילעריש פאַררוקט אויף אַ לאָק האָר. זי האָט זיך געשטעלט פאַרן קבלן ווי אַ קאָמאַנדיר.

— און איר אדון ברזילי, פון וועז אָן טיילט איר דאָס פּאַטענטן, ווער ס׳מעג יאָ רעדן וועגן סדר־העולם און ווער נישט?

אי פון איבעררעשונג, אי פון פרייד האָט דער שווערער ברזילי זיך צעשמייכלט:

— איך, גברת דבורה, מעג פּאַטענטן אויך טיילן, איך — האָט ער מיט די פינגער געטאַפּט אַ לאַץ פון אייגענעם ראָק — איך מעג אַלץ! און איר, אַ הסתדרות־ניטשקע, אַן אַרבעטער־פּאַרטיילערין, דאַרפט וויסן, אַז דער קבלן אויפן בנין, איז ווי דער קאַפּיטאַן אויפן שיף! ניין, כ׳בין דער רעזשיסער און זיי, די סטאָליאַרעס, מויערער, שלאָסערס, זיי אַלע זענען די אַקטיאָרן, די סטאַטיסטן.

בעת ברזילי האָט גערעדט מיט דבורהן, האָבן עטלעכע פאַרשוינען פון „אויסגעבאַרגטע הענט״, אויפן אויפזעערס ווונק זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די רושטאָוואַניעס. דעם באַלעבאָס שטים האָט זיי געמונטערט, ס׳האָט זיי געטריבן איבער די שטאָקן. און ווען זיי זענען שוין געשטאַנען מיט די קעלניעס איבער די אָנגעמישטע שאַפן מיט טינק, זענען בערל מיט איציקן אויסגעוואַקסן הינטער זייערע פּלייצעס.

מען האָט געליאַרעמט:

— אַראָפּ, חברה. מען וועט בריכן ביינער!

— אַזאַ ווילטאַג!

— אַרויסשטויסן ווילט איר אונדז?

— פאַרנעמען די אַרבעטס־פּלעצער?

די „אויסגעבאַרגטע הענט״ — פעסטע, קודרישע יונגען. האָבן בלייכע און איבערגעשראָקענע זיך נישט גערירט פון אָרט.

רעמאַלט האָבן בערל מיט איציקן זיי געגומען „ענטוואָפענען".
ס'האָבן אָנגעהויבן פליען וואַסער־וואַגן, גלעט־ברעטלעך, קעלניעס,
קולות, ווי רעטונגס־רופן האָבן זיך געטראָגן פון אַלע זייטן בנין.
דאָס געשלעג איז אָנגעגאַנגען מיט אַזאַ ברען, אַז די ברעטער אונ־
טער די פיס האָבן גענומען קנאַקן. אי דער אויפזעער, אי דער
עולם אונטן, זענען געלאָפן, לענג־אויס געביידע, פול שרעק אַרויפ־
געקוקט, ווי די קרעשן שפּאַלטן זיך. נאָך אַ רגע און בערל פּאַלט
אַ דערהרגעטער. דבורה איז אָנגעלאָפן, צוזאַמען מיט אַ האַנט־פּאַ־
טשעריי האָט זי אַרויסגעשיקט אַ געשריי.

— גענוג! איר ווילט זיך אויסהרגענען, משוגעים!

מער האָבן די שלעגערס נישט געדאַרפט. פאַרשעמטע האָבן
זיי זיך נאָכגעלאָזט. צוערשט איציק, דערנאָך בערל אַליין, אַ צע־
קיילטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון אַ געזעגטן קרעש, ווי פון אַ
לייטער. און ווי ער האָט נאָר אָנגערירט מיט די פיס די ערד, נישט
באַווייזנדיק זיך נאָך צו פאַרענטפערן פאַר דבורהן, האָט זיך צו־
גערוקט דער אויפזעער.

— בערל, פון משרד לאָזט מען רופן.

— איך גיי אויך! — האָט דבורה נישט געקענט קוקן אויפן
צעשראָקענעם בערל.

פונם צווייטן שטאָק, פון אַ נישט־געראַמט פענסטער, האָט זיך
אַרויסגעבויגן אַ עלטערער סטאָליער מיט אַ אָפּגעשמידטן לאָדן אין
די הענט. דער סטאָליער האָט מיט שנאה נאָכגעקוקט דעם אויפ־
זעער און אַראָפּגעקרייט:

— גיי בערל! וואָסי, האָסט שוין פולע הויזן? ערשטנס, אַז
מען האָט דיך פון משרד גערופן, איז עס נאָך נישט די פּאָליציי.
און אַז ס'וואָלט גערופן די פּאָליציי, איז עס נאָך נישט דער נציב־
העליון. און ווען ס'וואָלט אַפילו גערופן דער נציב־העליון, מיינט
דאָס נאָך נישט, דער ענגלישער קעניג דזשאָרדזש דער פינפטער.
גיי, בערל און דערצייל אים אַריין דעם קבלן. דו מעגסט. שלאָגסט
זיך פאַר ברויט!

בערל האָט זיך געלאָזט צום „משרד". הינטער אים איציק, אַ
פאַרזאָרגטער. דבורה, וואָס האָט געוואָלט זיי נאָכגיין, האָט זיך

פארהאלטן. ס'איז איר אנטקעגן געקומען א קליינער, פעטער מאנס־ביל, וואס האט געבויערט מיטן גראבן פינגער א לאך אין דער לופטן. ער האט געפרעגט:

— דעם באלעבאס טאכטער?

— אזוי זע איך אויס? — האט דבורה געשמייכלט.

— ווי כ'האב געטראפן! — האט דער מאנסביל זיך א פאטש געטון אין בויך אריין — וואס מיך האט דא אהערגעבראכט פריילן, ווייסט איר? איר מוזט פועלן ביים טאטן, ער זאל פארקויפן דעם בנין. און דאס תיכף! איר זעט דאך. מען פארגינט נישט! ווי נאר א ייד שטעלט זיך מויערן, האסטו דיר א שטרייק! און ס'איז קיין חידוש נישט. מען האט ס'יונגווארג קאליע געמאכט, ווי נאר מען איז אראפ פון שיף, איז מען געבליבן אין שטאט. מען האט זיך א לאז געטון צו דער „פראספעריטי". ס'יונגווארג האט געדארפט גיין אויף כיבוש־עבודה, אין די קבוצות, אין די זומפן. זיי האבן גע־דארפט קדחתן... צו שפעט איצט.

צווישן דבורהן און דעם פעטן מאנסביל האט זיך אריינגע־שטעלט איציק, בלויז חימה:

— ווער רעדט דאס? א שטעקל־דרייער, א האקוס־פאקוסניק? איר, וואס מיט איין האנט־פאך, גיט איר איבער די זומפן, די פר־דסים, די הייזער אין די הענט פון באדן־שפעקולאנטן? איר, א מעקלער, גייט שיקן ס'יונגווארג אין די זומפן? און צו וואס טויג אייער גאנץ געביין, אויב נישט צו קדחת? אראפ פון מגרש! — האט איציק גענומען רודערן מיט די הענט — אראפ, פאראזיט, פיאווקע!

ס'איז אנגעקומען דער באלעבאס א צעיאכמערטער, אין איינע צרות. זעענדיק ווי אי איציק, אי דבורה, שטויסן דעם מעקלער, האט ער געפרעגט:

— וואס איז געשען?

דער מעקלער גלייך נישט אים מיינט מען, האט זיך דורכגע־ארבעט מיט די עלנבויגנס א וועג דורכן רעדל, וואס האט זיך גע־זאמלט ארום, און זיך געווענדעט צום באלעבאס:

— פארקויפט די מויער! פארקויפט ווי ס'גייט און שטייט!

און צוריקגעשמועסט זענען עס מויערן? קאַרטאָן־שטיבלעך! תּיבהם זענען דאָס, תּיבהם, וואָס וועלן שווימען איבערן מבול. וואָס קוקט איר מיך אָן? כ׳רעד פון וועג? ווי לאַנג נאָך, מיינט איר, וועלן אָנ־האַלטן די זיבן גוטע יאָר? ס׳עקט זיך! די „עליה" איז געסטאָפּט. אַ „סערטיפיקאַט" איז מער קיין יחסן נישט. פאַרקויפט אייער „וואָלקן־קראַצער", פאַרקויפט, זאָגט מען אייך.

— כ׳פאַרקויף נישט.

— איר פאַרקויפט נישט? — האָט דער מעקלער געוואָרפן מיט אַלע אבֿרים ווי אַן עפּילעפּטיקער — ס׳איז שוין דאָ אַ מאָס. מען קען שוין היינט שאַצן אַ פאַרמעגן. פריער, וויפל האָט מען מעריך געווען גליקשטיינען פון די בוי־מאַטעריאַלן? וויפל האָט מען געשאַצט קייבערן? אַ האַלבן מיליאָן? אַ פערטל מיליאָן פונט? און היינט? ווי ס׳האָט נאָר אַ בלאָז געטאָן אַ ווינטל, שטייען שוין אַלע, די מיליאָנערן, די פּרדסנים, די באַלעבאַטים, אַלע שטייען הינטער דער טיר פון אַפּ"ק*). און די באַנק באַרגט זיי קיין געלט נישט...

דאָס באַלעבעסל — אַ טל־ומטרל — האָט זיך נישט געקענט אָפּיאָגן פונעם מעקלער. ווו ער האָט זיך אַ דריי געטאָן, האָט ער אַרויסגעסטאַרטשעט ווי אַ קלין. ער האָט באַמערקט ווי ס׳רעדל פון די גרוזינער יונגען ווערט מיטאַמאָל שיטערער, ס׳צעפּאַלט זיך און געבעטן גאָט, זיי זאָלן שוין פאַרשווינדן, מען זאָל אָנהייבן די אַרבעט.

פאַרן מעקלערס אויגן איז אויסגעוואַקסן דער הויכער ביינער־בערבער אין די צעקנאָדערטע בגדים. ער האָט באַטראַכט דעם ני־דעריקן מאַנסביל מיט דער גבֿורה, ווי ס׳באַטראַכט אַ לייב אַ פליג, קלערנדיק ווי נאָך נעמט זיך צו יידן אַזאַ פאַרזעעניש. דער בנין שטייט אָן טינק. ס׳פעלן טירן־פענסטער, קיין קאַלך, קיין באַלאַטעס. מען זעט אַ סקעלעט, אַ חוט־השדרה. און דער אַ נפש גרייט זיך שוין דאָס גרונט־שטיק צו פאַרמסחרן.

מיט די ידים האָט ער אים אַ קוועטש געטאָן פאַר די אַקסלען:

---

*) אַנגלאָ־פּאַלעסטינע־באַנק.

— טראָגט זיך פון דאַנען, פעטער, איידער מען וועט אייך לאָזן אָוועקטראָגן.

— וואָס פאַר אַ טראַגעניש אויף דיר? טשוואַק איינער! — איז דער מעקלער אַ בייזער, וואָס מען איז אים מבזה, געבליבן שטיין — כ'אַרבעט פונקט ווי דו שוועך אויפן שטיקל ברויט. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס דו, אַ מגושמדיקע בריאה, האָסט אַ פּאָר ידים און איך — אַ כח־הדבור. און דיין לשון געפעלט מיר אויך נישט. אַ פּוילישער? — האָט דער מעקלער אָנגעשטעלט דאָס רעכטע אויער — זאָג, אַ איטשע־מאיר, צי אַ גאַליציאַנער?

דער מעקלער האָט נישט געקריגן קיין ענטפער. וואָס ער האָט יאָ באַקומען — איז אַזאַ שמיץ איבערן קאַרק, אַז ער האָט גע־שפּירט, ווי דער חוט־השדרה איז ביי אים איבערגעבראָכן. אַ רגע און ער איז געפלויגן אויף יענער זייט פון בנין, געזען, ווי חברה קוקנ־איבער קוקן אויף אים און האַלטן זיך די בייכער פאַר געלעכטער.

אַ בייניקער יונג, מיט אַ פול, מילכיק פנים, אין אַ הילוך ווי גאַנצע קאָזאַק, האָט זיך אַריינגעשטעלט צווישן די חברה. אייגענע האָבן אים דערקענט.

— אָט איז „אבו־לבן"!

— וואָס פאַר אַ צונעמעניש, אבו־לבן? — האָט איינער גע־פרעגט.

— גלייבסט נישט, אַז ער זופּט די גלעזער זויער־מילך ווי באָרשטש? — האָט אַ צווייטער מסביר געווען.

— וואָס ברענגסטו נייעס, אבו?

אבו־לבן, אַ יונג, אַ צעלייגער, וואָס גלייכט אויס סכסוכים, מאַכט שלום צווישן פרעמדע עדהס, האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ איבערגעדרייט פעסל, וואָס איז געשטאַנען האַרט פאַר דער קאַלך־גרוב, און מיט אַ טיפער בויך־שטים, ווי ביי אַ „מכריז", האָט ער אויסגערופן:

— חברים, ווער צו דער אַרבעט—צו מיר!... ווער ס'וויל קריגן אַרבעט אָן שטרייק־ברעכעריי, אָן כאַפּעריי, זאָל מיטגיין מיט אבו־לבן. כ'שטעל צו טאַפּאַרשטשיקעס, כ'ליפער אייזן־בייגערס, פּאַלע־משאַזשעס. איך זוך הענט פאַר אַ נייעם בנין.

גרוזינער, קודרען האָבן זיך געמאָלדן. צעשאָטענערהייט, צו דריי, צו פינף, האָבן זיי זיך געלאָזט נאָך דעם בייניקן יונג, ווי נאָך אַ געהיימען שליח. באַלד איז דער פּלאַץ אָפּגערוימט געוואָרן פון די שטרייטערס.

דבורה אַ צעפלאַמטע איז אויסגעוואַקסן נעבן דעם פעסל.

— חברים, צום געציייג!

— אויפן שטרייק? — האָבן זיך געהערט קולות.

— און די „אויסגעבאָרגטע"?

— ווו זענען די „אויסגעבאָרגטע"? — האָט דער עולם מיט די אויגן געזוכט די גרוזינער און קודרישע יונגען, וואָס זענען אויפן פלאַץ מער נישט געווען.

אויפגערוימטע, אָנגעלאָדן מיט חשק אַרויפצוואַרפן אויפן בנין נאָך אַ פערטן, אַ פינפטן שטאָק, האָבן איציק מיט בערלען זיך געדרייט אַרום דבורהן.

— הוראַ, דבורה!

— הוראַ, אונזער בורר!

די אַרבעטער, ווער מיט אַ האַמער, ווער מיט אַ קעלניע, ווער מיט אַ אויסגעגליידיקט קאַלך־עמערל זענען אָנגעלאָפן.

— ווו איז דער באַלעבאָס?

— רופט אויף דעם קבלן.

— באַלעבאָס, שטעלט ביר.

— ביר! ביר! — האָבן חברה אַרומגערינגלט דאָס באַלע־בעסל, וואָס איז שיר נישט צעגאַנגען פון נחת.

מיט אַ האַנט־צייכן האָט דבורה באַפוילן, מען זאָל אָפּלאָזן דעם באַלעבאָס. די אַרבעטער באַלאָדנט מיט האַמערס, זענען אין משוועקעס האָבן גענומען קלעטערן איבער די רושטאָוואַניעס.

די שווערע האַמער־קלעפּ, וואָס זענען געקומען פון די קרעשן און ברעטער האָבן אָפּגעהילכט אַרום און אַרום מיט רעש פון אַ טאַרטאַק.

אין נצרת

די ווינטן, וואָס האָבן געשמיסן פון די גלילער בערג, זענען פאַרנאַכט צוגעפאַלן איבער נצרת. אין אַריינפאָר פון שטאָט — קרומע ליימיקע שטיבלעך, אָנשטאָט הייזער, געהויקערטע סטעזשקעס אָנשטאָט גאַסן. דער איינציקער גרויסער צלם, וואָס האָט זיך אַרויסגעשניטן פונם באַרג־קלויסטער, האָט זיך געטיקט אינם גאָלד פון דער פאַרגייענדיקער זון. דער חושך האָט זיך פלעקן־ווייז גענבעט איבערן בערגיקן ישוב, וואָס איז געלעגן פינף הונדערט פיס העכער פון דער פלאַך, פאַרווישנדיק די שטיקלעך ליכט, וואָס זענען אויסגערונען צווישן די מויערן.

פונם שאָסיי האָט זיך געטראָגן אַ גערויש. באַלד האָט פאַרן מוסולמענישן קוואַרטאַל זיך אָפּגעשטעלט אַ בלויער אויטאָמאָביל. אַן אַראַבישער שאָפער האָט געעפנט אַ טירל. ס'איז אויסגעשטיגן אַ ברייטער, געוויקסיקער ענגלענדער אין אַ לייוונטענעם אָנצוג, אויפן קאָפּ — אַ אינדישער פראָפּן־הוט. אין דער רעכטער האַנט — אַ דיקער אַקטן־טאַש. ער האָט אָנגעצונדן אַ פּייקע. די קלעמבעס רויך האָבן אָנגעטראָגן אַ נעפּל פאַר די גרינלעכע אויגן, וואָס האָבן געקוקט קאַלט אַרום זיך.

פונם אָפענעם מאַרק זענען אָנגעלאָפן באָרוועסע אַראַבער מיט קוישן און הילצערנע טעלערס. אויף די טעלערס כל מיני פּרעס, וואַרעניקעס, געטרוקנטע פּיטעס, קרעפּלעך געפילט מיט פלייש און מיט אַרבעס. ס'זענען אָנגעפאַרן וועגעלעך מיט לעמאָנאַדע און די אַנבאָטן, די קולות פון די פאַרקויפערס האָבן געלעכערט די אויערן.

דער געוויקסיקער ענגלענדער האָט געשפּיגן מיט ווידעלעך רויך און זיך אַרומגעקוקט. דאָס איז געווען מיסטער סיימאָן, אַן אָקספאָרדער באַנק־באַאַמטער, וואָס האָט אונטערגענומען אויף

זייַנע פּעריען אַ רייזע איבער די ענגלישע דאָמיניאָנס און קאָלאָ־ניעס. די דעראָבערונגען פון דער אימפּעריע אויפן וואַסער און אויף דער יבשה, די מאַכט פון קאָלאָניאַל־מיניסטעריום, וואָס ברייטערט זיך אויס אויף קאָנטינענטן, האָבן דעם ניכטערנעם ענג־לענדער געוואָרעמט און געמאַכט פאַר אַ שותף צו די בריטישע נצ־חונות.

דער ענגלענדער אין אים איז געווען שטאָלץ. פּונקט ווי אַמאָל רוים, אַזוי איז איצט זיין פאָטערלאַנד באַשערט צו געוועלטיקן איבער פעלקער און לענדער, באַלעבאַטעווען איבער דער וועלט.

סיימאָן האָט זיך געלאָזט איבער סודאַן, איבער עגיפּטן און איצט שוין דער דריטער טאָג, ווי ער פאָרט איבער פּאַלעסטינע. ער האָט אָנגעקוקט ירושלים, עזה, קיסריה, אַריינגעשטעלט אַ פוס אין אַלע הייליקייטן, וועלנדיק זיך איבערצייגן, צי אַלץ שטימט מיט דער „בייבל". ס'האָט געשטימט. פון דאַנען, פון די מדבריות אין גליל, האָט זיך ס'ערשטע אויפגעהויבן די שוואַכע שטים פון יוחנן המטביל, דאָ איז אַרויסגעוואַקסן דער אָנזאָגער יעזוס קריסטוס. סיימאָן איז געווען צופרידן מיט דער ענטדעקונג. ס'האָט אים בלויז געפעלט דער וועג־וויַיזער, וואָס זאָל אים אָנצייגן, וווּ ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער וועג פון יוחנן המטביל, און ווו פון יעזוס קריסטוס?

פון אַ ליימיק שטיבל איז אַרויסגעקראָכן אַ יונגע אַראַבקע אין לאַכמאַנעס און געשלעפּט אין אַ קויש, אויסגעבעט מיט שטרוי, אַ זויג־קינד. אַ פּאַרטיע גלחים, ווי פלעדערמייז, האָבן זיך פאַר־בייגעטראָגן דורך אַ געסל, בעת זייערע געפלאָכטענע גאַרטלען, וואָס האָבן אַרומגעוויקלט די שוואַרצע כאַלאַטן, האָבן נאָכגעשלאָמ־פּערט ביז צו דר'ערד. צעשויבערטע קעמלען האָבן אָן אַ טרייַ־בער, זיך דורכגעוויגט דורכן מאַרק.

דער שאָפער האָט הכנעהדיק, ווי אַ פּעלאַד, זיך געשטעלט פאַרן ענגלענדער:

— וויסקי?

ווי נאָר ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ איז שוין נעבן אים געשטאַנען אויף אַ טאַץ אַן אויפגעפּראַפּט דין־האַלזיק פלעשל,

א גלעזל, וואָס א באַרוועסער אַראַבער האָט צוגעבראַכט.

שטויענדיקערהייט האָט סיימאָן אַריינגעצויגן איין גלעזל, א צווייטס. די האַלז־אָדערן זענען אויפגעלאָפן, די גלידער האָבן זיך צעוואַרעמט. און דער קילער ענגלענדער, אַן אויפגעהייטער־טער, איז גרייט געווען אַראָפּצוואַרפן פון זיך דאָס רעקל, אָנבײַלן די פויסטן און זיך לאָזן מיטן ערשטן קעמל־טרייבער אין א פּרייז־פייט.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צום שאָפער:

— דערציייל עפּעס, דו מאַכמעדאַנער.

— מיר קענען אַראָפּקוקן פון דאָ אויפן באַרג תבור — האָט דער שאָפער אַרויסגעפירט דעם טוריסט אויף א בערגל — פינף און דרייסיק קילאָמעטער פון דאַנען געפינט זיך טבריה, פון דער אַנדערער זייט ליגט דזשענין, דערנאָך בית־שאָן. נצרת איז געטיילט אויף דריי קוואַרטאַלן, דער מאַכמעדאַנישער, דער לאַטיי־נישער און גריכיש־אָרטאָדאָקסישער. די שטאָט איז אָרעם אין וואַסער, דערפאַר אָבער רייך אין פּרוכטן. מיש־מיש, טייטלען, מיל־גרוימען ווערן פון דאַנען צעפירט איבערן גאַנצן לאַנד. נצרת איז שטענדיק דורשטיק און דער איינציקער קוואַל, וואָס געפינט זיך אויפן שאָסיי, הייסט דער קוואַל פון מרים די בתולה, ווייל, ווי די קריסטן גלויבן, האָט די הייליקע מאַריע פון דאָרט וואַסער גע־טרונקען.

— איך דאַרף א וועג־ווייזער! — איז דער ענגלענדער נישט צופרידן געווען פון דעם שאָפערס אינפאָרמאַציעס.

— פאַראַן — האָט דער שאָפער אָנגעוויזן מיט א פינגער — דאָרט צווישן די בוידן זיצט א געליימטער טעפּיך־הענדלער. ער קען נצרת, ווי איך מיין דאַרף. דער טעפּיך־הענדלער הייסט אַבדול־האַדי. דער אָרעמער איז געווען אין מלחמה א טערקישער זעלנער. און ביי די שלאַכטן אין גאַליפּאָלי איז ער פינף טעג גע־לעגן פאַרגראָבן אין דר׳ערד. אָט פאַרוואָס ער קען איצט מיט קיין גליד נישט רירן. דער טעפּיך־הענדלער קען גוט די „ביבל״ און די עוואַנגעליע. ער קען אויך דעם קאָראַן. ער ווייס צו דער־

ציילן פון די העלדישע מלחמות צווישן איסלאַמס „מאמינים" און די „כופרים".

דער ענגלענדער האָט זיך געלאָזט פירן. ער האָט אפילו נישט באַנומען, ווי נאָך אַ וועג־ווייזער קען זיין געליימט. און אפשר אין אָריענט פאַסירן וווּנדער? ווי די מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט? אַ בלינדער קען זעעוודיק ווערן, אַ טויבער — הערן?

זיי זענען צוגעקומען צו אַ בויד, ווי אַן איינגעפאַלענע סוכּה. דער אַריינגאַנג באַהאַנגען מיט זעק און פלאַכטעס. איבערן אַריינגאַנג — קמיעות פון מעש און פון קופער, גאָלד־גראַמטע בילדער פון דער הייליקער מעקאַ, פון דעם אבן־שתיה און אָמאַ־מעטשעט. הינטער אַ פּרוכת זענען געווען צעהאַנגען און צעליינט אַ שיכט אויף אַ שיכט שווערע טעפּיכער, ברוינע, רויטע מיט גאָלד־פּרענזן, טעפּיכער אַרומגעזוימט מיט פאַרביקע פאַטשעריקעס, טעפּיכער איינגעוויקלט און איינגעראָלט ווי מגילות.

אויף דער שוועל, פאַר די אָנגעוואָרפענע ראָלן טעפּיכער, האָט זיך אַרויסגעזעצן אַן אַראַבישער זקן, באַוואַקסן ווי אַ כּישוף־מאַכער. דער איינגעשרומפּענער גוף איינגעוויקלט אין אַ כאַלאַט, געשטרייפט, ווי אַ טלית, אויפן קאָפּ אַ רויטער טורבאַן. דער זקן איז געזעסן שטייף און אומבאַוועגלעך, ווי אַ ליימענע פיגור. ער האָט געוואָרפן מיט די אויגן־לעפלעך אויף די אָנגעקומענע, און די שוואַכע שטים, וואָס האָט אַרייגעזונגען אין חלל אַריין, איז צוריקגעקומען מיטן ווידערקול, ווי פון אַ הייל אַרויס:

— סולימאַן, דערלאַנג פאַר די כאַוואַדזשעס נאַרגילעס!

אַ באָרוועס ייִנגל, ס'פּנים פון אַ עטיאָפּ, האָט אַריינגעבראַכט צוויי געפלאָכטענע פיס־בענקלעך מיט נאַרגילעס. סיימאָן האָט געקוקט אויפן האַלז פון דער בייכיקער פלאַש, וווּ ס'איז געלעגן אַ בערגל, מיט אָנגעגליטע קוילן. ער האָט קיין חשק נישט געהאַט זיך צו שיידן מיט זיין פּייקע, דאָך געוווסט, אַז אין אָריענט דאַרף מען נישט אָפּזאָגן כּיבודים, און ער האָט צוגעטראָגן דעם שלויך צו די ליפּן.

פון זקנס מויל האָבן זיך געצויגן ווערטער, פאַרדבקהטע, ווי פּסוקים פון דער סורא:

— נצרת איז חרוב. קריסטוסעס שטאָט איז חרוב. ווייל זיינע אנהענגער האָבן נישט פאַרביטן דעם קרייץ אויף דער לבנה, און די קריגערישע „כופרים" האָבן מלחמה געהאַלטן מיט איסלאַמס „מאמינים". מעקאַ איז גרויס, ווייל איר זון, מוכאַמעד, האָט גע־לאָזט זאָגן פאַר זיינע נאָכגייער: איר זאָלט שטרייטן מיטן פאָלק פון דער שריפט, אָבער נישט מיט דער שווערד, נאָר מיטן פייער פון דער לבנה.

דעם זקנס אַראַביש איז געקומען מיט אַ האַלז־ניגון. דער שאָפער האָט די רייד איבערגעזעצט אויף ענגליש. סיימאָן האָט נישט אָנגענומען דעם פרומען מאַכמעדאַנערס דערקלערונג. ער האָט זיך געערגערט: דאָ אין נצרת, אין דער וויג־שטאָט פון קריס־טענטום, האָט ער געוואָלט הערן וועגן דעם הייליקן מאַן פון גליל, וועגן דעם מדבר־נביא און נישט וועגן די מוסולמאַנישע זיגן. ער האָט זיך געבעטן:

— עפּעס וועגן יעזוסן.

— וועגן יעזוסן? — האָט דער געלימטער זיך געוויגט מיטן האַלז, ווי אַ קעמל — כ'קען נישט דעם גאָט פונעם קרייץ. ביי מיר הויבט זיך אָן די געשיכטע פון אונזער שטאָט, פון דעמאָלט, ווען אַלע קלויסטערס און קירכעס זענען אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד און אויף זייער אָרט האָבן מעטשעטן געגומען אויסוואַקסן. אפילו די אַלטע איינוווינער פון נצרת האָבן נישט געגלויבט זייער לאַנדסמאַן, דעם וואַנדערער פון גליל. זיי האָבן נישט געזען אין אים נישט קיין נביא, נישט קיין גואל, נאָר אַ מענטש פון בלוט און פון פלייש.

אַ שוואַרץ־באַמאַנטלטער גלח, אַ באַרוועסער, וואָס איז גראָד פאַרביי־געגאַנגען פאַר דער בויד, האָט אויפגעכאַפּט די ווערטער. די רייד האָבן געבריט. ער איז געווען באַליידיקט פאַר יעזוסן. זיינע ווייסע הענט, וואָס זענען געווען אַריינגעפלאָכטן אינם כאַלאַט־גאַרטל, האָט ער אַרויסגעצויגן און ער האָט זיך געווענדעט צום געלימטן זקן, ווי אַ שטראָפער.

— וואָס רעדסטו, אַבדול־האַדי? ביסט אַ געבוירענער אין נצרת און לעסטערסט דיין שטאָט? ווער נאָך ווי דו, קענער פון

פֿאַראַן און פֿון דער עוואַנגעליע, ווייס, אַז דאָס שוואַכע וואָרט, וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבן אין די בערג פֿון גליל, האָט זיך צעטראָגן איבער לענדער און ימים? דאָס וואָרט האָט באַצוווּנגען פֿעלקער. און צי האָט דען מאַכמעד נישט געליטן אַ מפּלה, בעת זיין התגלות אין מעקאַ? צי האָבן דען איינוווינער פֿון זיין היים־שטאָט אים נישט אויסגעלאַכט? ער'שט יאַטריב האָט אים געקרוינט פֿאַר אַ נביא?

— דאָס איז ריכטיק — האָט אַבדול־האַדי, נישט רירנדיק זיך, ווייטער גערעדט מיט פֿאַרהאַקטע אויגן — אָבער פֿון יאַטריב האָט דעם נביאס לערע זיך אויסגעשפּרייט פֿון איין עק וועלט ביזן צווייטן, ס'האָט פֿאַרטיליקט ס'געצנדינערײַ. ווייז מיר איין לאַנד אויף דער ערד, וווּ דער איסלאַם האָט נישט אָנגעשפּאַרט? כ'בין אַן אַלטער מאַן, ברודער, כ'בין געווען אין מלחמות. כ'האָב צו־געזען הריגות און מערדערייען, און וויפֿל פֿון מיינע ברידער זענען אומגעקומען אין שלאַכטפֿעלד, זענען אַלע געשטאָרבן מיטן נאָמען אַללאַ אויף די ליפּן.

— אויך די געפּייניקטע קריסטן גייען אויס מיטן נאָמען יעזוס אויף די ליפּן — האָט דער גלח זיך צעדרײַשנט — ווייל דער בן־אלהים איז נישט געגאַנגען מיט די מאַכט־האָבער, נאָר מיט די שוואַכע. ער האָט נישט געוואָלט בלייבן קיין מדבר־נביא, נאָר איז אַליין געגאַנגען צו די זינדיקע, צו די פֿאַרשטויסענע. ער האָט אויפֿגעקליבן די מוכסניקעס, די זונות, די שקלאַפֿן און צו זיי געזאָגט: בעט, און ס'וועט אייך געגעבן ווערן. קלאַפּט אָן, און טויערן וועלן פֿאַר אייך געעפֿנט ווערן...

סימאָן האָט איבערגעלאָזט אויף דער שוועל די צוויי באַ־גייסטערטע הימל־פֿאַרטרעטער, וואָס האָבן זיך אַרייַנגעלאָזט אין אַ ווערטער־געפֿעכט צוליב זייערע געטער. ער האָט זיך דערווייטערט. ס'איז אים נאָכגעגאַנגען דער שאָפֿער, ווי אַ שולדיקער.

דער ווינט האָט זיך געשטעלט. פֿון די לײַמיקע הייזלעך האָבן אַרויסגעשיינט שוואַכע פֿלעמלעך, ווי טונקעלע קאַטעדראַל־ליכט. דער מאַרק איז געבליבן פֿינסטער. נאָר איבער די טונקעלע געסלעך האָט דאָ און דאָרט אויפֿגעבליצט אַ פֿאַרראָפּעטע לאַמטערנע.

סיימאָן איז אַרויסגעקראָכן פון די געסלעך און געבליבן אײנער אַליין צופוסנס פון א קאַלטוגעוואַטן באַרג. נישט דאָס האָט ער געמיינט! נישט דאָס! דער ווינט, וואָס בלאָזט דאָ פון די האָריקע בערג, האָט אויך געבלאָזן מיט נײַנצן און א האַלב יאָרהונדערט צוריק. דער ווינט איז פול מיט נבואה, איז פול מיט דער אַנטפּלעקונג פון די אסיים, פון יעזוסן און פון די פישערס פּעטרוס און אַנדרעאַס.

אויפגעמישטע בלעטער, טיפע נשמה־אויפטוּיכונגען, אויסגראַבונגען, וואָס זאָלן שטימען מיטן אינהאַלט פון דער „ביבל". אַט צוליב וואָס ס'האָט זיך געלוינט אַרײַנצושפּאַצירן אין נצרת.

זײַנע טריט האָבן געזונקען אין זאַמד. ער האָט זיך דערוויטערט. הינטער אים — מעטושעטן און קלויסטערס. א שטאָט פון ליים און שטיינער. פוילער אַריענט. ער האָט אָנגעשטאָפּט די פּיקע מיט פרישן טאַבאַק און זי אָנגעצונדן. פייער־שפּריצן, ווי לאַסאָמאָטיוו־פונקען זענען זיך צעפלויגן אין דער מדבר. מיטאַמאָל האָט פון רעכטס זיך דערטראָגן א גערויש. סיימאָן האָט אויפגעהויבן די אויגן. פון דערווייטנס זענען שיין־וואַרפערס געפאַלן אויף א שורה געצעלטן. אויף צעליגטע קופּקעס שטיינער, זענען געזעסן יידישע אַרבעטער, מיט האַמערס און דלאַטעס. גראַב־מאַשינען האָבן זיך געקײַטלט אין די בערג, שנייד־רעדער האָבן זיך געקאָפּעט אין דער שטייניקער ערד.

דאָס האָבן טראַקטאָרס געטון זייער נאַכט־אַרבעט. זיי האָבן געשניטן א וועג צו א נײַעם יידישן פונקט.

אַרבעט

פון פרימאָרגן אָן האָט מען אויפן פּלאַץ געהאַלטן אין איין צופירן בוי־מאַטעריאַלן. איין לאַסט־אויטאָמאָביל איז נאָכגעפאָרן דעם צווייטן. אַרום דעם שיטערן ברעטער־פּאַרקאַן, וואָס האָט אַרומגעצוימט די טויזנט פּיק באָדן, זענען געווען אָנגעוואָרפן זעקלעך צעמענט, געמאָלענער חצץ און זשוויר.

דער רעגן, וואָס האָט געגאָסן אַ גאַנצע נאַכט, האָט איינגעקנעטן די בערגלעך זאַמד אַרום די נישט־ברוקירטע סטעזשקעס, און איבערגעלאָזט אַ נעץ אויף די שיכטן אָנגעלייגטע ציגל, אויף די שמאָלע אַספאַלט־שאָסייען. די לופט האָט זיך געווינטלט און געשטיפט, ווי אין אַ טרוקענעם פּראָסט.

גאָלד, דער באַלעבאָס פון פּלאַץ, אַ שווערער גבר, מיט פעטס אַרום בויך, מיט פעטס אַרום קאַרק, האָט זיך געדרייט אַרום פּאַרקאַן, ווי ער וואָלט געהאַט ווערעם אין געזעס. דער גומענער רעגנמאַנטל פאַרמאַכט ביזן לעצטן קנאָפּ, דער קאַפּעלוש יאָלדיש אויף אַ זייט, האָט ער אַריינגעקוקט אין די אויפגעקאָפּעטע גריבער, ווו מען האָט געדאַרפט גיסן די בעטאָן־פּלאַטעס אונטערן פונדאַמענט, און האָט גרויס עגמת נפש געהאַט, וואָס די אַרבעט הויבט זיך אָלץ נישט אָן.

פון הינטער אַן אָפענעם בנין איז אָפּגעקראָכן אַ באַרוועסער אַראַבער — אַ באַוואַקסענער נמרוד, פירנדיק נאָך זיך אַ געפלעקט אייזעלע, באַלאָדן מיט צוויי זעק גרייפּ־פרוכטן און פּאָמעראַנצן. דער אַראַבער האָט אויסגערופן זיין סחורה אויף יידיש בקולי קולות. פון די אַרומיקע הייזער האָבן זיך אַרויסגערוקט ווייבער און גענומען איינהאַנדלען אין די פאַרטיכער אַריין, ווער גרייפּ־פרוכטן, ווער פּאָמעראַנצן. גאָלד האָט דערפילט אַ נאָגעניש,

דערשפּירט, ווי ס'האַרץ חלשט אים. ער האָט אַ טאָפּ געטון בײַם אַראַבער דעם זאַק.

— וויפיל גיסטו?

— זעקס פּאָר אַ פּיאַסטער, יאָ, כאַוואַדזשאַ — האָט דער אַראַבער זיך געגאַרגלט.

— כ'קריג אַכט! — האָט גאָלד זיך אַוועקגעדרייט.

— ס'איז סוקאַר מאַראַנצע, כאַוואַדזשע, בחיי, זיסע, סו־קאַר — האָט דער אַראַבער איבערגעקליבן די פּאָר וועריטער, ווי געלעכערטע פּיאַסטערס.

— און ווען דו נעמסט איין אַ פּגירה, וועסטו מוזן געבן אַכט! — דער אַראַבער האָט אַ רגע זיך איבערגעלייגט, באַלד גע־וואָלט אָנכאַפּן גאָלדן פּאַר ביידע אַרבל און געשריגן אויף זיינע ווייסע, געזעגטע ציין:

— נעם, אדון, קום אַהער!

גאָלד האָט געשטאָפּט די פּאָמעראַנצן אין די קעשענעס פון די הויזן און פון ראָק. איינע האָט ער אָפּגעשיילט מיט די בלויזע נעגל פון די פינגער. ער האָט געלייגט פּעניצלעך אין מויל אַריין. און אַז אַ שטיקל איז צעקוועטשט געוואָרן אויפן ניכטערנעם גומען, זענען אים פּאַר זוייערקייט די אויגן אַזש איבערגעגאַנגען. גאָלד האָט נישט באַמערקט, ווי אַ האַלב טוץ אַרבעטער זענען הינטער־ווײַלעכץ אָנגעקומען, האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין די גריבער און אָנגעהויבן ס'גראָבן. ער האָט בלויז געמאַכט עטלעכע שריט אויף צוריק. און מיטאַמאָל: לאָפּעטעס קאָפּען זיך אין דער ערד, שיטן אַרויס הויפנס מיט זאַמד.

חיים, אַן אַרבעטער, קנאָכיק, דורכגעבריענט ווי אַ מאַנגאַל, איז געשטאַנען אין דער מיט פּלאַץ. ער האָט מיט די אויגן איבערגע־ציילט די אויפגעקאָפּעטע גריבער און אין דערזעלבער צייט גע־צויגן פון אַ בייגל דינע דראָטן, ווי לאָקשן. ער האָט מיט אַמאָל געזען אָנקומען מיט ברייטע, מוישבדיקע טריט גאָלדן און זיך אויסגעדרייט.

— חברה! ס'באַלעבעסל איז דאָ.

— איז וואָס? — האָט נאָטע, נישט צופרידן מיט גאָרנישט,

בלומרשט אן איבערגעשראָקענער, געקוקט אין אַלע זייטן.

— דאַרפסטו צונעמען דיינע זאָוויאַסעס, „ליִנקער״!

— דיינע הענט זענען קיין זאָוויאַסעס אויך נישט — האָט טאַטע אָפּגעענטפערט. קליינעס זענען דאָס, העלצער!

— ווייל כ׳אַרבעט? כ׳נישטער נישט בלויז אין די בראַשורן.

— אודאי, נישטערסטו נישט, דו בלוי־ווייסער „גוואַרדייעץ״. פאַר דיר איז גענוג א כנסת־ישראל, א „הסתדרות״, און איינמאָל אין צוויי יאָר א קאָנגרעס אין באַזעל.

— ווער פרעגט דיך, אינטעליגענט, וועלט־אויסלייזער מיי־נער? — האָט א דריטער בחור מיט א צעבייטשעלטן קאָפּ, אָפּ־געמאָסטן נאָטען, פון אויבן ביז אראָפּ.

— דו ביזט דאָך פון די אָפּגעשווירענע.

— וואָס פאַרא אָפּגעשווירענע? — האָט גאָלד, דער באַלע־באָס, זיך צוגעוואַקלט צו דער חברה.

— די, וואָס האָבן אָפּגעשווירן ביים נאַפּאָלעאָן־באַרג.

— וואָס פאַרא נאַפּאָלעאָן־באַרג?

— כ׳ווייס.

— מיט צען יאָר צוריק האָבן ביי אָט דעם באַרג זיך אוועק־געשטעלט א פיר טוץ בחורים. אַלע „פּריוואַטיטס־קעמפער״, „וועלט־אויסלייזער״. ס׳איז געווען א לבנה נאַכט. זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט די תחתונים, האָבן אויפגעהויבן די פינגער און געשווירן, אַז אַזוי לאַנג, ווי זיי וועלן זיך געפינען אין ארץ־ישראל, וועלן זיי נישט אַריינלייגן קיין האַנט אין קאַלט וואַסער.

דאָס אויסגעשאָסענע גילעכטערל האָט אויף א רגע איינגע־שטילט גאָלדס עגמת נפש, וואָס די אַרבעטער בטלענען, טרייבן ליצנות, ווען מען דאַרף גאָר יאָגן דעם בנין. ער האָט זיך געדרייט פויל־בטלדיק צווישן די זעקלעך צעמענט, צווישן שטיינדלעך חצץ. ער האָט אַרויסגענומען דעם גאָלדענעם זייגער, ס׳איז געווען האַלב אַכט. פון רעכטס, מיט א זאַמד־בערגל, איז אָנגעקומען דער קבלן מיט א גרעסערער פּאַרטיע אַרבעטער. פון פריער זענען ביי גאָלדן די קאַרבן פּעטס איבערן פנים איינגעגאַנגען, ווי נאָך א מאַסאַזש. ער האָט געשמייכלט. דער קבלן האָט זיך באַגריסט מיטן באַלעבאָס,

האָט איינגעטיילט די אַרבעטער לאָפּעטעס, ווי פּלי־זיין און זיי צע־שטעלט אין די גריבער ווי אין קברים.

— כ'האָב צרות מיט די פּועלים, אדון גאָלד.

— וואָס איז, פּעפּער? — האָט גאָלד זיך איבערגעשראָקן — באָלשעוויקעס?

— נישט נאָר באָלשעוויקעס — האָט פּעפּער געקרעכצט — כ'האָב זיי מכּל המינים. הסתדרותניקעס, רעוויזיאָניסטן און בײ קיין איינעם הויבן זיך נישט די הענט.

— מען קאָן טוישן... — האָט גאָלד אַ זאָג געטון.

— די אַרבעטער?

— ביי מיר זענען אַראַבער אויך נישט פּסול...

— מען וועט נישט לאָזן.

ס'האָט זיך פאַרטראָגן אַ ווייט זשומען, ווי דער טויבער רויש פון אַן אַעראָפּלאַן. איבערן שמאָלן בעטאָן־שאָסיי איז אָנגעלאָפן מיט אַ קלאַפּעריי אַ מאָטאָציקל. דער אינזשיניער, אַ הויכער מאַנספּאַרשוין, מיט אַ קאָפּ נאַקעט ווי אַ קני, בלויז אַרום קאַרק עטלעכע קאַרבן האָר, איז אַראָפּ פונם געזעס, ווי אַ רייטער. ער האָט אָפּגעזוכט דעם קבלן, וואָס איז געשטאַנען איבער די אויס־געקאָפּעטע גריבער און געקאָמאַנדעוועט מיט אַ צוויי טוץ אַרבעטער. וואָס האָבן געאַרבעט מיט די לאָפּעטעס, ווי מיט רודערס.

דער אינזשיניער האָט גאָלדן אַ וואָרף געטון שלום און זיך געווענדעט צום הויפּט־אויפזעער:

— מען גראָבט אַלץ?

— מען גראָבט.

— נאָך ווייט צו דריי מעטער.

— ס'וועט גענוג זיין צוויי מעטער — האָט דער הויפּט־אויפזעער אַ זאָג געטון.

— כ'שטעל גלייך אָפּ די אַרבעט — האָט דער אינזשיניער זיך אָפּגעריסן — אויב מען פאָלגט נישט מיינע אָנווייזונגען.

— טעאָריע איז ווייניק, אדון אינזשיניער, — האָט דער אויפזעער זיך איינגעשפּאַרט — מען מוז אויך האָבן אַביסל פּראַק־טיק, און איר רעדט נאָר וועגן אָנווייזונגען... דער אינזשיניער האָט

אראָפּגעוואָרפן ס׳רעקל, ער האָט א כאַפּ געטון פון דער אונטער־שטער הויזן־קעשענע א מעטער. מיט איין שפּרונג איז ער געשטאַנען אין א גרוב און אויסגעמאָסטן די טיף, די ברייט פון דעם אויסגעקאָפּעטן קוואַדראַט־לאָך ווי מיט א וואַסער־וואָג. די האַוואַיע איז איבערגעגאַנגען אין א טיפן גרימאַס, וואָס האָט פאַרצויגן א האַלב פּנים.

— מען טאָר נישט גראָבן וויניקער ווי דריי מעטער.

— אויב מען וועט גראָבן אַזוי טיף, — האָט אַן אַרבעטער אַרויסגעקרייעט פון גרוב — וועט דער בנין שטיין מיט פיר טרעפּ נידריקער פון כביש.

— פאַלש! דער בנין וועט זיין גלייך מיטן כביש.

— איר קאָנט עס באַווייזן?

— דערויף בין איך זעקס און צוואַנציק יאָר אינזשעניער! — האָט דער אינזשעניער זיך געקלאַפּט אין האַרץ אריין. — און פאַר דיר, יונגער צוציק, דאַרף איך גאָרנישט נישט באַווייזן.

— גערעכט. — האָט דער קבלן צוגעטאַקעוועט.

דער אינזשעניער איז אַרויס פון גרוב און אָנגעכאַפּט דער באַלעבאָס, וואָס איז געשטאַנען איבער דער אָפענער גרוב און נעלאָסן גלייענט אָפּגעשיילטע פּענעצלעך מאַראַנצן אין מויל אריין.

— גאָלד, איר ווילט האָבן א פעסטן בנין?

— אודאי וויל איך.

— שיקט אַוועק די מענטשן.

— איך זאָל שיקן? — האָט גאָלד אָנגעוויזן מיט ביידע הענט אויף זיך און בשעת מעשה געקוקט אויפן קבלן.

— יאָ, צו אַלדי רוחות שיקט זיי. און טאַקע באַלד!

— מען וואַרפט זיך נישט מיט מענטשן — איז פעפער, דער קבלן אריין אין דערמיט.

— ביי איך, פעפער, וועל איך קיין עצה נישט פרעגן, — האָט דער אינזשעניער אינטאַנצן געזאָגט — און כ׳קאָן מיט אייך ברעכן דעם קאָנטראַקט אויך! ווער איז פאַראַנטוואָרטלעך, אַז נאָכן אויסבויען די געביידע, זאָלן די ווענט זיך נישט שפּאַלטן? ווער איז פאַראַנטוואָרטלעך, אַז ווען מען וועט אַראָפּלאָזן דעם כביש אויף

גאַנצע צוויי מעטער, זאָל דער פונדאַמענט נישט בלייבן שטיין אין דער לופט? איך! איך בין דער אחראי!

— טאַקע איר! — האָט גאָלד אונטערגעהאַלטן דעם אינזשי־נער, וואָס שטעלט זיך איין פאַר זיין פאַרמעגן.

— און איך בין שוין פאַר גאָרנישט פאַראַנטוואָרטלעך? — האָט פעפער אַרויסגעלאָזט פון מויל קנוילן פאַרע, ווי דאַמפ־רויך. — און אז דער בעטאָן וועט זיך זעצן? און אז אן אַרבעטער וועט פאַרשאָטן ווערן, ווער וועט הייסן זיין מערדער? נישט איך? דער אַרבעטס־געבער? ס׳איז דאָך אַ שגעון צו הייסן גראָבן דריי מעטער, און דער באָדן איז אַ זאַמדיקער, נישט ליימיק. אַ ריר מיט דער לאָפּעטע, רייסט די גרוב איין. טאָ צו וואָס דאָס איינשפּאָרעניש דריי מעטער, ווען ס׳איז גענוג צוויי?

דער אינזשינער האָט אַ טרייסל געטון דעם באַלעבאָס.

— קומט, גאָלד, מיר וועלן קריגן גענוג „העגט״.

ווען זיי זענען אַוועק, איז פעפער געבליבן צעדרודערט. איבער אַ פערטל שעה האָט ער געטאָפּטשעט אַרויף און אַראָפּ איבערן פייכטן זאַמד. דער אָנגעכמאַרעטער הימל, דורכגעוואָרפן מיט זון־פלעקן האָט געדראָט מיט רעגן. ער האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן. יאָ נאָכגעבן? נישט נאָכגעבן? גראָבן טיפער וועט אַריינכאַפּן נאָך בעטאָן, וועט פאַרציען די אַרבעט. ס׳וועט אויס־גיין צו געלט. און די גאַנצע אָנשטרענגונג איז אַרויסגעוואָרפן; מען דאַרף נישט בויען אַ געביידע פאַר הונדערט יאָר. די בנינים וועט מען סיי ווי סיי צעוואַרפן. תּל־אביב וועט זיך נישט איינמאָל איבערבויען... פעפער האָט זיך געשטעלט פאַר די אַרבעטער:

— נו, חברה, דאַרף מען מקנא זיין אַ קבלן?

— וואָס איז, אַ סכסוך?

— מען איז נאָך נישט אַרויס פון דר׳ערד, און כ׳האָב שוין מיט זיי עסקים!

— אַז ר׳איז אַ צעדרייטער אינזשינער!

— אַ משוגענער?

ס׳זענען אָנגעקומען דער אינזשינער מיט גאָלדן. הינטער זיי זעקס הויכע, אָפּגעריסענע אַראַבער. די פּנימער, די העלזער —

בערדיקע, מיט אויסגעקנאָטענע מוסקולן, מיט אָנגעפּאָמפּעטע פּליי־צעס. אין די טראַנטעס, אין די איינגעוויקלטע טיכער אויף די קעפּ, האָבן זיי זיך געשטעלט ווי „סטראַשידלעס", ווי מדבר־פייגל. דער קבלן האָט א קוק געטון אויף די אַראַבער ווי אויף מלאכי־חבלה א בלאַסער האָט ער זיך צוריקגעצויגן און געלאָזט פאַלן פאַר די אַרבעטער:

— קאָנקורענטן!

— ביליקע הענט — האָט אן אַרבעטער א שליידער געטון פון זיך די לאָפּעטע.

— שטרייק־ברעכער! — האָט דער דורכגעברענטער חיים אַרויסגעשריגן פון גרוב.

— פאַרוואָס קאָנקורענטן? פאַרוואָס שטרייק־ברעכער? — האָט נאָטע דער לינקער זיך איינגעשטעלט פאַר די אַראַבער. — זאָלן זיי אַרבעטן פאַרן זעלבן לוין, וואָס מיר.

— אין א יידישער שטאָט דאַרפן אַרבעטן יידישע אַרבעטער!

— מיר וועלן נישט אוועק פון דער אַרבעט!

— נישט אוועק!

— בלוט וועט זיך גיסן!

— סאָציאַליסטן! — איז נאָטע אַרויסגעשפּרונגען פון גרוב און זיך צעשריגן — ווו איז אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט? פאַר די עקספּלאָאַטאָרן האָבן מיר מיט די אַראַבער דיזעלבע ווערט. געדונגענע הענט, ביליקע אַרבעט־קראַפט!

— געהערט ווערטער? — איז גאָלד דער באַלעבאָס צוגעלאָפן צום אינזשינער.

— וואָס דברט ער? — האָט איינער זיך אָנגערופן.

— ווער פרעגט אים?

— אַראָפּ, נאָטע!

— דרשנסט נישט אויף א פאַרזאַמלונג.

דער, מיטן צעבייטשלטן קאָפּ איז אויפגעשפּרונגען און זיך געשטעלט פאַר נאָטען, ווי פאַר א שונא:

— רעדסט שוין פון אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט? מיט זיי, מיט די שוואַרצע ברידער דיינע, וועסטו קומען צו

פאַרייניקונג? זיי וועלן שטענדיק קאָנקורירן מיט דיר, זיי וועלן אַרבעטן פאַר אַ האַלבן לוין, אַבי צו פאַרכאַפּן אַן אַרבעטס־פּאָזיציע.

— דאַרפסטו, ברידערקע, זיי אויפקלערן, זיי מאַכן באַוווסטזיניק.

— כ׳בין נישט קיין מיסיאָנער.

— און איך וויל עס אויך נישט זיין—האָט צוגעגעבן חיים— אויפקלערן דעם מופטים מענטשן?

— אָרגאַניזירן פּאָגראָמשטשיקעס?

— ס׳וועט גאָרנישט נישט העלפן.

— די אַראַבער וועלן נישט אַרבעטן!

— זיי טאָרן נישט אַרבעטן!

— ביי מיר מעגן זיי יאָ אַרבעטן! — האָט דער אינזשינער מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט און גענומען טײַלן לאַפּעטעס די אַראַבער, וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז צוליב זיי איז דער שמועס, צוליב זיי דאָס קריגערײַ און זענען געשטאַנען ווי געליימטע.

— חברה, וואָס שווייגט איר? — האָט חיים אַ כאַפּ געטון אַ זעקל צעמענט, ווי אַ צוגעפּרעסטער קעז, גרייט עס צו וואַרפן די אַראַבער. — אַז אַ שונא קומט אַריין אין אייער גרענעץ, דאַרפט איר אים פאַרטרייבן!

— פאַרטרייבן!

— אַזעלכע מנוולים!

— רוצחים!

ווי נאָר די אַראַבער זענען אַריינגעשפּרונגען אין די גריבער און געוואָלט אַנהויבן גראָבן, האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף פּלייצעס, ווי ווענט. די אויפגעהעצטע פּנימער ביי די אַרבעטער האָבן זיך לאַנג נישט געקרימט. אַ הויב מיט די לאַפּעטעס און קלעפּ, כמאַליעס זענען געפאַלן איבער די קעפּ, איבער די אַקסלען. אַרבעטער, געדרונגענע הענט, האָבן פאַרגעסן אָן עקספּלאָאַטאַציע, אָן געמיינזאַמען שונא. זיי האָבן געלאָזט הינטער זיך באַגריפן פון אייניקייט, סאָלידאַריטעט און צעקאַכטע נישט אַפּגעלאָזט דאָס געפּעכט, וואָס איז אָנגעגאַנגען מיט אַזאַ רציחה, אַז דער אינזשינער דער באַלעבאָס, דער קבלן — אַלע האָבן צעטומלטע זיך גע־לאָזט נאָך פּאָליציי.

אין שפּיטאָל

דעם קראַנקן דאָקטאָר האָט מען אַריינגעטראָגן אין הדסה־שפּיטאָל דורכן גאָרטן־טירל. ס'איז געווען אַרום עלף ביינאַכט. דער קראַנקער האָט געפלאַמט. צוויי שוועסטער מיט א סאַניטאַר האָבן געגרייט א בעט. מען האָט דעם חולה פאַר קיין איין רגע נישט געוואָלט לאָזן אין קאָרידאָר, נישט אין רעטונגס־שטיבל און אייליק אים דורכגעטראָגן צווישן די שורות בעטלעך, ווו ס'זענען געשלאָפן עטלעכע און פערציק קראַנקע. דער נאַכט־דאָקטאָר וואַלענטין אליין, א נידעריקער, א גרויער, דער קאָפּ האָר — א פלאַכטע שניי, איז אָנגעקומען. ער האָט זיך געשראָקן פאַרן הויכן פיבער און א נערוועזער זיך אויסגעדרייט צו דער הויפּט־שוועסטער:

— כ'גלויב, מאַלאַריע — טראָפּיקע.

— זיכער, דאָקטאָר?

— ס'ערשטע פּיראַמידאָן — האָט דאָקטאָר וואַלענטין געגעבן אָנווייזונגען — און אַז די היץ וועט נישט פאַלן, צוויי איינשפּריצונגען אין דער קני.

די הויפּט־שוועסטער איז געוואָרן טרויעריק, זי האָט צוריקגערופן דעם דאָקטאָר, וואָס איז שוין געשטאַנען ביים אַרויסגאַנג.

— דער קראַנקער איז נישט פאַררעגיסטרירט.

— א טאַבעלע.

דער סאַניטאַר האָט אונטערגעהויבן די טאַבעלע מיט א בליישטיפט און נאָטירט:

— דאָקטאָר היינריך אָפּענבאַך. צוויי און דרייסיק יאָר אַלט. דייטשער עמיגראַנט. דריי טעג אין לאַנד. קראַנק געוואָרן אין נתניה.

די הויפּט שוועסטער איז מער נישט אָפּגעטרעטן פון בעט.

דער שיינער צעפּלאָמטער קאָפּ האָט צוגענעגלט. זי האָט געוואַרט איבערן קראַנקן מיט פּלאָטערניש, ווי איבער אַ אָפּגעציטערט קינד. ס׳איז דורך אַ שעה, צוויי שעה. אָפּגעריסענע קרעכצן פון די חולאים זענען פאַרפאַלן געוואָרן אין דער נאַכט, וואָס איז געזונ־ קען איבערן שפּיטאָל, ווי איבער אַ בית־עולם. דער קראַנקער האָט זיך געקאָרטשעט אין די פלאַמען, אַז ס׳האָט זיך געדאַכט, ס׳העמד אויפן לייב, דאָס לײַלעך, די פּעריינע — אַלץ וועט פאַרברענט. דערצו האָט ער גערעדט פון היץ. פון צופיל גליעניש האָבן זיך די אויגן געוועלפּלט. די טונקעלע, אויסגעזויגטע ליפּן האָבן נאָכאַ־ נאַנד געבעטלט:

— אַ טרונק.

די שוועסטער האָט איינגענעצט זיינע ליפּן מיט צוויי לעפעלע־ לעבלעכן טיי. זי האָט צוגעלייגט אַ האַנט אויפן שטערן, ווי אויף גליענדיקע קוילן און קאַלטע אַנגסטן זענען איר דורכגעגאַנגען איבערן לייב. זי האָט נאָכאַמאָל געמאָסטן דעם פיבער. די היץ האָט עטוואָס נאָכגעלאָזט, אַ דערפרייטע האָט זי אָפּגעשטעלט אַ נאַכט־ שוועסטער.

— בלויז פערציק גראַד, ציליע.

— דעק אים גוט איין, מרים, — האָט ציליע אָנגעטראָגן מיט זיך אַ שווערן ריח פון ליזאָל.

— ער פאַנטאַזירט, ציליע, — האָט די הויפּט־שוועסטער נישט אַוועקגעלאָזט איר חברטע — ער האַלט אין איין איבערדער־ ציילן, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. די ווערטער בינדן זיך נישט. אָן צוזאַמענהאַנג. ווייסטו, ווער ער איז?

— כ׳ווייס. אויבן אין משרד האָט מען נאָך בייטאָג געזאָגט, דאָס מען וועט אַהער ברענגען אַ קראַנקן דאָקטאָר פון נתניה. ס׳איז דאָקטאָר אָפּענבאַך. אַ אַנטלאָפענער פון דייטשלאַנד.

— אַליין?

— נישט אַליין. אַן אַלטע מוטער וויינט אין קאָרידאָר. זי קלאַפּט אויף אַלע טירן. דער דיזשורני לאָזט זי נישט אַריין.

די פאַרליבטע אויגן ביי דער הויפּט־שוועסטער האָבן געגלעט דעם קראַנקנס פּנים. זי האָט אַ וויש געטאָן אַ דין פעדימל שווייס

צווישן זיין נאָז און שטערן און זיך געכאַפּט.

— ער שוויצט?

די איבערגעבראַכטע אָפּלען ביים דאָקטאָר האָבן זיך געלאָזש. דער חלל האָט זיך גענומען אויסקלאָרן. אַרויסגעשניטענע ווענט, שורות בעטלעך, אַ ווייסע שוועסטער:

— ווו בין איך, שוועסטער?

— אין קראַנקן־הויז, אין תל־אביב — האָט די אויבער־שוועסטער זיך דערפרייט מיטן קראַנקנס פּאָר ווערטער — ס'וועט ווידער אַלץ גוט ווערן... פון וואַנען קומט איר, דאָקטאָר, פון בערלין?

— פון וואָרמס.

פון צווישן די בעטלעך מיט קראַנקע האָט זיך פּאַרטראָגן אַ סקריפּ. אַ עלטערער ייד, דער אָפּגעגאָלטער קאָפּ איינגעטונקען אין באָרד און ברעמען, איז אַראָפּגעקראָכן פון זיין געלעגער. ער האָט זיך אַרומגעגאַרטלט דעם שפּיטאָל־כאַלאַט, האָט אַריינגע־שטעקט די פיס אין די שטעק־שיך און זיך צוגעשאַרט צום נייעם חולה.

— שלום עליכם. פון וואָרמס? מיר האָבן האַרט אַ קרוב אין וואָרמס, רש״ין. ס'איז רש״ים שטאָט. האָט איר געזען דאָקטאָר, די שול ווו רש״י האָט געלערנט, געמאַכט פירושים?

די שוועסטער האָט נישט צוגעלאָזט דעם ייד צום בעט און אים אָפּגעשטופּט מיט אַ געשריי.

— וואָס פאַלט אייך איין איצט אַראָפּצוגיין פון בעט? איר ווילט קריגן אַ לונגען אָנצינדונג?

— כ'בין שוין אַן „אָפּגעשראָקענער" — האָט דער ייד אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — ס'וועט מיר גאָרנישט נישט זיין..— אָט בין איך איצט נאָך אַ טיפוס. און כ'האָב געהאַט צו טון מיט די נירן אויך האָב געלאָזט זיך אָפּערירן גאַל־שטיינער, שוין קראַנק געווען אויף דער לעבער. און וואָס נישט? פונדעסטוועגן שטיי איך אַלץ אויף די פיס.

ווי איר קוקט מיך אָן, שוועסטער, בין איך גוט „אָנגעריישט"...

— גייט אַריין אין בעט!

— כ׳גיי, כ׳גיי — האָט דער קראַנקער זיך צוריקגעקייקלט צו זיין בעט — אָבער ווען איין חולה וויל זיך דורכרעדן מיט א צווייטן, דאַרף מען אים נישט שטערן. וואָס איז דאָ, א תפיסה?

דער ייד האָט זיך אַריינגעקאַטשעט אין בעטל און גערעדט אין דער אייגענער באָרד אַריין.

— אַז פאַר א דייטש האָט מען אין „הדסה" אויף דרך־ארץ! הויכע היץ! ער פיבערט! איז וואָס, אַז ער פיבערט? דאַרף מען איבער אים שטיין, ווי איבער אַ אָפּגעציטערטן בן־יחיד? חוץ דעם, האַלט איך גלאַט נישט פון די אַנגעלאָפענע דייטשן... ארץ־ישראל ברויך נישט אַזעלכע „עולים". זיי זענען אַן אַנלויף.

— וואָס זענען זיי? — האָט א קראַנקער פון א שכנותדיק בעטל, האַלב פאַרשלאָפן זיך אויפגעזעצט.

— אַן אַנלויף — האָט דער ייד זיך אויסגעדרייט צום שכן — איר פאַרשטייט? זיי קומען אַהער, ווייל היטלער טרייבט אַנדערש, וואָלט מען געבליבן דאָרט איבערן סיר־הבשר... מיט אַזעלכע חלוצים איז מען נישט זיכער. אַז מען פרעגט א דייטש ביים אַראָפּגיין פון שיף: פון וואַנען קומט איר? ענטפערט ער, כ׳קום נישט אוים איבערצייגונג, כ׳קום אוים דייטשלאַנד...

— לאָזט שלאָפן — האָט א קראַנקער א כאַפּ געטון די קאָלדרע איבערן קאָפּ און זיך איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט.

אינעם גרויסן שפּיטאָל־צימער, וואָס האָט געשמעקט מיט ליזאָל און יאָדאָפאָרם, איז געוואָרן שטיל, די אויבער־שוועסטער האָט געמאַכט פינסטער און איז געבליבן שטיין מיט פאַרלייגטע הענט, ווי א נאָנע. מען האָט געבראַכט די אַנאַליז. ס׳האָט געוויזן בלוט. א סך בלוט. שפּעטער האָט דער קראַנקער מער נישט געלאָזן קיין אורין. ער איז געוואָרן ווילד. ער האָט געמאַכט קולות און זיך געריסן פון אונטער דער קאָלדרע, ווי פון א צרעת:

— מאַלאַריע? שוועסטער, אַזאַ פיבער? כ׳שפּיר, ס׳איז אַפּענדיציט.

פּאַראַבעלאַ, פּאַראַ—טיפוס... און פאַרוואָס איז מיר אַזוי היים, שוועסטער? בלוט — אַנאַליז? ליקאַציטן? עפּיטעלען? צי־

לינדערס? כ'ווער פארברענט, שוועסטער, כ'ווער פארברענט!

דער קראנקער האט זיך געקארטשעט אין קאנוולסיעס — ער האט זיך נישט געלאזט איינדעקן און געדריגעט מיט די פיס, ווי א צאפל־מענטשל. פינטעלעך שווייס ווי טראפנס רעגן האבן אויסגעטייעט איבערן שטערן. א מידער האט ער אראפגעקרעכצט.

— זיי האבן מיך באליידיקט, די יונקערס... לויטן „ארישן" פאראגראף, שוועסטער, בין איך ביי זיי געווארן אויס דייטש, אויס מענטש... מיין פאטער, וואס איז אין קריג געפאלן מיט רום פאר דייטשלאנד און געקריגן אן אייזערנעם קרייץ איז פארשריגן פאר א פאררעטער.... מיין זיידע, דער אלטער אפענבאך, האט געהאנדלט מיט דענעמארק און מיט האלאנד. ער האט געפירט שיפן מיט סחורות נאך ראטערדאם, נאך אמסטערדאם. ער האט גרויס געמאכט דייטשלאנדס האנדל. איצט האבן די ריינע ארישע זיין קבר געשענדעט. מיך אליין האט מען מיט הארסט־וועסעל געזאנג ארומגעפירט איבער די גאסן. זיי האבן מיר אנגעהאנגען א טאבעלע אויפן האלדז. און אויף דער טאבעלע איז געשטאנען: שפייט אויף מיר. כ'בין דער זון פון א הור...

קראנקע האבן זיך גענומען וועקן, ווער מיט א הוסט, ווער מיט א קרעכץ. די אומרואיקע שוועסטער האט מורא געהאט, דער קראנקער זאל נישט האבן דעפעקטן אין קאפ. זי האט א דריק געטון דאס גלעקל. ס'איז אנגעלאפן דער נאכט־סאניטאר. זי האט אינגאנצן געפלאטערט:

— רופט דעם דאקטאר וואלענטין.

דאקטאר וואלענטין, א פארשלאפענער, דער ווייסער פארטוך נישט פארקנעפלט, די גרויע בייטשן האר צעשויבערט איז אנגעקומען. ער האט געפרעגט.

— איז דא אן ענדערונג?

— קיין ענדערונג. דער הויכער פיבער טרעט נישט אפ. ער האט קאנוולסיעס דאקטאר, כ'טראכט פון א געהירן־אנטצינדונג....

— דאס קען מען ערשט פעסטשטעלן אינדערפרי.

— ס'וועט זיין צו שפעט, דאקטאר. מען דארף איצט רופן א קאנסוליום.

— ווי קען איך שוין אלעמען וועקן?

— איך וועל אנטלעפאנירן — האט די שוועסטער זיך גע־בעטן.

דאקטאר וואלענטין האט זיך געשטעלט פאר איר ווי א וועכ־טער. די שטרענגקייט האט ארויסגעקוקט פון די נישט־דערשלאפענע אויגן.

— שוועסטער, אין שפיטאל דארף הערשן דיסציפלין. נאר דער וואך־דאקטאר קען געבן אנווייזונגען. איצט נאך אן איינשפרי־צונג אין דיקן פלייש. נאך דער איניעקציע מוז קומען דער שלאף.

נאך דער איינשפריצונג איז דער שלאף נישט געקומען. דער קראנקער האט זיך נישט געצוימט. דאס לייב צעגליט, די אויגן — שרפות. ער האט זיך געריסן ווי א צערייצטער לייב. די שוועסטער־מיטן סאניטאר האבן זיך געזעצט אויף זיינע קניען און האבן אים צוגעהאלטן פאר די הענט, פארן קאפ. פון דרויסן איז אריינגעפאלן א זקנה ווי א קלאג־ווייב, דאס פנים בלויז געוויין און יאמער. זי האט פארבראכן די הענט.

— היינריך מיין קינד, דיין מוטער איז נעבן דיר.

היינריך איז געווען טויב. ער האט נישט געהערט דאס געוויין פון דער אייגענער מוטער. זיינע קולות האבן געשטעלט אלע קראנקע אויף די פיס. מען איז געקראכן אין די שטעק־שיך, מען האט פארגארטלט די כאלאטן. איינער האט דעם אנדערן איבערגע־געבן אויפן אויער.

— ער ווערט משוגע.

— ער ברענט.

— ס'איז נאך אים.

פארטאג זענען אנגעקומען פיר דאקטוירים. דאקטאר וואלענטין פארוים. מען האט זיך געזעצט אויף א קאנסוליום. די אלטע מוטער האט זיך געדרייט אין א ראד ווי א משוגענע.

— ראטעוועט מיין קינד!

די דאקטוירים האבן זיך צונויפגערעדט. זיי זענען געקומען צו איין און דעמזעלבן באשלוס.

— געהירן־אנצינדונג.

— זענען דאָ האָפנונגען? — האָ די מוטער זיך געריסן פאַר די האָר.

— שוואַכע.

דער קראַנקער איז געווען אויסגעשעפּט. אין אַ שעה אַרום האָט מען זיין בעט אַריבערגעפירט אין אַ באַזונדער צימער. מען האָט אים צוגעלייגט אָטעם־קישעלעך, בלאָז־זעקעלעך. די מוטער האָט מער נישט געדאַרפט בעטן, מען זאָל זי צולאָזן צום קראַנקן זון. זי האָט געוואַכט איבער אים, פּונקט ווי דעמאָלט, מיט צוויי און דרייסיק יאָר צוריק. ווען ער איז אַלט געווען אַ חודש, צוויי חדשים. זי האָט נישט געוווּסט, אַז ער גוססט. זי האָט געוואַרט אויף אַ נס און געשעפּטשעט מיט די ליפּן:

— וועסט געזונט ווערן, מיין גוטער זון.

הײַנריך איז מער נישט געזונט געוואָרן. ער איז געלעגן שטייף — אַ גיפּסענע פיגור. די ליפּן אויסגעצויגן. דאָס אויסגעלאָשענע פּנים, וואָס אַמאָל געלער, דערנאָך שוואַרץ — אַ פאַרבּרענטער קויל. אַ טיף זיפן, אַ שווער כאָרכלען. און אַז די אַלטע מוטער האָט זיך מיטאַמאָל דערשראָקן פאַר די אַרויסגעזעצטע אויגן, און מיט אַן אומגעהויעריש געשריי זיך געלאָזן לויפן איבער די קאָרידאָרן איז הײַנריך געשטאָרבן אַזוי רואיק, ווי ס'שטאַרבט אַ שמעטערלינג, וואָס ווערט פאַרציערט אונטערן פלאַם.

גאולת־הקרקע

די פיר פקידים*) אין ביורא „נחלה ומנוחה", האבן זיך נישט געקענט באטון. די קויפערס האבן געריסן די „פלעצער" ווי מצה־וואסער. איבער די שרייב־טישן — בערג מיט פאפירן, אונטערגעשריבענע פארמולארן, אויסגעפולטע בויגנס. די קאנטראקטן און קוויטאנציעס זענען געגאנגען פון האנט צו האנט. דער עולם האט איינגעשטעקט צו פונט, צו צוויי פונט האנט־געלט. מען האט גענומען קבלות. און ביים רוב איז קיין קלער נישט געווען, אז יעדער געקויפטער מגרש, איז א פארזיכערטע נחלה. מען איז דערמיט אויסגעזארגט.

איבער דער וואנט איז געהאנגען א מאפע, וווּ די פלעצער זענען געווען אויסגעפארצעלירט, אויסגעמאסטן. א שטאט, גאסן, פארקן — אלץ איז געווען אויסגעפלאנט אויף דער לאנד־קארטע, מיט אזא גענויקייט, ווי ס'וואלט שוין דארט געווען א ישוב פון קדמונים.

א צעבערדלטער ייד, מיט ברילן איבער דער נאז האט געקוקט אויף דער מאפע, ווי א האן אין בני־אדם, און געזוכט דעם שטאטישן מרחץ. א צווייטער האט געטייטלט מיטן גראבן פינגער אויף א רויטן קרייז און צוגערופן דעם פקיד:

— איך וויל מיין נומער נעבן דער „עיריה"**).

— פון וואנען ווייסט איר, אז ס'וועט זיין א עיריה? — האט אים א קויפער איבערגעשלאגן.

— אפילו א ראש־העיריה וועט אויך זיין — האט דער ייד

---

*) אנגעשטעלטע.

**) מאגיסטראט.

זיך נישט געלאָזט איבערהאַקן — ס׳וועט זײַן אַ צווייט תּל־אָביב.

— ווען מיר גליקט אָפּ אַ פּלעצל בײַם פּאַרק — האָט אַ דיק־לעבער מאַן, די ווענט איבערן בײַכל, באַהאָנגען מיט דעוויזקעס אין קייטעלעך, געטשמאָקעט מיט די ליפּן — איי! איי!

— וואָס וואָלט איר דאָרט געמאַכט? — האָט אַ טוניסעלער, ברייטער יונג, אַ קודרי געפרעגט.

— כ׳וואָלט אויסגעבויט אַ סינעמאַ.*)

— ס׳ערשטע אַ סינעמאַ? און אַ שפּיטאָל דאַרף מען נישט?

— אַ שפּיטאָל פאַר די אַראַבער.

אַ ייד מיט אַ באָרד — פלאַקסענע בייטשן האָר, האָט נישט קוקנדיק, ראַפּטום אַרויפגעלייגט זײַנע פינף פינגער אויף אַ שטיק לאַנד־קאַרטע, פאַרהאַקט די אויגן ווי בײַ „אחד", דערנאָך זיי צוריק געעפנט און אויסגעשריגן צו אַ באַאַמטן:

— אדון בן - יפת! פאַרשרײַבט ס׳פּלעצל נומער זעקס הונ־דערט און צוואַנציק!

— אַנטשולדיקט, ס׳איז פאַרקויפט. — האָט אַ פּאַלייבעטער „פרענק"**), אַ סאַלאָניקער בעקער אים אַרײַנגעפּאָרן.

— ווער האָט עס גענומען?

— איך.

— דאָס וועט איר מיר נישט אײַנרעדן — האָט דער ייד גע־וואָרפן מיט די פלאַקסענע בייטשן — כ׳שטיי שוין פון דער פרי אָן בײַם פּלאַן.

— און אַז איר וועט שטיין אַ טאָג מיט אַ נאַכט בײַם פּלאַן, וועל איך אייך מײַן זכות אָוועקשענקען? — האָט דער סאַלאָניקער זיך געבלאָזן — שפּעקולאַנט!

— פרענק פאַרד!

— שטילער! געהערט ווי דאָס קריגט זיך צוליב אַ מגרש?***)—

---

*) קינאָ.

**) ספרדי.

***) פּלאַץ.

האָט אַ גרויער מוליאַר אין אַ פּאָר פּאַרשמירטע הויזן זיך צע־שריגן — ים־קאָטערס!

— פּאַרוואָס עפּעס ים־קאָטערס? — האָט דער קודרי זיך אַריינגעמישט.

— ווייל אויף דער יבשה איז אַזוינס נישט בנמצא...

דער „פּרענק" מיטן „אשכנזל" זענען זיך געקראָכן אין די פּנימער. אַ תימנער וואָס האָט זיי קוים פונאַנדערגענומען, האָט געוויגט מיטן קודלאַטן קאָפּ אין דער ברייט, בעת די פּאות, ווי גאַרטל־טראָלדן, האָבן זיך געבאָמבלט איבער די באַקן.

— בנאמנות, יהודים, ס'איז נישטאָ איבער וואָס זיך צו רייסן.

— וואָס, קענסט דעם באָדן? — האָט איינער געפרעגט.

— ס'איז זומפּיקע ערד.

— נו?

— קען מען קריגן מאַלאַריע אויך!

— וואָס הייסט מאַלאַריע? — האָט אַ פּוילישער ייד, אַ נייער „עולה" נישט באַנומען — ער מיינט אמתן פיבער? קדחת?

— מאַלאַריע? — האָט דער תימנער גענומען פּאַרטייטשן מיט די הענט — דאָס איז קיץ*) אין קאָפּ, חורף**) אין די פיס. און דערצו אַן ערדציטערניש אין בויך.

דער עולם האָט זיך צעלאַכט. דער פּוילישער „עולה" האָט גע־קלאַפּט דעם תימנער איבער די פּלייצעס

— געריבענע יונגען די תימנער. נאָר ווי קומען זיי צו אונז, די שוואַרצע?

— דאָס קען איך אויך אויפווייזן — האָט דער תימנער זיך אַריינגעשטעלט אין רעדל און אָנגעהויבן זיין דרשה — ווען די יידן זענען געשטאַנען אויפן באַרג סיני ביי מתן תורה, האָבן זיך געהערט קולות, וברקים... מיר, תימנער האָבן געוואָלט ווערן אויס עבדים, געוואָלט די ערשטע מקבל זיין די עשרת הדברות..... זענען מיר אַרויף אויפן שפּיץ־באַרג און זיך געריסן נענטער צו גאָט. האָט

---

*) זומער.

**) ווינטער.

דער רויך, וואָס איז געקומען פון די פלאַמען און פון די וואַלקנס, אונז פאַרטשאַדעט. אַט פאַרוואָס מיר זענען געבליבן שוואַרצע...

— גוט געזאָגט! — האָט אַ יונגער תימנער, אַ שטייפער, מיט אַן ארומגעהאַקטער באָרד ווי ביים אַפּגאָט דגון זיך אַנגערופן — דאָס אַלץ האָט אָבער נישט צו טון מיט אונזערע פלעצלעך... זאָגסטו ששון, אַז ס'איז נישט כדאי אפילו פאַר פופצן פונט אַזאַ מגרש צו קויפן? ס'אַ זומפּיקע ערד? אויף אַזאַ ערד קען מען קיינמאָל נישט בויען, קיינמאָל זיך נישט באַזעצן. וואָס מען קען יאָ, איז איינגעזונקען ווערן, אָדער כאַפּן אַ ביס פון אַן עקרב*)....

בן־יפת, דער פקיד וואָס איז געזעסן פאַרוואָרפן מיט אַ שטוים קאָנטראַקטן, האָט מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט די ווערטער. מיט אַ קלאַפּ איבערן שרייב־טיש, האָט ער איבערגעשלאָגן ששונען:

— ששון בדיחי! כ'פאַרוואָר דאָ אין משרד צו פירן אַגיטאַציע. מיר גיבן אייך באָדן מיט וואַסער און כביש. דאָ איז קיין שפּעקולאַציע געזעלשאַפט. ווער ס'איז קעגן אונז, איז קעגן באָדן־אויסלייזונג, איז קעגן גאולת הקרקע!

בשעת דער באַאַמטער האָט געשריגן, האָט דורך דער אָפענער טיר, זיך אַריינגערוקט אַן אויסגעדאַרט מענטשל, מיט אַ שטייפן קאַפּעליוש, היינטערן קאַפּעליוש זיידענע לאָקן, אַ זיידן בערדל, אויפן ברייטן שטערן עטלעכע ראַצן ווי כאַלדעאישע שריפט. ער האָט אָנגעהויבן ווי אַ ראַבינער:

— מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָט יהושע בן־נון אַריינגעפירט דאָס מדבר־פאָלק אין לאַנד כנען. ער האָט אונטערטעניק געמאַכט איין און דרייסיק פרעמדע מלוכות, צוריקגענומען פון זיי די ערד און עס צעטיילט צווישן די שבטים. ס'איז געווען אמתע גאולת־הקרקע. מיט טויזנטער יאָרן שפּעטער, גייען יידן ווידעראַמאָל צוריק נאָך ארץ־ישראל. ס'לאַנד וואַקסט, ס'לעבט אויף. אָבער צוזאַמען מיט דער אויפלעבונג קומט אויך דאָס יאָגעניש נאָך רוחים. איר, וואָס לעבט אויף בצע, וואָס פאַרקויפט די ערד אויפן אייל, אויפן

---

*) ג פּטיקער וואָרעם.

פיק. איר פאררופט זיך אויף גאולת־הקרקע? ס'איז דאך א חלול השם!

דער עולם מיט די קאנטראקטן אין די הענט, האט זיך איבערגעקוקט. פון אלע זייטן האט מען זיך צו אים געשטופט.

— ער רעדט גוט.

— ר'איז טאקע גערעכט.

די פיר פקידים האבן צוערשט געקוקט אויפן אויסגעדארטן מענטשל, דערנאך אויף די צעבונטעוועטע פנימער און באשלאסן אפצושליסן דעם משרד*). זיי האבן געווארט, דער עולם זאל זיך ארויסרוקן. אן עלטערער קויפער מיט אן אונטערגעשריבענעם קאנטראקט אין האנט איז צוגעקומען.

— און וואס איז מיט א קושאן?**)

— איר ווילט שוין א קושאן? — האט בן־יפת אויפשטייענדיק, גענומען זיין אקטן־טאש.

— הייסט עס, אז איר האט נאך דעם באדן נישט געקויפט? — האט א צווייטער זיך אנגערופן.

— טאקע? טאקע נישט געקויפט?

— שוין אהער צוריק ס'האנטגעלט!

— שווינדלערס!

בן־יפת, וואס האט א ווינק געגעבן צו די איבעריקע פקידים, מען זאל ארויספירן דעם עולם, האט אליין געכאפט דאס טרייבל פון טעלעפאן. ער האט מיטאמאל זיך אנגעשטויסן אויף אנגעצונדענע פנימער, אויף צעוויקלטע קאנטראקטן, אויף אפענע מיילער:

— מוחל! מוחל!

— מוחל די נחלה!

— כ'דארף שוין קיין גיטער אויך נישט.

— שוין אהער ס'האנט - געלט.

— שוין אהער!

איבערגעשראקענע האבן די פקידים זיך געלאזט צו דער טיר.

---

*) ביורא.

**) קושאן — באזיץ־צייגעניש אויפן באדן.

אין יפוער האפן

דער האפן אין יפו איז געווען געפאקט. א המון איז געקומען אפווארטן די נייע „עולים", וואס האבן געדארפט אראפ פון שיף. די אפווארטערס, צומייסטן יונגווארג — האבן זיך צעשטעלט ארום טויער פון צאל־אמט, זיי זענען געקראכן אויף דער לאנגער, שטיי־נערנער מויער, וואס האט זיך געטונקען אין מאך, זיך געשווארקען אין די גרינע שימל־כוואליעס. די מויער האט געקייטלט דעם יפוער ברעג און אפגעטיילט ס'וואסער פון דער יבשה.

מענער, ווייבער, קינדער, ווער ס'האט אפגעווארט א ברודער, ווער א מאמע, ווער א שוועסטער־קינד, האבן זיך אויסגעקוקט די אויגן איבערן ים, וו ס'האבן געאנקערט א האלב טוץ שיפן. טייל האבן געהאט שפאקטיוון, אנדערע האבן געהויבן די האנט־פלאכן איבער די שטערנס, נישט קענענדיק זיך פונאנדערקלייבן אויף וועלכער שיף מען דארף האלטן אן אויג.

— די מיט די דריי קוימענס?

— די צוויי־קוימענדיקע.

— יענע איז דאך א גריכישע שיף.

— וועלכע מיינסטו, די גרינע?

— מען לאזט שוין אראפ די מענטשן!

שמאלע שיפלעך, ווי טייך־לאדקעס האבן זיך געוויגט איבערן וואסער און צוגעפירט צו פיר, צו זעקס פאסאזשירן פון שיף צום ברעג. ביי יעדן שאקל האט זיך איטלעכעס שיפל אזוי א קער געטון אויף א זייט ווי ס'וואלט זיך געהאלטן ביים איבערדרייען. באר־וועסע אראבער ווי ים־פייגל, האבן פארוויין געזעגט דאס וואסער מיט די רודערס, ארומקרייזנדיק די סקאלעס, וואס זענען געווען צעווארפן איבערן ים־דעס, ווי ווילדע וואסער־געוויקסן.

די זון האָט געפּלאַמט, האָט זיך געפּעלדלט איבערן אָפענעם ים און געבאַקן אַלט־יפו מיט דער היץ פון האַלב־טאָג.

א צעפּאַלעטער ייד האָט זיך געיאָגט לענג־אויס דער מויער, ער איז געלאָפן איבערן שמאָלן באַדאַכטן האָפן־וועג, וואָס האָט זיך געצויגן לאַנג ווי א טונעל. ער האָט זיך געשטעלט פאַרן טויער פון צאַל־אַמט, האָט אָנגעוויזן אויפן ברייטן ים און גערעדט צו ווילד־פרעמדע:

— ביי אַזא שיפן זיך, קענען זיך די קישקעס איבערקערן.

— וועמען וואַרט איר אָפּ? — האָט איינער אים געפרעגט.

— אַן אַלטע מאַמע. זי וועט באַשטימט ברעכן.

— שוין צייט, ס׳זאָל אין יפו זיין א לייטישער פּאָרט — האָט עמיץ אַריינגעוואָרפן.

— די העכסטע צייט!

— ווו כ׳בין נאָר אויסגעפאָרן, אין אַלעקסאַנדריע, אין ביי־רוט — האָט אַן אויסגעפראַנטעוועטער יונגערמאַן זיך געלאָזט הערן — זענען דאָ אויסגעמויערטע האַפנס. און אין יפו מוז מען זיך צושיפן, ווי אין טערקס צייטן.

— אין דעם זענען די ציוניסטן שולדיק — האָט א מיטל־יאָריקע פרוי, אויסגעבעט, אויסגעפּוצט פון פּאָרנט, ווי זי וואָלט אויסגעטראָגן א דריילינג, זיך אָנגערופן.

— פאַרוואָס עפּעס די ציוניסטן, און נישט אונזער מאַנדאַטן־מאַכט? די רעגירונג? האָט א דורכגייער צונויפגעלייגט די רויטע ליפּן ווי געטריקנטע וווּרשטלעך.

— די רעגירונג? וועלכע רעגירונג? — האָט דער צעפּאַלעטער ייד צוריקגעשמיסן דאָס וואָרט — דער ענגלענדער איז א גנב. און ביי א גנב מוז מען פאָדערן, אַנדערש, באַקומט מען נישט צוריק.....

באַאַמטע, יידן, אַראַבער מיט לעדערנע אַקטן־טאַשן, פּאָרט־טרעגערס מיט שטריק איבער די אַקסלען, האָבן זיך געדרייט אַרויס אין צאַל־אַמט, אַרום פון צאַל - אַמט. דער פּאַליס, וואָס האָט באַוואַכט ס׳טויער, האָט נאָכגעקוקט די פּעסער ביי די ציווילע דורכגייער. ער האָט באַטאַפּט די אָפּגעשליסענע טרעגערס, וואָס זענען אָנגעקומען פון די פּאָרט־סקלאַדעס.

— ער היט זיי, דער עמלק! — האָט דער צעפּאַלעטער ייד גע־שמייכלט צו די אַרומיקע.

דורכן טויער האָבן זיך גענומען אַרויסשיטן די ערשטע „עולים״.

אין פראָנט האָבן זיך גערוקט געפּעק, וואַליזעס, קופערס. און הינטער די געפּעק — אַ באַזשופּעצטער ייד, אין אַ ברייטן גאַליציאַנער רבנישן קאַפּעליוש. לעבן אים האָבן נאָכגעצויגן אַ ווייב, זין, טעכטער. אויפן ערשטן קוק האָבן ביים ייד זיך געוואָרפן די אויגן ווי ביי אַ צעשראָקענעם האָז. ווי ער האָט נאָר געמאַכט עטלעכע טריט פאָרויס, האָט ער געלאָזט הינטער זיך דאָס בני־בית, פאַר־קוועטשט די אויגן, דערנאָך זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד. ער האָט אַ קוש געטון אין די שטיינער ווי מען קושט אַ ספר־תורה און געפּרעפּלט אויפן קול:

— צוויי טויזנט יאָר, ווי כ׳האָב דיך נישט געזען, דו אַרץ זבת חלב ודבש...

— ווי לאַנג האָט ער דאָס אַרץ נישט געזען? — האָט אַ יאָל־דישער בחור, אין קורצע האַקי־הויזן, אויסגעבאַקן ווי אַ „צאַברע״ זיך איבערגעפרעגט.

— צוויי טויזנט יאָר! — האָט אַ יידענע אין אַ שייטל, אין אַ הויב אָפּגעענטפערט.

— זענט איר דאָך פעטער, עלטער פאַר מתושלחן... האָט דער בחור אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער.

דער עולם האָט זיך געשפּאָלטן איןביידע זייטן, ווי צווי־מויערן, לאָזנדיק אַ דורכגאַנג פאַר די „עולים״. טוריסטן, פּאַסאַ־זשירן פון ערשטער קלאַס, פון צווייטער קלאַס, זענען דורכגעגאַנגע׳ לייכט מ׳מ שטעקעלעך אין די הענט, מיט האַנט־וואַליזקעס, ווי ז׳י וואָלטן איצט אַראָפּ פון באַן, נישט פון דער שיף.

ס׳האָבן זיך געהערט לשונות, פון פוילישע יידן, פון דייטשע, פון בולגאַרישע. אין געדראַנג האָבן אייגענע זיך דערקענט. קרובים האָבן זיך אַרומגעכאַפּט. מען איז זיך געפאַלן אויף די העלזער. מען האָט זיך צעקושט.

— אַבי אין אַרץ־ישראל!

— אבי איבערגעקומען דעם וועג.

— האסט געטראכט, אז מיר, די גאנצע משפחה וועלן זיך דא אמאל אלע באגעגענען?

אן עלטערער אמעריקאנער האט זיך געדרייט ארום צאל־אמט מיט די פאקטור־חשבונות אין די הענט. ער האט יעדע ווילע אפּ־געשטעלט דא א דורכלויפנדיקן קאמיסיאנער, דא א באאמטן און גערעדט צו זיי א לויפיקן ענגליש:

א בחור אין לאק־שטיוועלעך, א ברוין העמדל פארגארטלט איבער די רייטער־ הויזן האט אים איבערגעהאקט.

— איר וועט אפשר רעדן העברעאיש, מיסטער?

— כ׳קען מיט דיר רעדן העברעאיש, באי — האט דער אמע־ריקאנער צו אים זיך אויסגעדרייט — אויב, דו וועסט מיר קענען ענטפערן? ווי הייסט אויף היברו א פאונטין־פען, א פול־פעדער, האָ? ווייסטו נישט? וועל איך דיר זאגן. א פאונטין־פען הייסט: שאין אנו מטבילין אפילו פעם אחת...

דער אמעריקאנער האט מעשה־לץ א קוק געטון אויפן עולם צי די חכמה געפעלט און ווייטער גערעדט:

— און ווי הייסט א ליפט, אן עלעוויטאר, ווייסטו? מאל דיר, דו וועסט דארפן א שטייגער אין אמעריקע, ארויפקומען אויפן שפיץ פון א וואלקן־קראצער, אויפן פערציקסטן, אויפן פופציקסטן שטאק און דו וועסט מוזן אנקומען צו אן עלעוויטאר, ווי וועסטו דאס אנרופן אין היברו? ווייסט ווידער נישט? — האט דער אמע־ריקאנער מיט א פינטל אין די אויגן מבטל געווען דעם בחור — וועל איך דיר זאגן. אן עלעוויטאר הייסט: יעלה ויבוא......

דער בחור אין לאק־שטיוועלעך האט געזען, ווי דאס הייפל מענטשן ארום לאכט, און זיך דערפילט באליידיקט, ר׳האט פיינט געקריגן דעם אמעריקאנער, דעם עם־הארץ, און ער האט זיך ארויסגעמאכט פון רעדל.

א חלפן מיט זיין גאנץ טויש־געשעפט — א פארגלאזט, קעסטע־לע מיט אויסלענדישע באנקנאטן — אנגעהאנגען אויפן בויך, האט באגעגנט די פאסאזשירן מיט אן אנבאט:

כ׳טויש דאלארן, עגיפטישע פונטן, פראנקן......

די שמאָלע שיפלעך, וואָס זענען צונויפגעשווומען צום ברעג האָבן אַרויסגעוואָרפן די פּאַסאַזשירן טונקעלע אויף דער יבשה. אַ מיטל־יאָריקער ייד, וואָס איז געשטאַנען אויף אַן אָפענער טרעפּ אַקעגן ים, ווי אַ קאַפּיטאַן אויפן שיף־דעק, האָט געקעמט זיין שוואַרצע צעפּלאָכטענע באָרד, וואָס האָט זיך געווינטלט ווי אַ זעגל, און אַ פאַרכאַפּטער פּונם מאַרש פון די „עולים" זיך צעשריגן:

— ס'איז דאָך באחרית הימים! ס'קומען שיפן פון אַלע האַפנס. פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, פון מאַרסעל, פון אָדעס. יידן פאָרן זיך צונויף פון אַלע מדינות... מען ווערט אויסגעלייזט, ס'איז, ושבו בנים לגבולם....

צוויי יונגע אַראַבער, שיך־פּוצערס די שוואַרצע הויזן פון הינטן ברייט מיט טאַרבעס, ווי די גרעסן וואַלטן ביי זיי געווען אָנגעשוואָלן, האָבן געטראָגן איבער די אָרעמס קעסטלעך מיט באַרשטן, מיט אויסגעשטעלטע פלעשלעך גלאַזור, מיט שיך־וואַקס און פּאָמאַדעס. זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אויף שטיינער, לענג־אויס די מויער, רופנדיק דורכגייער. און באַלד זענען זייערע פּוץ־באַרשטן געלאָפן מיט אימפּעט איבער עטלעכע פּאָר שיך.

אַ פּאַסאַזשיר, אַ זקן, ווייס ווי אַ טויב, באַהאָנגען פון פאָרנט, פון הינטן מיט געפּעק האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר די שיך־פּוצערס. ער האָט מיט פאַרדאַכט זיך איינגעקוקט אין זייערע פּנימער און אַ פרעג געטון:

— זיי זענען אויך אחינו בני ישראל?

— איר מיינט, דאָס זענען תימנער יידן? — האָט איינער פון עולים אים פאַרהאַלטן.

— די באָרוועס האָבן זיי דיזעלבע.

— ווו האָט איר געזען תימנער יידן?

— געזען האָב איך נישט, נאָר מען האָט מיר דערציילט וועגן זיי, וועגן די שוואַרצע יידן, נאָך אין פוילן — האָט דער זקן זיך געגרויסט מיט זיין לומדות — פאַרשידענע סברות זענען דאָ, וועגן זייער אָפּשטאַם. אָבער איך רעכן, דאָס זאָלן זיין די קינדער פון דער מלכה שבא און שלמה המלך...

פון ים האָט געיאָגט אַ געזאַלצענע קילקייט, וואָס האָט גע־טריקנט די ליפּן.

א רירעוודיק מענטשל אין די פערציקער, א פּאָר באַקן, א גאָמבע באַדעקט מיט שוואַרצע צעפּעלעך האָר האָט זיך דערפילט היימיש, ווי נאָר ער האָט אַראָפּגעשטעלט א פוס אויף דער יבשה.

ער האָט אַרויסגעשטעלט דעם איינציקן טשעמאָדאַן פון דער האַנט, נישט צולאָזנדיק צו זיך קיין טרעגער, און זיך אַרומגעקוקט.

— וווּ איז דאָ דער אימיגראַנטן־הויז?

— איר מעגט בעסער פאַרפאָרן אין א האָטעל — האָט א וווקסיקער יונג מיט א פּאָר „בריטשעס־הויזן" אים אָפּגעפּאַרטיגט.

— דאָס האָב איך אייך נישט געפרעגט — איז דאָס מענטשל געווען באַליידיקט — איר מיינט, איר האָט צו טון מיט א „גריי־נעם"? כ'בין שוין ס'צווייטע מאָל דאָ.

— מעגט איר טאַקע תיכף צוריקפאָרן! איידער די שיף שווימט אָפּ — האָט א צווייטער אַריינגעוואָרפן.

— שאַ, שאַ, אַזוי איז מען מקבל פּנים די נייע „עולים"? — האָט א באַגלייטער, וואָס איז נאָכגעגאַנגען א הייפל טוריסטן, זיך אַריינגעמישט.

— ווען איך בין ס'ערשטע מאָל אַהערגעקומען, איז גאַנץ תל־אביב געווען איין באַרג מיט זאַמד — האָט דאָס מענטשל אַרויפגעשריגן צום עולם, וואָס איז געווען צעשטעלט אויף דער מויער — איצט, אַז ס'איז אויסגעוואַקסן א כרך, מען צאָלט מיט גאָלד פאַר יעדן שפּאַן באָדן, הייסט ער מיך צוריקפאָרן!

— ווילט איר אפשר קויפן א פּלעצל אין תל־אביב, פעטער? — האָט דער בחור מיט די „בריטשעס" זיך אָנגעשטעלט פאַר אים ווי א גזימס.

— וויל איך טאַקע, דו פּלאַקנשיסער. — איז דאָס רירעוודיקע מענטשל נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער — אַז כ'האָב ביי דער פריִערדיקער „עליה" געהאַט קרחת, מעג איך מיר היינט פאַרגינען צו האַנדלען מיט „פּלעצלעך" אויך.

— און אַז מען האַנדלט מיט פּלעצלעך, פאַרדינט מען עולם־הבא! — האָט אַן אַנדער ייִד זיך אָנגענומען פאַרן „גרינעם".

— יאָ, מען לייזט אויס דעם באָדן ביי די אַראַבער...

— מען מאַכט רייך ארץ־ישראל.

— א ליגן! ארץ־ישראל איז שטענדיק געווען א לאנד פון טרוקעניש, א לאנד אָן וואסער. ס׳האָט נישט געקענט שפייזן די איינוווינער...

— און וואָס פאַרא מדינה איז דאָס שוין — האָט א דריטער נישט אָפּגעלאָזט — אַז אפילו פּאַרציִיטנס, האָט מען פּימסנהאָליץ און עלפאַנטביין צו בויען ס׳בית־מקדש, געמוזט פירן אַזש פון ווייטע לענדער.

— א שיינע פּראָפּאַגאַנדע פאַר ארץ־ישראל מאַכט איר יונ־געלייט.

— ס׳איז אמת! — האָט עמיץ אויסגעשריגן.

— אַז אמת דאַרף מען אויסבאַהאַלטן!

— ער מעג רעדן, דער חלוץ. ער האָט גענוג געליטן פאַרן לאַנד — שוין געפיבערט, געהאַט מאַלאַריע.....

— וואָס הייסט געפיבערט, געהאַט מאַלאַריע? — האָט אַן אָנגעפּאַמפּעטער ייִד, אָנגעפּעלצט, אָנגעשוכט, ווי אַן עסקימאָס זיך אַרויסגערוקט — און אַז ס׳קומט אַהער א ייִד פון א גאַנץ יאָר, א באַלעבאַטישער ייִד, נישט קיין חלוץ. ער צעבּרעכט זיך, ער לייגט אַן ס׳פּאַרמעגן, און צום סוף — קיין מגרש, קיין פּרדס... הייסט דאָס נישט געליטן? אַז ער דאַרף אויף אײנמאָל אויסשפּייען אין ארץ־ישראל דאָס, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט א לעבן לאַנג אין גלות, איז עס דאָך נישט „ארץ זבת חלב ודבש“, איז עס „ארץ אוכלת יושביה“.....

— אַזוי האָבן דאָך גערעדט די מרגלים! — איז א הויכער מאַן מיט א צעשויבערטער באָרד אָנגעלאָפן.

— טאַקע די מרגלים!

— אויב א מרגל — האָט דער מיט דער צעשויבערטער באָרד ווייטער געשריגן — דאַרף מען אים ליגן אין חרם אריין!

— אין חרם אריין!

דער געליאַרם איז געשטיגן. א טאָפּל שיפל, וואָס איז אָנגעפאָרן צום ברעג, האָט האַסטיק זיך אָנגעשטויסן מיטן רודער אָן דער אָפּע־נער ים־טרעפּ און אַרויסגעשאָטן א צווי צענדליק פּאַסאַזשירן.

פון גרינע ים־דעקעס, איז אויפגעגאַנגען דער ריח פון זאַלץ און פאָספאָר.

אַ פּלעצל

די אַב־היץ האָט נישט נאָכגעלאָזט. די נאַכט, אָן אָטעם, האָט איינגעדעקט דאָס צעקנוילטע תל־אביב, וואָס איז געלעגן, אַ צעפּערמלטע, אַ צעפּיצלטע. די אָנגעשמאָלצענע לופט־פּאַליעס ווי צוגעדעמפּטע ריחות, וואָס זענען אָנגעלאָפן פון די אָפענע זאַמדן, האָבן זיך פאַרשטעקט אין די נישט־בּרוקירטע געסלעך, אין די האַלבע, נישט דערצויגענע מויערן און אַרום די געגאָסענע בעטאָן גאַרטלען.

דער אַלטער קראַנץ איז נישט איינגעלעגן. ס'האָט אים געוואָרפן אין שלאָף. דאָס לײדיקע פלעצל הינטערן פענסטער — אַן אויסגעשניטענער ווינקל, וואָס קוקט אַרויס אין צוויי פּראַנטגאַסן — האָט נישט געלאָזט דעם אַלטן רואיק איבערקומען די נאַכט. ער האָט עטלעכע מאָל זיך געוועקט, יעדע ווײַלע אַ טרייב געטון מיט דער האַנט איבערן פּנים, ווי אַ פליג וואָלט אים געזעסן אויף דער נאָז. דערצו האָט ס'האַריקע לייב זיך געוויקט אין שווייס. ער האָט געציילט דאָס קלאַפּן פון זייגער, צוויי דריי, פיר. און אַז דער ערשטער שיין האָט זיך דורכגעריסן, פליקנדיק די שטיקער פינצטערניש, וואָס האָבן דאָ און דאָרט זיך געקאָלערט צווישן די וואָלקנס, איז קראַנץ — דאָס קאַפּל אויפן קאָפּ, אין די אונטערהויזן, אין די שטעק־שיך — שוין געווען אויף די פיס.

ס'ערשטע האָט ער זיך אַרומגעוואַשן, דערנאָך אָפּגעזאָגט אַ פּאָר יידישע ווערטער. ער האָט אָנגעצונדן דעם „פּרימוס" און איידער וועער פון די שטוביקע האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט קראַנץ שוין געזופּט פון אַ גלאָז וואַרעמס.

ער איז אַרויס אין חצר און אַרײַנלאָזנדיק די שווערע פינגער, ווי קלייִנעס, אין די פלעכטן באָרד, האָט ער אַרומגעקריצט דעם

לאנגן בּאַראַק, ווו צוויי משפּחות מיט קאַווקאַזער ייִדן האָבּן געוווינט. קראַנץ האָט געליטן פון די שכנים. די קאַווקאַזער האָבּן זיך אַרײַנגעקליבּן אין דעם בּאַראַק מיט איבּער פיר יאָר צוריק, ווען ס'איז געגאַנגען קריזיס איבּער ארץ־ישראל. זיי האָבּן עס אָפּגעדונגען פאַר אַ שיבּוש, געצאָלט זייער ווייניק. דערצו האָבּן זיי זיך צעלייגט ווי אין די אייגענע ווײַנגערטנער, האָבּן געקינדלט און ס'האָט זיך קראַנצן געדאַכט, אַז זיי וועלן קיינמאָל זיין פּלאַץ נישט פאַרלאָזן.

דאָס ווינטל, וואָס גרויט צוזאַמען מיטן בּאַגינען, פּאַליעט זיך און זאָגט אָן ס'איבּערגיין פון נאַכט אויף טאָג — דאָס ווינטל האָט זיך אָפּגעשטעלט ווי אַ בּייט תבואה. און אַ פּאַריקייט ווי פון אָנגעהייצטע קעסלען האָט געשטיקט דאָס יונגע תל־אביב, וואָס האָט זיך געוועקט דאָ מיט אַ געעפנטן לאָדן, דאָ מיט אַ דורכפאָרנדיקן בּרויט־וואָגן.

קראַנצן האָט עס געוואָרפן פון כּעס. ער האָט אַריבּערגעקוקט אויפן פּלאַץ אַנטקעגן, ווו דער שכן, אַן אַרויפגעאַרבּעטער גאַזאַזפאַרקויפער, בּויט פאַר זיך אַ דריי־שטאָקיקן בּנין. ס'יאָגעניש נאָך נחלה, נאָך בּאַזיץ, וואָס צעלייגט זיך ווי אַ נבזהלע אין יעדן ארץ־ישראל ־ ייד — האָט קראַנצן אַריבּערגעשיקט אויף דער צווייטער זייט, צום שכנס בּנין. ער איז אַרײַן אין דער אָפענער געבּײַדע. הושאַקעס, צעזעגטע טאַבּאָרעס־בּרעטער, רעלסן, ווייסע סיליקאַטציגל — אַלץ האָט זיך געוואַלגערט פאַר די שוועלן. קראַנץ האָט געקלעטערט איבּער די הילצערנע טרעפּ, ווי איבּער אַ דינער בּריק, ער האָט זיך געהויבּן איבּערן צווייטן שטאָק, איבּערן דריטן און, אַז ער איז אַרויסגעקומען אויפן אָפענעם אַספאַלט־דאַך, האָט ער געהאַט אַקעגן זיך דעם ים, וואָס גיסט זיך אין די פאַרטאָגן אין אַבּ. אַזוי רואיק ווי אין ניסן.

קראַנץ האָט צעפּירט די אויגן אַהין, אַהער. ער האָט נישט מקנא געווען דעם שכן וואָס בּויט, האָט נאָר בּאַדויערט זיך, אַ דרערד־ליגער וואָס וואַרט אויף יושר, די קאַווקאַזער זאָלן זיך אַליין אָפּטראָגן, פריי מאַכן דעם פּלאַץ. טאָ צו וואָס ס'עגמת־נפש, ס'ערגערניש? אַז ער, קראַנץ, וואָס האָט איבּערגעלעבּט דעם טערק,

איבערגעלעבט די מלחמה מיטן גירוש, איז ווערט די שמיץ... שיפן קומען אָן, וואַרפן אַרויס פּוילישע יידן, רוסישע, דייטשע. די אָנגעלאָפענע אַרבעטן זיך אַרויף. פּרדסים, פּלעצער, הייזער — אַלץ שטייגט. ס'לויפט איבער. גאָלד וואַלגערט זיך אין די רינשטאָקס. און ער, אַן אַלטער פּאַלעסטיניעץ, אַ „צאַבּרע'', האַלט אין איין פאַרשפּעטיק... אַזוי איז געווען אין ניינצן פיר און צוואַנציק, ביי דער פּוילישער עליה, אַזוי איז געווען אין ניינצן אַכט און צוואַנציק, אַזוי אויך איצט. ווען ס'רעגנט מיט גאָלד, שטייט ער, קראַנץ, אונטערן דאַך...

די זון ווי אַ קנויט האָט אויפגעפלאַמט און געצונדן שרפות איבערן הימל, איבערן ים. קראַנץ האָט אָנגעהויבן זען העלער. ער האָט זיך געשטראָפט, וואָס ער האָט קיינעם נישט געפאָלגט, נישט אָנגענומען קיין עצה. קונים האָבן זיך געריסן אויפן פּלעצל, מען האָט אָנגעבאָטן אַ גרויסן פּרייז, און ער, אַן ערלעכער זאַק־פּויפּער, האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון. ס'איז קרן־קימת־באָדן. און מיט אַ געשאַנק שפּעקולירט מען נישט.

אָפּגעבּרענטע אַרבעטער אין שווערע זעלנער־שיך. די העמדלעך אַריבערגעוואָרפן איבער די קורצע כאַקי־הויזן, זענען גרופּנווייז אָנגעקומען פון די אַרומיקע געסלעך. זיי האָבן זיך צעשאָטן אַרום די אָפענע בנינים, ווער מיט אַ וואַסער־וואָג אין האַנט, ווער מיט אַ קעלניע, ווער מיט אינסטאַלאַציע - רערן. מויערער האָבן זיך געשטעלט אַרום די ציגל־ווענט, בעטאָן־גיסערס אַרום די צונויפגעקלאַפּטע טאַבּאַרעס און אין דעם אָנגעהייצטן פרימאָרגן האָט די אַרבעט זיך אָנגעהויבן.

— שפּעט, חברה קומען אָן — האָט קראַנץ זיך אַראָפּגעלאָזט מיט דער הילצערנער טרעפּ און איז אַן אויסגעלאָדנטער געבליבן שטיין פאַרן טרעפּן־הויז.

אַ הויכער מאַן, אין אַ ווייסן לייוונטענעם אַנצוג, אויפן קאָפּ אַ ברייטער ענגלישער פּראָפּן - הוט, ווי ביי אַן אַפריקאַנער פּלאַנטאַטאָר, האָט אים באַגריסט:

— שלום, אדון קראַנץ!

— שלום, אדון קבלן — האָט קראַנץ אונטערגעשמייכלט — איילט, איילט, היינט איז אייער יעשעו.

— מיין יעשעו, אייער יעשעו — האָט דער קבלן מעשה־מבין באַטראַכט אַ ציגל־וואַנט פון אונטן אַרויף — איך זאָג, יידן דאַרפן נאָר בויען... און פּראָוואָס פּוסטעוועט ביי אייך דער מגרש? — האָט ער זיך אַרומגעקוקט פון הינטן, פון דער זייט — כ׳זע אַלץ נישט אייער וואָלקן־קראַצער...

— אַ וואָלקן־קראַצער? — האָט קראַנץ אַרויסגעבלעקעצט די צונג — ס׳ערשטע מוז איך ווערן באַלעבאָס איבערן מגרש.

— ווער איז באַלעבאָס?

— כ׳האָב צרות מיט די כאַכלאַקעס! — האָט קראַנץ אָנגעוויזן אַקעגן אויפן בּאַראַק מיטן שינדל־דאַך — זיי ווילן נישט אַראָפּגיין, די שכנים... דערצו איז עס קרן־קימת־באָדן. מען קען גאָרנישט אויפטון.

— אַ נפקא מינה, צו קרן־קימת־באָדן, צו פּריוואַט־באָדן — האָט דער קבלן צונישט געמאַכט קראַנצעס טענה — מיט די פּיס שטייט איר דערויף? אַ געביידע קען מען אַרויפקלאַפּן? פּאַרטיק!

— עס שאַצט זיך אָבער אַנדעריש, אדון וויים.

— אַ טעות! — האָט דער קבלן אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — ווילט נאָר פּאַרקויפן, ווי איר וועט ביי אַט דעם קרן־קימת־שטיקל אויך כאַפּן אַ פּאָר הונדערט פונט פּרנסה. אַזאַ פּראָגנט! — האָט וויים נישט געקענט אָפּלויבן.

ער האָט זיך געקליבן אַוועקגיין, ווידעראַמאָל זיך צוריקגעדרייט צו קראַנצן און אים איינגערוימט.

— און איך זאָג אייך, אדון קראַנץ, איר קומט דורך מיט גוטן, מיט אייערע שכנים. צעוואַרפט דעם צריף. און די אונטערשטע שורה, בויט!

— מען וועט אַ טראַכט טון — האָט קראַנץ זיך געלאָזט צו זיין שטוב.

— און אַז ס׳וועט האַלטן ביי עפּעס — האָט דער קבלן איבנאָכגעשריגן — ווייסט איר דאָך מיין אַדרעס? שלום!

קראַנץ האָט זיך נישט אומגעקוקט. איין שפּרייז, אַ צווייטער

און ער איז געשטאַנען אין הויף. ער האָט באַטראַכט דאָס אויסגע־בראָכענע טירל פונם גדר, וואָס האָט געפירט אין דער צווייטער גאַס אַריין, און פון פּאַרדרוס אויסגעשפּיגן.

דאָס ווייב, אַ פולע זקנה, אין אַ הויב, אין אַ קלייד, ברייט קיילעכדיק ווי אַ קאַרוסעלע, איז אים אַנטקעגן געקומען.

— ווו שפּוקסטו אַרום פון פאַרטאָג אָן?

— אפשר וועסטו אַנדערש רעדן? — האָט ער אויף איר אַ הויב געטון די שווערע ברעמען ווי רייבאייזלעך.

— אויסגעזאָרגט! — האָט דאָס ווייב געטענהט ס׳איריקע — ביסט דאָך נאָך פאַרן דאַוונען. און צו דער מאַשין דאַרף מען זיך נישט צורירן?

— האָסט געפועלט, כ׳זאָל נאָך היינט אָוועקוואַרפן ס׳שניי־דעריי.

— און האָסט שוין אָנגעגרייט אַן אַנדער פּרנסה, ברוך? — האָט זי אַ קוק געטון אויפן מאַן, ווי ער וואָלט פון זינען געקומען.

— מען מסחרט, מלכה, מען מסחרט. אַט שטייט שוין דער פּלאַץ צען יאָר לידיק. און וואָס האָבן מיר פאַראיבעריקט? אַ פּאָר־קויף, אַ קויף — האָט קראַנץ געאַרבעט מיט די הענט ווי קונצן־מאַכער — מען דאַרף נאָר צוויי דריי מאָל זיך אַזוי איבערוואַרפן און מען ווערט אַן עושר. און דו גלויבסט אַליץ, אַז פון נייען הויזן האָב איך מיר מער אָפּגעשפּאָרט ווי אַ הויקער?

דאָס ווייב, וואָס איז גרייט געווען אויסצובטלען אַלע אירע ווייסטע חלומות צום מאַנס קאָפּ, צו זיינע הענט און פיס, האָט באַלד גענומען איינזען, אַז ער רעדט גאָרנישט פון וועג און זי האָט אַ זאָג געטון:

— אַז כ׳וועל זען, וועל איך גלויבן.

— וועסט זען, וועסט זען — האָט קראַנץ דאָס ווייב פאַרזוי־כערט — אָבער מיט די כאַכלאַקעס אין שכנות — האָט ער אַ שיק געטון די באָרד צום צריף — האָב איך געבונדרענע הענט. נאַ, זע! אַן אויסגעבראָכן טירל — פאַרשווייגט מען. מען ציענעמט דעם גדר — פאַרשווייגט מען. און אַז מען וועט מיר מאָרגן אויסגראָבן אַ פּאָר וועגעלעך זאַמד און אָוועקפירן, דאַרף איך אויך פאַרשווייגן?

כ'וועל דאָך אַראָפּ אין דער שאול־תּחתּיה...

דער זון, הויך און דאַר, אין כאַקי־הויזן, אַ פאַרשאַרצט בלוי העמדל אַן אַרבל איבערן אַקסל אַ ביטל גראָבע שטריק — האָט זיך געשטעלט פאַרן פאָטער ווי אַן אַקראָבאַט:

— וואָס שרייסטו, טאַטע?

— איידער דו גייסט צו דער אַרבעט, עלעקטראָ־מאָנטער מייַ־נער, וויל איך זיך מיט דיר אַן עצה האַלטן.

— וועגן דייַנע חברה? — האָט דער זון ווילעריש אַ וויַיז געטון אויף די שכנים, וואָס האָבן ווי נאַכט־געשפּענסטן זיך געוויזן, ווער דורך אַ טיר, ווער דורך אַ פענסטער.

— האָסט געטראָפן — האָט קראַנץ הנאה געהאַט פונעם זון.

— איך האַלט, טאַטע, אַז דו דאַרפסט אַביסל אָפּוואַרטן. זיי וועלן אַליין אַראָפּגיין. אַט אַנטקעגן שטעלט זיך אַ גאַנצע שכונה באַ־ראַקן פון קאַווקאַזער.

— ווו?

— דאָרט אויפן באַרג.

קראַנץ האָט אויפגעהויבן די האַנט־פלאַך איבער די ברעמען און פאַרזשמורענדיק די אויגן געקוקט רעכטס צו, אַריבער עטלעכע נישט פאַרבויטע גאַסן. פון צופיל ליכט, זענען די באַקן, דער שטערן אָנגעלאָפן מיט פעלדעלעך און קנייטשעלעך ווי געקאַרבטע לעדער. ער האָט געגאָפט.

אַ קיילעכדיקער זאַמד־באַרג האָט זיך געשפּרייט אויף אַ שטח. דאָ און דאָרט האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ דינער שפּראָץ, אַ קנופּ צאַברעס. אַ באָרוועסע אַראַבערקע אין טראַנטעס, אויפן אַקסל אָנגעהאָנגען אַ זויג־קינד אין אַ טאָרבע, האָט זיך געשלעפּט אין טיפן זאַמד — זיך געשלעפּט ווי הגר אין דער מדבר. אויף אַן איזעלע באַלאָדנט פון ביידע זייטן מיט קעסטעלעך גרינס, איז אָנ־געריטן אַ פולער בייכיקער אַראַבער, ווי דער פעטער ישמעאל אַליין. ער האָט אויסגערופן זיין סחורה מיט אַ געקרייזלטן האַלז־ניגון, ווי אַ פסוק פון הייליקן קאָראַן.

— דריי אַנצעס טאָמאַטעס אַ פּיאַסטער, דריי אַנצעס!

קראַנץ האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט פון די אויגן. ער האָט זיך אויסגעדרייט צום זון און אָפּגעזיפצט:

— נאָך נישט הײַנט און נישט מאָרגן װעט׳ס װערן.

— מען האָט שױן אױספּאַרצעלירט דעם באָדן, טאַטע, מען טײלט אַפילו קושאַנען.

— כ׳גלױב נישט.

ער האָט געלאָזט שטײן דעם זון. פאַרן אַרײַנגײן אין שטוב האָט ער זײער נישט געהאַט קײן חשק נאָכאַמאָל צו באַגעגענען דאָס װײַב, ער איז גיך דורכגעגאַנגען דעם חצר און דורך אַ הינטער־טירל אַרױס אױף דער אַנדערער גאַס, װוּ מען האָט געהאַלטן אין גיסן קאָכיקן אַספאַלט אױפן שמאָלן בעטאָן־שאָסײ.

האַלב־נאַקעטע אַרבעטער, פאַרברױנטע, אין ברײטע שטרױ־קאַפּעלושן, װי בײַ די טײ־קלױבערס אין צײלאָן, זענען געװען צעװאָרפן פון בײדע זײַטן שאָסײ מיט מכשירים. אַ מאַשין, געבױט װי אַ לאָקאָמאָטיװ, איז געשטאַנען אינמיטן גאַס און האָט איבערגעקאָכט אין אירע שטאָלענע געדערעם חצץ־שטײנדלעך, געטונקען אין געשמאָלצענעם אַספאַלט. שװאַרצע קעסלען האָבן אױטאָמאַטיש אַרױסגעװאָרפן דעם אַספאַלט קופּקעסװײַז. אַרבעטער מיט אײַזערנע קאַמען, מיט שטױסערס און גאָפּלען, זענען אונטערגעקומען, אײַליק צעשמירט די פאַרשמאָלצענע שטײנדלעך איבערן בעטאָן און צוגעגלעט, און אַז אַ שיכט אַספאַלט איז געבליבן ליגן אַ פאַרקילטע מיט אַ גלאַנץ, איז אָנגעפאָרן אַ שװערע ראָל־מאַשין מיט דרײַ װאַלצן. די ראָל־מאַשין האָט דרײענדיק זיך, אַרױסגעלאָזט אַזאַ כאָרכלען, װי זי װאָלט געהאַט קראַנקע לונגען. די מאַשין האָט געפּרעסט דעם אַספאַלט, צוגעקנעטן און אים בױגיק געמאַכט אונטער די פיס.

קראַנץ האָט אױפגעכאַפּט דעם גערױש, דעם בראָזג אַרום, װאָס איז געקומען מיטן הילך, װי פון אַ יאַריד. ער האָט זיך אַרױפגעשטעלט אױף אַ בערגל מיט זשװיר. ער האָט געכאַפּט אַ קוק פאַר זיך. ס׳האָט געפּלײצט מיט זון, אומעטום זון. שמאָלע בעטאָן־שאָסײען האָבן זיך געקאָלערט צװישן זאַמדיקע פּלאַכן, צײכנענדיק גאַסן, האַלב־אױסגעבױטע קװאַרטאַלן. הײַזער מיט טעראַסעס, װײַסע, ברױנע, רױטע, האַלבע מױערן, גאַנצע מױערן, אױפגעטירעמטע בעטאָן־זײַלן, און תּל־אָביב — אַ קנױפּ קאָלירטע שנור־

בענדער, איז געווען צעוואָרפן אין דער לענג, אין דער ברייט.

דער קאָך אָרום האָט קראַנצן אַ יאָג געטון פון אָרט. בלויז אימפעט האָט ער זיך געלאָזט צוריק צו דער שטוב. די פינף און זעכציק יאָר האָבן זיך נישט אָנגעזען. ער האָט נישט נאָכגעשלעפט די פיס. ער האָט זיי געשיקט פאָרויס. פאַר דער טיר האָט אים פאַרהאַלטן אַ קאַווקאַזער מיידל, ווי אַ ציגײַנערין, די הויט פון פנים — טונקעלע איילבירטן, די שוואַרצע גלאַנציקע צעפ פאַרלייגט אין אַ בייגל. ביים באַגריסן זיך האָט זי אַ וויג געטון מיט די גרויסע אויערינגען, ווי רייפן.

— מיר לאַדן אייך איין אויף אונזער שמחה.

— וואָס פאַר אַ שמחה? — האָט דער אַלטער נישט אויסגעהאַלטן דעם צאַפּל אין דעם מיידלס אויגן.

— וואַנקאַ, מיין ברודער, האָט הײַנט חתונה.

— וואָס? — איז קראַנצן אײַנגעפאַלן, אַז ערשט איצט וועלן זיך די קאַווקאַזער אָנהויבן צו פלאַדיען ביי אים.

מיט איין שטויס איז דאָס מיידל געווען הינטער אים. ער האָט אויפגעפראַלט די טיר פון באַראַק און אַרײַנגעשריגן אין דער סטעליע:

— מאָרגן אין דער צייט זאָל דער צריף זיין אַראָפּגענומען!

— מיר רירן זיך נישט פון דאַנען! — איז וואַנקאַ, אַן אָנגעפּאָמפּעטער גוף, אין שטיוול, די לויזע בלוזע פאַרגאַרטלט אַריבער די רייטער־הויזן, אים אַקעגן געגאַנגען.

— מיר בלייבן דאָ! — האָט אַ צווייטער, די האָר צעשויבערט, מיט אַ האַרמאָניע איןביידע הענט, זיך אויפגעשטעלט.

— איר בלייבט דאָ? — האָט קראַנץ געזען, ווי ס'קלייבן זיך פון די לעכער אַ האַלב טוץ מענטשן, אַ זקן, אַ לאַמע זקנה, טעכטער מיט זויג־קינדער. און פון שרעק האָט ער גערופן ס'ווייב:

— מלכה, וווּ שטעקסטו?

— הויב נישט אָן מיט זיי. ס'זענען קאַווקאַזער! — האָט דאָס ווייב אַרײַנגעשטעלט אַ פוס איבער דער שוועל.

— וואָס זענען זיי?

— מעסער־שטעכערס!

— איך בין א רוסישער מענטש. מיט מיר וועסטו נישט אָנ־הויבן! — האָט דער זקן מיט א באָרד, ווי ביי א פּאָפּ, אָנגעשרויפּט א פויסט.

— אויב דו ביסט א רוסישער, גיי נאָך מאָסקווע!

— כאָכלאָק! — האָט ס׳ווייב אריינגעוואָרפן.

— באָלשעוויק!

אויף די קולות האָבן דורכגייער זיך גענומען קלייבן. א באָר־וועסער תימנער יינגל מיט פּאות, ווי פּרעגזן, איז אָנגעלאָפן. ער האָט געכאַפּט א קוק אהין, אהער, פון חידוש געעפנט א מויל מיט ווייסע, געזעגטע ציין און הנאה געהאַט, וואָס „אשכנזים" קריגן זיך. דער אָנלויף האָט זיך געשטופּט אין דער טיר. מען האָט גע־פרעגט איינער ביים צווייטן:

— וואָס איז געשען?

— מען וואַרפט אַראָפּ פון פּלאַץ א שכן.

— אין ארץ־ישראל טרייבט איין ייד דעם צווייטן?

— א שאַנדע! —

— דערצו זענען מיר אוועק פון גלות?

— מיר ווען נישט דערלאָזן!

— ס׳איז דאָך קרן־קימת־באָדן! — האָט א דורכגייער זיך אָפּגעשטעלט.

— טאַקע קרן־קימת־באָדן.

איידער קראַנץ האָט באַוויזן זיך צו פאַרענטפערן, איז ער גע־ווען אַרומגערינגלט אין א ראָד פּונם עולם, וואָס האָט מיט די פאַררייסענע נעז, מיט די אויגן, געמאַכט חשבון.

וואַנקאַ אין די שטיוול, אין די רייטער־הויזן, האָט זיך אוועק־געשטעלט פאַר אים, ווי א וואַנט:

— און קרן־קימת־ערד ווילסטו פאַרקויפן? ווילסט שפּעקו־לירן?

— איך שפּעקולירן? — האָט קראַנץ אויפגעהויבן א האַנט, זיך צו פאַרטיידיקן — דו, זשוליק! ווען דו ביסט געווען ביי פּאָ־גיען איבערן „שאַשליק", איבערן טאָפּ חזיר, בין איך דאָ פאַר־שוואַרצט געוואָרן...

— און ס'איז אונז דעמאָלט טאַקע בעסער געווען! — האָט ס'ווייב אַריינגעוואָרפן.

— ווען מען איז בעסער געווען? — האָט אַ דאַרער בחור מיט בייטשעלעך האָר אין די אויגן זיך אַרויסגעשטעלט.

— מיר, — האָט קראַנץ זיך געקלאַפּט אין האַרץ אַריין — מען האָט דעמאָלט געלעבט בשלום מיט די אַראַבער...

— אַ ליגן!

— אַזאַ צאַבּרע!

— פאַרוועדט אים אַזוי צו רעדן!

— רייסט אים אויס די באָרד!

קראַנץ, וואָס האָט געזוכט אַ שפּאַרע זיך אַרויסצודרייען פונעם עולם, האָט הינטערווײַלעכץ געכאַפּט איין כמאַל נאָכן צווייטן.

פון אַלע זייטן האָט גערעגנט מיט פויסטן.

א זיווג

אין די טליתים זענען די תימנער ארויס פון שולעכל און זיך געלאזט צום דערביאיקן הייזל, ווו ס׳האט געוווינט די משפחה שעראבי. דאס האט מען זיך געגרייט מסלק צו זיין, דעם אכצן־יעריקן זון יפת, וואס גייט מביש זיין א תימנער בתולה.

ביי דער עדה האט זיך געקאכט. יעדער האט געוואלט מקים־פסק זיין יפתן. ישבח, א שווארצער, אן אויסגעצויגענער, וואס האט געהאלטן, אז זיין אמתער אפשטאם ציט אזש פון די בני־נאדהור, האט געזאטן ווי א דאמף־קוימען. ער האט אריינגערעדט אין דער עדה:

— ס׳טרעפט, אז אונזערע א בתולה פארדרייט זיך מיט אן אשכנזי, דעמאלט איז גארנישט נישט פארפאלן... דער טאטע, דער בעל־דעה, קען דעם אפיקורס טרייבן פון חצר אויך! אבער, ווען אונזערס א בחור ווייכט פון זיין זיווג און וויל דורכאויס פאר א ווייב — א „מאסקאביע״, מוז מען שוין א הויב טון אויף אים די בייטש...

אין הייזל איז יפת נישט געווען. דאס פארחושכטע שטיבל, אויפגערוימט שבתדיק. אויף דער וואנט דער רמב״ם אין א צע־בראכענער ראם. אין א ווינקל א ווארשטע מיט ספרים, א באנק איבערגעדעקט מיט א ווייסן טישטוך. ר׳ ניסן שעראבי, א זקן מיט א צעפליקט ציגן־בערדל איבער דער שווארצער גאמבע, אויפן קאפ א רויטער טורבאן, איז געזעסן אויף א געפלאכטן פוס־בענקל און מעיין געווען אין א ספר.

די עדה תימנער, האט אריינקומענדיק, אויסגעשאסן איינער נאכן אנדערן:

— שבת שלום, ר׳ ניסן!

— שבת שלום, יהודים, שבת שלום! — האָט ניסן אַקעגן געטראָגן אַ ברוך־הבא די אורחים און אין פאַרלעגנהייט, געטראַכט, ווי נעמט מען אַזויפיל בענקלעך דעם עולם אויסצוזעצן.

— נישקשה, ר׳ ניסן, נישקשה, ווי לאַנג די פיס טראָגן, קען מען אונטערשטיין — האָט שבח בגנבה געכאַפּט אַ קוק אויפן ספר, ווו איבערן שער איז געשטאַנען: שירים פון ר׳ שמואל אבן עדיה.

— לייענסט פיוט?

— יאָ, —האָט ניסן פון נייגעריקייט געהויבן די ברעמען ווי טערקישע לבנות — כ׳קלער, וואָס האָט אייך אַלעמען אויף איין מאָל אַנגעטראָגן צו מיר?

— מיר זענען געקומען, ר׳ ניסן — האָט שבח געשטאַמלט — וועגן דיין בן־זקונים יפתל.

— כ׳קען מיר מיט דעם בופר קיין עצה נישט געבן — האָט ניסן געקרעכצט — פינף בנים האָב איך אויף דער וועלט גע־בראַכט, און אַלע גייען אויף די פיס. נאָר דער איינער שטייט אויפן קאָפּ. ער קריכט שלינג און שלאַנג אויף די ווענט.

— וואָלט ער געווען מיין זון — האָט איינער אָנגעהויבן.

— פאַר אַ זעלנער נאָך מאַראָקאָ וואָלט איך אים געשיקט! — האָט אַ צווייטער זיך אַריינגעמישט.

— מיין טאַטע עליו השלום, איז געווען אַ „מכריז"*) נאָך ביים טערק דזשעמל פּאַשאַ — האָט אַ נידעריקער תימנער שוואַרץ ווי אַן עטיאָפּ זיך גענומען באַרימען — כ׳האָב געהאַט צוויי ברידער. און אַז איינער פון זיי, אַ הפקר־יונג איז אַמאָל נכשל געוואָרן און אַרויסגערוימט ס׳צירונג ביי אַ גאָלדשמידט, האָט דער טאַטע אַליין עס צוזאַמענגענומען אויסגעפּויקט צווישן די שטאָט־נייעס, איבערן יפוער מאַרק. אַזוי־ערנאָך האָט ער דעם בן־סורר באַשטראָפט.

ר׳ ניסן האָט פאַרמאַכט דעם ספר, האָט פאַרהאַקט די אויגן ווי ביי אַ שווערער סוגיא און זיך געווענדעט צו דער עדה:

און איר גלויבט, אַז יפת וויל זיך טאַקע נישט מזדוג זיין מיט מנוחהן?

---

*) אויסרופער.

— אודאי וויל ער נישט — האָט שבח זיך צעשריגן — כ'זאָג, ס'איז נאָך דער חתונה. ס'ווייב אַן עקרה. ער וויל זי אָפּגטן. אָבער אַזוי, אָן אַ פּאַרוואָס?

ס'איז אַריינגעקומען נִיסנס ווייב, אַ מאָגערע. ס'געשטעל, דער פּאַרנעם, קליינגעוויקסיק, דאָס פאַרקוועטשטע פּנימל ווי ביי אַ בינעזערקע. דאָס געשטריפּטע שטערן־טיכל פאַרשליפט ביז אי־בערן האַלז. זי האָט זיך אַ פּאַטש געטון אין די הענט און אַרויס־געלאָזט אַ קוויטש ווי אַ קלאָג־ווייב.

— דערווייל האָט נאָך איבער מיין יפת, קיינער נישט צו זאָגן. מען האָט אים אָנגעשלייערט אַ מנוחה, אַ וויסטע יתומה. ס'ייִנגל מעג זיך איבערלייגן. און כ'בין נישט מחויב זיך משדך צו זיין מיט אַ מחותן, אַ טרעגער. דערויף בין איך ר' צמח סופרס טאָכטער. דערויף בין איך אַ מאַמע!

— דערויף ביסטו אַ מאַמע, נעמי? — האָט ניסן זיך אויפגע־שטעלט.

— יאָ.

— און איך, אשה, — האָט דער זקן זיך געפּויקט מיט די פינגער איבערן האַרץ — איך, אַ טאַטע, האָב שוין קיין דעה נישט?

— נישט דו, טאַטע און נישט דו, מאַמע. ביידע האָט איר איבער מיר קיין דעה נישט! — האָט יפת, אַריינקומענדיק, ווי אַ שטורם, אָנגעכאַפּט טאַטע־מאַמע פאַר די הענט.

די איבערגעשראָקענע תימנער האָבן זיך געריקט אויף צוריק. שבח האָט זיך אַרויסגעשטעלט:

— שטילער, בן־סורר! גייסט אַקעגנרעדן אַ טאַטן, אַ בן־תורה? און אין כבוד־אָם האָסטו פאַרגעסן?

— און ווער האָט דיך געמאַכט פאַר אַן אַפּטרופּס איבער מיר? — האָט יפת, אַ געגאָלטער, אַן אויסגעבאַקענער, מיטן קנייטש אויף די ווייסע הויזן, ווי אַן אויסגעפּוצטער הינדוס, אָפּ־געשטויסן שבחן.

— קיינער וויל נישט זיין דיין אַפּטרופּס — איז שבח גע־שטאַנען ווי אַ געשלאָגענער שקלאַף — אָבער דאַרפסט נישט מביש זיין אַ ישראלישע טאָכטער, אַ יתומה. דערצו האָט זי דיין

טאַטע פאַר דיר פאַרקנסט. אַזאַ שפיכת־דמים פּאַסט נישט פאַר דיין משפּחה. ווייסט דיין יחוס, יפת? שטאַמסט פון די גרויסע שעראַ־בים, פון די בני ־ תורה!

— און וועסט טאַקע מנוחהן נאָך היינט מקדש זיין! — האָט אַ צווייטער זיך אָפּגעריסן.

דער זיבעצן־יעריקער יפת האָט זיך אַרומגעקוקט. פון פאַרנט די צעשראָקענע תימנער, ווי שעפּסן. פון הינטן טאַטע ־ מאַמע און אין דער מיט ער, ווי אַן אריינגעהאַקטער קלין. ער האָט גע־שרפהט פון שנאה:

— טאַטע, נעמסט אַוועק די לעמעלעך, די „כּאַרופּס״, ווייל כ׳וועל זיי ממיתן?

— ווּעמען וועסטו ממיתן, דו „יאַנוקאַ״? — האָט ר׳ ניסן אויפגעהויבן אויפן זון אַ דינע, האַריקע האַנט, ווי אַ פאַרטרוקנט צווייגל.

— ביי מיר ביסטו קיין „דזשעדאַ״*) נישט. איך היים דיך היינט ביינאַכט מנוחהן מקדש זיין! — און ער האָט זיך אויס־געדרייט צו שבחן — שבח, גלייך נאָך הבדלה וועסטו מיר ברענגען דעם רב מיט די חופּה־שטאַנגען.

נאָך איידער עס איז געוואָרן אויס שבת, האָט מען אין שטוב געמאַכט הכנות. ס׳זענען זיך צונויפגעקומען די אויסגעגעבענע זין און שנורס — געבויגענע פּאַלמען־צווייגן. דער אַלטער ניסן האָט צעהאַנגען אַ סאַמעטן פּרוכת. און שבת האָט ער אַרומגעווישט די געליישטע ספרים. ער האָט אַליין געגומען צוגרייטן כּבוד. ס׳האָט נישט געהאָלפן געעמים אַריינטענהן, מען זאָל עס אָפּלייגן אויף נאָך אַ טאָג. יפת אַליין האָט זיך געדרייט ווי אַ געפּאַטגענער. ער האָט געזען ווי מען וויל אים לעבעדיקערהייט באַגראָבן. ווו לעבט ער, אין יאַטריב? אין אַדאַן? ס׳איז פאַרצייטנס? ער האָט נישט געוואָלט צערייצן דעם פאָטער, געוואָלט איינשטילן די מוטער און אין דער זעלבער צייט געזוכט ווי נאָך אָפּצוטון די מחותנים אַ שפּיצל, אַז אַלע, די געסט, די כּלה זאָלן אומקומען פאַר חרפּה.

---

*) חכם.

מיטן הבדלה־ליכט האט זיך ס׳געאייל אנגעהויבן. ר׳ ניסן האט אפילו נישט קיין שמעק געטון צו די בשמים און גיך אפ־געזונגען „אל תירא עבדי יעקב״. דערווייל האט דער אנגעקומענער עולם פארוויז זיך אויסגעזעצט אויף געפלאכטענע בענקלעך. די תימנישע ווייבער ווי די אמהות, אין צניעהדיקע שטערנטיכלעך, אין פארביקע פאטשיילעס. די מענער, ס׳רוב אין רויטע „טארבושן״ ווי טערקן. ר׳ ניסן איז ארומגעגאנגען צווישן זיי ווי אן אמתער מכניס־אורחים.

און ווי גיך דאס צוגרייטן, אזוי געשווינד ס׳אויפשטעלן די חופה־שטאנגען. מען האט געהאלטן אן אויג אויפן חתן. מען האט אויסבאהאלטן די כלה. און ווען דאס רבל — א בינטל עצמות יבשות — איז אריינגעקומען, איז דער עולם שוין געווען אויס־געשטעלט מיט די ברענענדיקע ליכטלעך אין די הענט.

מען האט אריינגעפירט די כלה א קליינע, א שווארץ־צעפיקע. דאס קינדישע, פארשוואלענע פנימל אויסגעשטופלט ווי מיט לייס־גריבלעך. מען האט אריינגעפירט דעם חתן, א הויכן, א ברוינעם, ווי א מזרח־פרינץ. די אונטערפירערס האבן געציטערט, ס׳זאל נישט עפעס פאסירן. א בעכער וויין, א קדושין־רינג, דערנאך „הרי את״. יפת האט אפגעזאגט די ווערטער מיט אזא כונה, אז דער אלטער ניסן איז פון חידוש געבליבן מיט אן אפן מויל. דער גליקלעכער שבח האט צעבראכן איין טעלער נאכן צווייטן. ער איז פארגאנגען אין א בויך־טאנץ און ס׳קול האט זיך מיטגעריסן מיטן עולם.

— מזל־טוב! מזל־טוב! מזל־טוב!

א געפלעסק מיט די הענט, א ווארפן מיט די קאפ־טיכלעך, א דרייען זיך אין ראד. און אין מיטן דעם טומל האבן די אונטער־פירערס פון חתנס צד, די אונטערפירערס פון כלהס צד, געפירט ס׳פארל אין חדר־מיוחד אריין.

אין ברייטן, פירעקיקן חדר און אויף דער הילצערנער וועראנדע, איז די שמחה אנגעגאנגען. תימנער ווייבלעך, תימנער מענער האבן אין ראד זיך געהאלטן פאר די פינגער ווי קינדער. ר׳ ניסן, א צעיאכמעטער האט געביסן דאס צעפליקטע בערדל. בלויז ס׳ווייב, נעמי, איז געבליבן טרויעריק. א חסד, ס׳מצוה־טענצל,

וואָס האָט אונטערגעהויבן יונג און אַלט, וואָס האָט אָפּגעשטעלט דאָס שאַרן מיט די פיס און אַלעמענס פּנימער האָבן זיך צעשײַנט.

פון יענער זײַט וואַנט האָט זיך געהערט אַ סקריפּ. די טיר, וואָס האָט געפירט צום חדר־מיוחד האָט זיך אויפגעפּראַלט. און אויף דער שוועל איז געשטאַנען יפת, אַ צעשויבערטער, באָרוועס, אין די בלויזע הויזן, אויפן בלאַסן פּנים — אַ העויה, ווי ער וואָלט זיך געיאָגט נאָך אַ גנב.

דער איבערגעשראָקענער עולם האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט, ווי ס׳וואָלט געפאַלן אַ דונער.

— וואָס איז?

— וואָס איז, חתן?

ס׳האָט גענומען עטלעכע רגעס ביז יפת האָט געהאַט דעם גאַנצן עולם אַרום זיך. ער האָט אַרויסגעפּלאַצט:

— זי איז נישט קיין בתולה!

— וואָס איז זי נישט? — זענען אָנגעלאָפן קולות.

— שקר!

— אַ בלבול אויף מײַן יתומה! — האָט אַ הויכע תימנקע זיך צעקוויטשעט איבער אַלע פיר עקן פון חדר.

— אַ שפיכת דמים!

— ס׳ליילעך! ווייזט אַהער ס׳ליילעך!

— מען קען רופן דעם רב! — האָט אַ מחותן זיך געגאַרגלט.

— ווו איז דער רב?

יפת, וואָס האָט אין טומל אויפגעריסן אַ פענסטער, וועלנדיק אַרויסשפּרינגען, איז הינטערווײַלעכץ פאַרהאַלטן געוואָרן פון עטלעכע פאָר הענט, וואָס האָבן אים געצויגן פאַר די הויזן, פאַרן הינטן.

שבח פון פאָרנט, הינטער אים אַ גאַנצע עדה, זענען נאָכגעגאַנגען דעם חתן אין חדר־מיוחד און מיט אַ פּאַטשעריי געשריגן:

— מען קען בודק זײַן.

— מען דאַרף בודק זײַן!

חורבות

אַ פערטל נאָך פינף, ווען אין אַרבעטער־קיך איז נאָך קיינער נישט געווען צום נאַכט־עסן, איז אבנר שוין געזעסן און „שטודירט" אינם „מעניו" אַריין, ווי אין אַ רייזע־פּלאַן. די דערלאַנגערין האָט פּינקטלעך צוגעטראָגן די געריכטן. אבנר האָט געריקט פון זיך איין טעלער נאָכן צווייטן. נישט דער סאַלאַט, נישט דער איינגעזויערטער קרויט, אַפילו דער בוראַקן־באָרשט — קיין מאכל האָט אים נישט געשמעקט. ער איז געבליבן זיצן מיט אַ ציין־שטעכער אין מויל. אי דאָס, וואָס דער אַפּעטיט איז פון אים אַוועק, אי דאָס, וואָס ער עסט שוין חדשים אויף באָרג — אבנרן איז ס'עסן נישט באַקומען. און ווי ער איז געזעסן מיט אַ ליידיקן מאָגן, האָט אין מח דערווייל זיך געוויקלט אַ חשבון מיט זיך אַליין:

פינף יאָר לעבן אין עמק, זיבן יאָר אין גדוד־העבודה. נישט נאָר די צוועלף יאָר פון פרייד, פון פאַרגעסנקייט, יאָרן, ווען מען וואַרפט אַראָפּ פון זיך די עלטער, מען גייט צוריק אַריין אין אַ וועלט פון קינדהייט, נאָר אויך אַ לעבן, וואָס רייסט איבער מיט דער אַלטע־לעבער גרויקייט, מיט דער מורא פאַרן מאָרגן. אַזאַ לעבן האָט אבנרן געשטעלט אויף די פיס, געגעבן אַ זין.

גלייך נאָכן אַראָפּגיין פון שיף, האָט אבנר דערשפּירט דעם „תכלית", ס'ווידערגעבורט פון ארץ־ישראל. אַ באַגייסטערטער האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אויפבוי־אַרבעט, אין עתלית, ביים ים־המלח, אין תל־מאָנד. ביי יעדן אויספלוג אין עמק, ביי יעדן אויפמאַרש נאָך גליל — אבנר איז געווען אַ מיטגייער. און דאָ, ווו יוחנן פון גוש־חלב האָט געפירט זיין אויפשטאַנדס־אַרמיי קעגן די רוימער, האָבן אבנר מיט חברים איצט געפּלאַסטערט שטיין־שאָסייען.

אבנר האָט ערשט געציילט דאָ דעם ערשטן יאָרצענדליק און געזען ווי די באַגייסטערונג שעפּט זיך אויס, ס'פייער לעשט זיך. נישטאָ מער די חלוצישע התלהבות, מען לויפט פון קיבוץ אין דער קאָלאָניע, פון דער קאָלאָניע אין שטאָט. אבנר האָט געבענקט נאָך די טעג, ווען פרייד האָט געשטעקט אין יעדן גאַסן־טאַנץ. ווי א רעדל — דאָרט א הורא. נישט קיין דמיון איז עס געווען, וואָס גראָד אינם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן יידן אָנגעהויבן דעם צוריקמאַרש נאָך ארץ־ישראל. ס'איז געווען א געזונטער איבער־פּלאַנץ, ווען מענטשן האָבן הינטער זיך געריסן וואָרצלען, האָבן געבענקט נאָך א ריינעם הימל און א טרוקענעם מאַלצייט. אפילו אין לבוש איז געווען א רעאַקציע. בעסער א נע־ונדניק, אַן אָפּגע־שליסענער „גרודניק", איידער א „לעוואַנטינער" אין א פראַק.

אבנר האָט זיך איבערגעוועקט. וואָס פאַר א שייכות האָבן די נעראַנקען מיט דעם, וואָס ער איז באַלד א יאָר אָן ארבעט? ער קומט ווי א קעסט־בחור דריי מאָל א טאָג אין ירושלימער אר־בעטער־קיך? לעבט אויף באָרג? און אויב די פרייד לעשט זיך ביי אים, פּונקט אַזוי גיך ווי זי צינדט זיך, איז עס דאָך זיין שולד, וואָס קיין זאַך היטערט אים נישט, וואָס דער טרויער שווערט אי־בער אים און ברענגט אים צו אַזוינע אומעטיקע אויספירן? מען דאַרף ס'לעבן נעמען לייכטער, אויבערפלעכלעכער, און די חדוה, וואָס פאַרנעמט דאָס אָרט פון עצבות, נעמט צוריק ריינען דורך אַלע מוסקולן.

אבנר האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט צוגייענדיק צו דער קאַסע, געהאַלטן אין האַנט דעם שפּייז־צעטל און געוואַרט, דער קאַסירער זאָל ס'עסן נאָטירן אויף זיין קאָנטאָ. די דערלאַנגערין, וואָס האָט די גאַנצע צייט פאַרדעכטיק נאָכגעקוקט, האָט זיך איצט באַוויזן הינטער זיינע פּלייצעס. זי האָט א ווונק געטון צום קאַסירער מיט א מינע, ווי מען שיפרירט א געהיימען צייכן, און איז אָפּגע־טרעטן.

דער קאַסירער אין ברילן, א בלייכער און טרוקענער, ווי אַן אויסגעצערט ברויט, האָט געקוקט אויף אבנרן דורך די פּירעקיקע געשליפענע גלעזלעך, און ס'איז אים ענג געוואָרן אויפן אייגענעם

זעסל. ער האָט זיך געדרוקט אַהין־אַהער, מיט אַ העויה פון אַ קרעד־מער, וואָס גייט פאַרטיידיקן זיין האָב.

— חבר, מיר קענען נישט באָרגן ווייטער.

— וואָס? — האָט אבנר איבערגעפרעגט.

— איר, חבר, דאַרפט עס נישט שלעכט אויסטייטשן — האָט דער קאַסירער זיך געקוועטשט — אַ קאָאָפּעראַטיווע קיך... מען ווערט פאַרענגט...

אבנר האָט אַ קוק געטון אויפן קאַסירער אי מיט הכנעה, אי מיט פאַראַכטונג, הערנאָך אַפּגעמאָסטן די דערלאַנגעריננס, וואָס האָבן איילנדיק באַלאַגסירט מיט די טעלערס אין די הענט, זוי דראַט־גייערינס. ער האָט געקוקט אויף די שורות טישלעך, וואָס זענען ס׳רוב געווען אַרומגעזעצט מיט אויסגעהונגערטע, אַרומ־געוואַשענע פועלים. מיט די נאָז־פליגל האָט אבנר נאָך אַ שנאַפּ געטון די ריחות פון הייסע גרינס־זופּן און געקאַכטע אַרבעס, און איז אַרויס אויף דער גאַס.

ס׳האָט אים נישט פאַרדראָסן אויפן קאַסירער. דער אַפּזאָג האָט געמעגט קומען מיט צוויי חדשים, מיט דריי חדשים צוריק. ער, אבנר, וואָלט זיך נישט קענענגעשטעלט. ער וואָלט זיך גליך אַפּגעטראָגן, נישט געווען ביי אַלעמען, דאָ אין אַרבעטער־קיך, און איבעריקער.

ס׳איז געווען טונקל. די יפוער גאַס, וואָס שניידט ירושלים אין צווייען, האָט נישט געלויכטן אונטערן שיין פון די עלעקטרי־שע לאָמפּן. די טראָטואַרן — שיטער פון דורכגייער. פונם קוואַד־טאַל זכרון־משה האָבן זיך באַוויזן קופּקעס יידן פון פאַרשידענע עדהס. דאָ אַ הייפל אשכנזים, דאָרט עטלעכע ספרדים אין קאָלירטע כאַלאַטן. תימנער, אויסגעדאַרטע, אויסגעקוואַרטע אין זייער אָרע־מען הילוך.

פון אַ געסל איז אַנגעריטן אויף אַ פרדה אַ בוכאַרער זקן אין אַ רויטער פעסקע. ער האָט געהאַלטן אין ביידע הענט אַ בראָנ־פאַן פול מיט גן־עדן־ניסלעך, און בשעתן רייטן האָט דער פראַנז אויף דער פעסקע זיך געבאָמבלט ווי אַ טראָלד.

אבנר האָט זיך אַפּגעשטעלט אַקעגן „רוסישן פּלאַץ". איינמיטן

פלאץ צווישן ברייטע גראז־פלאכן האט זיך ארויסגעהויבן א צעפליגלטע צערקווע מיט אנגעווארפענע קופאלן ווי יארמעלקעס. צלמים האבן זיך געשניטן פון די קופאלן, האבן געקרייצט דעם הימל און דערמאנט, אז אין טבור פון ירושלים, שטעקט א נעסט פון פראוואסלאווניע.

פון א פינסטערער עפענונג, ווי פון א גזירים־הויז האבן זיך ארויסגעשאטן א טשאטע פאפן, מיט בערד ווי באיארן, אין שווארצע סוטאנעס, שטילע, גאטספארכטיקע האבן זיי געצויגן צו דער זייט פון דמשק־טויער.

אבנר איז פארביגעגאנגען די צערקווע, דערנאך פארביי דאס אפענע קאפע הויז, פון וואנען ס'האט ארויסגעקנאלט א לעבעדיקער דזשאז־ארקעסטער. ער האט זיך פארהאלטן ערשט ביים עק גאס און א נאכגעלאזטער געבליקט ארום זיך אין חושך. פון איין זייט — דער מגדל־דוד, וואס האט זיך געהויבן ווי א צעטורעמטע פעסטונג איבער א שאול תחתיה, פון דער אנדערער זייט — דאס יפו־ער טויער, ווו מען טרעפלט זיך בארג־אראפ צו דער אלט־שטאט.

ירושלים דארף מען זוכן צווישן די חומות, ווו א מויער קייטלט זיך איבער א מויער, א וואנט קלעטערט איבער א וואנט, און דאס פאכן פון טליתים, סוטאנעס און אבאיעס פלאטערט ארויס פון יעדער שפארע.

ירושלים דארף מען זוכן אין די חורבות, ווו ס'האבן מלחמה געהאלטן יהודישע אריסטאקראטן מיט זעלאטן, ווו יהושע בן־גמלא איז פארגאנגען אין בלוט. מען דארף זי זוכן אין די פעלזשפאלטן, ווו ענן איז געפאלן פון אייגענע ברידער־סיקריקן.

אבנר האט געקענט ס'ירושלים פון אנטיוכס, ווען חשמונאים האבן געבראכט געצנדינערישע במות. ער האט געקענט ס'ירושלים, ווען טיטוס האט געשטויסן זיינע חיילות אין די יהודישע מערות, אום זיי דערנאך ארויסצופירן ווי זיגער דורך דעם בויגן־טויער אין רוים. ספקות האבן אבנרן געצערט, א יארהונדערט מער, א יאר־הונדערט ווייניקער. און אין פארלויף פון דער גאנצער יהודהאישער אומאפהענגיקייט, ווען גריכישע און רוימישע אימפעריעס האבן אראפגעשלידערט יידישע מלכים, האבן פארוואנדלט שרים

אין שקלאפן, האבן געשטויסן ס'פאלק אין „גלות" — איז ירושלים געלעגן א צעשניטענע, פארטרונקען אין בלוט.

אבנר האט זיך אויסגעטשוכעט. ווו פארקריכט ער? און אז מען שפרייזט איבער א ירושלימער געסל, מוז מען אנקומען צו אזעלכע פארגלייכן? מוז מען בלעטערן אין עבר?

ער האט זיך פארהאלטן אינמיטן וועג, מיטן געשטעל פון א מענטש, וואס שטייט זיכער אויף דער ערד. ער האט זיך אויסגעדרייט און איז צוריק ארוים פון דער טונקלקייט. ס'ליכט פון די גאס־לאמפן, האט אים א שלאג געטון אין פנים אריין, מיט אזא בלענדעניש, אז ער האט נישט באמערקט, ווי א הויכע פיגור גייט אויף אים אן.

— אבנר!

— דו גאר, בן־עמי? האט אבנר דערקענט א חבר, אן אלטן חלוץ פון חולדה — ווו שטעקסטו היינט, אלץ צווישן די למד־וואוניקעס?

— אונז חלוצים רופסטו „למד־וואוניקעס" — האט בן־עמי, לאנג ווי דער שבת־הגדול, אים א לייג געטון אויף דער פלייצע — עך אבנר, לאכסט פון דער וועלט. האסט פארגעסן, אז ביסט אליין אויך געווען אין שרון א קבוצניק.

— כ'האב נישט פארגעסן, בן־עמי.

— וואס ביסטו היינט אין ירושלים, א פקיד? א שטייער־מאנער אין קרן־היסוד?

— כ'בין אויף צרות.

בן־עמי האט אריינגענומען אין זיינע דלאניעס אבנרס קאפ און אים אויסגעדרייט צו דער זייט, ווו דער לאמפ־ שיין איז געפאלן:

— טאקע! זעסט אויס ווי אן אפגעשלאגענע הושענה. וואס? „וועלט שמערץ"? קבוצניק מיינער!

— ס'איז מיר טרויעריק.

ווייל דו פלאנטערסט זיך צופיל אין די חורבות, אין די שטיינער, שלימזלדיקער „אינדיווידום" — האט בן עמי געקלאפט אבנרן איבער די אקסלען — און אז דו ווילסט דורכאוים חורבות,

קענסטו דען זיי נישט געפינען אין חולדה, צי אין באר־טוביה? דער חילוק איז נאר, וואס, אז מען האט חולדה צי באר־טוביה איינמאל פארברענט, בויט מען זי אויף א צווייט מאל, און די ירו־שלימער לעבער, די הייזן, בלייבן ווי אפענע וואונדן, וואס ווארטן משיחים זאלן אין זיי געבוירן ווערן.

אבנר האט געקוקט אויף זיין חבר און איז אים מקנא געווע', וואס ער נעמט אויף אלץ אזוי איינפאך, געזונט. ער האט זיך דערפילט שוואך. און עס וואלט געוואלט גענוג געווען, בן־עמי זאל אים אננעמען פאר א האנט, און אבנר וואלט זיך געלאזט פון אים פירן.

דער הויכער בן־עמי האט ארומגענומען זיין חבר:

— נישט פאר אונזערס א מענטש די שטאט. הינטער אונז — צעריסענע בריקן, פאר אונז — נייע שטחים איינצונעמען. ווער עס פארזוכט איינמאל די ווארעמקייט פון עין־חרוד, די הפקרות פון א בית־אלפא, קען זיך שוין דא נישט ארייננפאסן. קום אין דער קבוצה, אבנר, דא פארלירסטו ס'גלייכגעוויכט, וואקלסט זיך. און פון וואקלעניש ביז יאוש, האב איך מורא, איז איין שפריז.

די נאכט האט זיך געהויבן איבער ירושלים א טיפע און טונ־קעלע. א גלאס האט זיך צעקלונגען. פון דער טונקלקייט האבן זיך ארויסגעשניטן בערג־אוואלן, קלויסטער־שפיצן, ווענט ווי רוימישע ארקאדיען. אלץ האט זיך צונויפגעגאסן מיטן חושך.

אבנר האט ארויפגעלייגט די האנט אויף זיין חברס אקסל. ביידע האבן אריבערגעשפרייזט דעם תחום, וואס הויבט זיך אן ביים יפוער טויער און מונטערע זיך געלאזט צו גיי ־ ירושלים.

יציאת-מצרים

וואָס לאַנגזאַמער דער נאַכט-צוג האָט זיך גערוקט פון קאַיראָ נאָך קאַנטאַראַ, אַלץ אומרואיקער איז וורצל געוואָרן. ער האָט זיך איינגעקאָרטשעט אין אַ ווינקל פונם קילן וואַגאָן, דאָס סאַמעטענע בערדל האָט ער אַריינגעפּאַסט אינם אויפגעשטעלטן קאָלנער, און זיך פאַרטיפט אין אַ בייכיק בוך — אַ וועגווייזער פאַר עגיפּ-טאָלאָגן.

דער בליק האָט געצויגן צום פענסטערל, ווו ס'פינצטערניש האָט געשלונגען שטחים. אפילו דאָס בייטן זיך פון דער לאַנדשאַפט, אַנשטאָט פאַריסענע פאַלמעס — קאַקטוס-געפלעכטן, שטאָט אויס-געפּלאַסטערטע וועגן מדבר-שליאַכן, האָט אויף אים אַנגעוואָרפן אַן אומעט. וורצל האָט פּמעט פאַרגעסן, דאָס ער רוקט זיך צו דער ארץ-ישראל-גרענעץ, ער גייט אַריבער פון איין קאָנטינענט אויפן צווייטן. פאַר די אויגן האָט ער געהאַט די לאַנדקאַרטע, ווו ס'שליסט זיך אָפּ אַפריקע און ס'נעמט זיך ציען אַ שמאָלער פּאַס אַזיע.

ס'ערשטע מאָל ווי וואָרצל טראָגט זיך קיין ארץ-ישראל. פאַר אים איז דער איבערגאַנג קפיצת-הדרך. נישטאָ קיין מחיצה, נישטאָ קיין תחום. דאָס זיץ-אָרט פון די בני-ישראל האָט זיך געצויגן פון טייך נילוס ביז אַריבער דעם ירדן. און ווען משה וואָלט נישט איינגעריסן מיט פרעהן, וואָלט ס'יידישע פאָלק היינט געוווירט-שאַפט איבערן פעטן לאַנד מצרים.

וורצל איז געווען אַ קאַירער סוחר, געהאַט אַקציעס אין דער עגיפּטישער וואַטע-פּראָדוקציע. אַליין איז ער געקומען פון ליטע מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק. דעם איינציקן, אַכצן-יעריקן זון האָט ער אַוועקגעשיקט נאָך ארץ-ישראל, אַזויערנאָך פאַרוואָרפן אַ

בריק, גענומען קניפּן פעדים צווישן מצרים און כנען. פון יאָר צו יאָר זענען די רוחים ביי וורצלען געוואַקסן און, ווען ער איז געוואָרן גאָר רייך, האָט ער אין די פרייע צייט זיך פאַרנומען מיט נאָכפאָלגן די פאַרשונגען פון די רעמסס־דינאַסטיע, מיט די אויסגראַבונגען אין לוקסור. אויב דאַרווין האָט אַנטדעקט דעם אורשטאַם פונם מין מענטש, איז העראָדאָטעס געווען דער פאָטער פון דער עגיפּטאָלאָגיע. ס׳האָט וורצלען בלויז גענערגערט, וואָס די עגיפּטאָלאָגן האָבן נאָך נישט פעסטגעשטעלט, צי די היינטיקע עגיפּטער זענען דער אָפּשטאַם פון די אַמאָליקע מצרים, צי פון פּיראַטן־באַנדעס, וואָס האָבן פאַרכאַפּט ביידע ברעגן פון נילוס.

וורצלען האָט אויך פאַרדראָסן, וואָס דער שכנותדיקע ארץ־ישראל, וווּ מען איז פאַרקאָכט אין בנין הארץ, האָט ווייניק חוש פאַר אַרכעאָלאָגיע! באַלד זיך אָבער געטרייסט מיטן אויספיר, אַז אַרכעאָלאָגיע, ס׳גראָבן חורבות, שטייט אין ווידערשפּרוך מיט ציען מויערן, מיט שאַפן אַ מקלט פאַרן יידישן פאָלק.

די באַן איז געלאָפן דאָ צווישן טונקעלע פעלדער, דאָ צווישן מדבר־בערג, וווּ איינצעלנע ליכט־סיגנאַלן האָבן אויפגעפלעמט אינם חושך. באַלד האָט דער לאָקאָמאָטיוו גענומען ניין לאַנגזאַמער, סאָפּען און אָפּגעשטעלט דעם אָטעם אויף אַ קליינער סטאַציע.

אויפן וואָקזאַל האָט געטומלט. טרעגערס האָבן געריסן די געפּעק. הויכע סודאַנער אין ווייסע בורנוסן האָבן געשטופּט אין די וואַגאָן פענסטער פּאַפּיראָסן, סענדוויטשן, שאָקאָלאַד. אַ לאַקיי, טונקל ווי אַן עטיאָפּ, אין אַ פעסקע האָט איינגעלאָדן די פּאַסאַזשירן אין שפּייז־וואַגאָן.

וורצל האָט אַרויסגעקוקט אויפן וואָקזאַל און זיך געכאַפּט, דאָס ער געפינט זיך שוין אין איסמאַאיליע, אַ שטאָט איבערן סועץ־קאַנאַל, ס׳האָט אים געוווּנדערט, וואָס אין אָט דער ריין־עגיפּטישער שטאָט האָבן מיטאַמאָל זיך באַזעצט פופציק טויזנט ציווילע ענגלענדער, זיי זאָלן קענען וואַכן ביי טאָג און ביי נאַכט איבערן קאַנאַל.

וורצל האָט געעפנט זיין האַנט־וואַליזע און געכאַפּט אַן איבערביים. קאָלבאַס, ווייסע זעמל, אַ זויערע אוגערקע. און ווען קרישקעס עסן זענען אים נאָך געלעגן אויף די ציין, האָבן זיך

מיטאמאָל געהערט אומגעהוירישע קוויטשערייען, וואָס האָבן גע־שניטן די אויערן. ער האָט זיך אַ בויג געטון איבערן פענסטער. פונם וואָקזאַל, זענען אַנגעלאָפן אַ טשאַטע אַראַבערקעס מיט פאַר־האַנגענע פנימער און געפּישטשעט מיט געקרייזלטע קולות. וורצל האָט זיך געחידושט. אַזוינע קולות הערן זיך נאָר ביי מאַכמעדאַ־נישע צערעמאָניאַלן. איז עס אַ חתונה? אַ לויה?

ער האָט אָן עפן געטון די טיר פונם צווייטן וואַגאָן. אַן עדה אַראַבער מיט אונטערגעשווירענע בערד ווי ביי יונגע חסידים, זענען געווען אויסגעזעצט אין זייערע יום־טובדיקע, קאָלירטע אַבּאַיעס. זיי האָבן געהאַלטן פאַרהאַקט די אויגן, געפּליסטערט מיט די ליפּן, ווי געפּייניקטע קדושים. און אַרום האָט געקאָכט אַזאַ שטילקייט, גלייך זיי וואָלטן זיך נישט געפונען פאַר אַ וואָקזאַל, נאָר צווישן די ווענט פון אַ מעטשעט.

וורצל האָט געוואָרפן מיט די אויגן, נישט פאַרשטייענדיק, וואָס פאַרא שייכות האָבן די שרייערקעס אינדרויסן צו די פּאַסאַ־זשירן. אַ מאַן אין אַ פלאַטשיקער פעסקע, מיט אַ פאַרדעכטיק סע־מיטיש פנים האָט זיך אונטערגערוקט. ער האָט אָנגעהויבן אויף אַראַביש:

— וואָס גאַפט איר אַזוי? דאָס זענען פּילגערים נאָך דער הייליקער מעקאַ. זיי פאָרן טאַקע איצט נאָך העדזשאַס. און די באַ־גלייטערינס אינדרויסן שיקן מיט אַ ברכה.

ווי נאָר וורצל האָט זיך צוריקגעזעצט אויף זיין אָרט, איז דער מאַן מיט דער פעסקע שוין געווען זיין שכן. מיט דעם ביימשל קאָראַלן, וואָס ער האָט געהאַלטן צווישן צוויי פינגער און זיי אי־בערגעקליבן איינציקווייז ווי שטיקער פערל, האָט ער אַ שמיץ גע־טון וורצלען איבער דער רעכטער קני.

— אַ יהודי?

— וואָס דען, אַ ישמעלי? — איז וורצלען קשה געווען דעם פרעמדנס חוצפה — וואָס האָט אַ ישמעלי צו זוכן אין ארץ־ישראל?

— איר פאָרט נאָך ארץ־ישראל? — האָט דער מאַן צעפּראַלט אַ פּאָר אויגן.

— מיר זענען באַלד ביי דער גרענעץ — האָט וורצל אַ וויז

געטון צום פענצטער, ווו אין חושך האָבן זיך פארבייגערוקט נאַ־קעטע מדבר־בערג — און איר, ווו שטייגט איר אָפּ?

— אין קאַנטאַרא. כ׳פּאָר אויף אַ חתונה.

— איר ספרדים, זייט אַנדערע יידן, אַנדערע נשמות — האָט וורצל מיט איין קוק אָפּגעווויגן דעם שכנס ווערט — קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל, סאַלאָניקי, קאַאירא — אומעטום וועט איר זיך קלייבן קהלותווייז, נאָר נישט אין ארץ־ישראל.

— אין אַלעקסאַנדריע זיץ איך — האָט דער ספרדי, וואָס האָט מיטאַמאָל באַקומען אַ יידישע באַרוועג, זיך פארענטפערט — און נישטאָ זיך וואָס צו שעמען מיט דער שטאָט. אַן עיר ואם בישראל. חוניו האָט אַמאָל אַ בית־מקדש דאָרט אויפגעשטעלט.

פון וורצלס הענט, וואָס זענען געווען צוזאַמענגעפּלאַכטן, האָט זיך ארויסגעגליטשט דער בייביקער ווענגעוויידזער. ער האָט געדרייט צוויי גאָלדענע רינגעלעך אויף די פינגער, ווי די הויט וואָלט אים געביסן. נישט מער ווי מיט איין אויג־פינטל האָט ער צונישט גע־מאַכט די אַלעקסאַנדריער קהלה, וואָס זיצט אין אַ תחום, זעט ווי אונטער דער נאָז וואַקסט ארץ־ישראל און וואַרט אויף די נייע חוניום.

ער האָט געשפּעט:

— און וואָס איז געבליבן פון חוניום ווערק? אַ חורבה. און וואָס איז געבליבן פון די ישיבות אין בבל? חורבות!

צי פון תמימות, צי פון גלייכגילטיקייט, דער ספרדי האָט אָנ־געשטעלט אַ פּנים פון אַ שאָף. די באַן איז געלאָפן צווישן נאַקעטע זאַמד־בערג מיט אַ רעדער־געקלאַפּעריי, וואָס פארוויגט. דורך די פארמאַכטע וואַגאָן־שויבן האָט אַריינגערעגנט מיט צעגליטן מדבר־שטויב, אַז די פּאַסאַזשירן האָבן זיך צוזאַמענגערוקט ווי פּאַר אַ האָגל!

דער ספרדי האָט געלאָזט פאַלן:

— מיר פאָרן איבערן מדבר סיני.

וורצל האָט זיך אַ רוק געטון צום פענסטער, געקוקט אינם חושך און איז זיכער געווען, דאָס די באַן קייטלט זיך אויף די זעלבע שליאַכן, ווו ס׳האָבן אַמאָל געצויגן די קאַראַוואַנען פון די

בני־ישראל. דאָ ציען זיך די פּעדים פון יציאת מצרים ביזן אריינ־מאַרש נאָך ארץ־ישראל. דאָ קען אויך קיינער נישט נענוי אָנווייזן, ווו ס'איז באַשאַפן געוואָרן דאָס גאָלדענע קאַלב און ווו ס'איז געווען דער מתן־תורה. וואָס ס'האָט וווּרצלען געערגערט, איז דאָס, וואָס אינם מדבר סיני האָט ענגלאַנד אריינגעזעצט אַ הערשער ווי אַ געץ, ווי אַ סטראַשידלע פאַר די בעדואינער־שבטים. דערמיט טוט זי, ענגלאַנד, פאַרפלאַכן געשיכטע, נעמט שפּאָטן דעם פּרימיטיוו, פאַלירן ווילדקייט, פונקט ווי מען כאַפּט אַ צעווישעטן יאָג־קעמל, צי אַ ריט פערד און מען וואַרפט אויף אים אַרויף אַ צוים.

די טראַכטונגען האָט וווּרצל דעם ספרדי נישט איבערגעגעבן, געוווסט, אַז זיינע אויערן זענען פּאַרדעקט מיט הייטעלעך. וואָס ער האָט יאָ געזוכט אין וואַגאָן, איז אַ געהער, וואָס זאָל זיין טענה פאַרנעמען. אויב ער, וווּרצל, גייט נאָך ארץ־ישראל, טראָגט ער מיט זיך מיט קערנער, רייפע זאַמען. אַלץ איינס זוי אַזוי ס'איז דער צוגאַנג. עבר, עתיד. אויסגראָבן אַלטן גראַניט, צי אַרויפטורעמען ציגל־שיכטן. און אויב ער טויג נישט צום קלעטערן אויף די רויש־טאַוואַניעס, איז ער אָבער גוט צו גראָבן זיך ווי אַ קרעט אין דער טיף.

וווּרצל האָט געטראַכט וועגן די אַלטע עגיפּטער, וואָס האָבן געזאָגט: אונזערע הייזער זענען צייטווייליקע, אָבער אונזערע קברים זענען אייביקע. געטראַכט, אַז זיין זון — אַ לעבעדיקער ווי־דערשפּרוך — וואַרט אים צפּ אויף דער גרעניץ! ער וועט זיך פאַר אים שטעלן, דער זון, ווי אַ פראַגע־צייכן — מיט וואָס קומסטו, טאַטע? הינטער אונז די פאַרזונקענע סדום ועמורה, פאַר אונז — נייע פלאַכן. און אויב נישט דעם הייגט, טאַטע, דעם מאָרגן האָבן מיר בייגעקומען.

וווּרצל האָט געקוקט אויפן שכן, דעם ספרדי, וואָס איז געזעסן אויף זיין קופערט, האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ הינטער זיך, געכראָ־פעט. אַ הייזעריקער פייפל האָט זיך דורכגעשניטן. די באַן האָט לאַנגזאַמער געפרייכט.

אין דער אויפגערודערטער וואַגאָן־טיר האָט זיך באַוויזן אַ זקן, מיט אַ ווייסער ציגן־באָרד. דער זקן דאַר און קוואַר, איז געווען

איינגעוויקלט אין א טלית. די צעשראָקענע אויגן האָט ער געוואָרפן צווישן די פּאַסאַזשירן, געזוכט אַן אייגן פּנים. און אַז דער בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף וורצלען, איז דער זקן געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך, גלייך ער וואָלט זיך גענייִשובט. יאָ צוגיין, נישט צוגיין?

וורצל איז זיכער געווען, דאָס ער האָט געפּאַקט אַ באַגלייטער בײַן ארץ־ישׂראל, דער זקן, אַ תימנער איז נישט קיין מצרי. וואָס טוען תימנער אין מצרים?

ער האָט געמאַכט נעבן זיך פּלאַץ און געפרעגט אין העברעאיש:

— איר פאָרט נאָך ירושלים?

די אויגן ביים זקן האָבן געשמייכלט פונם היימישן קלאַנג, פונם לשון. ער האָט געענטפערט אַן אַנצייניק מויל:

— אַ געבוירטיקער בין איך אין ירושלים. אָבער וווינען וווין איך אין אל אריש. כ'פאָר טאַקע אהין. כ'בין דאָרט דער איינציקער יהודי.

— וואָס האַלט איך אין אל אריש? אין דער מדבר? — איז וורצל חושד געווען דעם זקן, דאָס ער געהערט צו איינעם פון די צען פאַרלוירענע שבטים, וועמענס געביין איז נישט געוואָרן אויף יענער זייט סמבטיון.

דער זקן האָט זיך צוגעזעצט, האָט מיט רחבות צעשפּרייט דעם טלית, דערנאָך אַ גלעט געטון די שיטערע ציגן־באָרד, וואָס איז איינגעלאָפן ווי אַ צעפּל.

— כ'שטעק שוין אַ פופציק יאָר אין דער מדבר, לעב פון בהמות און עופות־צוכט. אהערגעקומען בין איך אַ בחור, דאָ חתונה געהאַט. כ'בין אליין סופר, מוהל, שוחט און חזן. אויסער מיינע בני־בית און נאָך צוויי משפּחות, געפינט מען אין דער גאַנצער געגנט קיין איינעם פון די בני־עמנו.

— און איר קומט אַמאָל נאָך ארץ־ישׂראל?

— אויף פּסח, אַז ס'ווערט דאָ אומהיימלעך, בין איך עולה־רגל נאָך ירושלים.

וורצל האָט נישט באַנומען איין זאַך. ווער דאַרף אַזאַ קרבן? איז דער זקן אַן איבערבלייב פונם דור־המדבר? אָדער וויל ער

אויפשטעלן א דור פון יידישע בעדואינער? אויב נישט ס׳ערשטע, נישט ס׳אנדערע, ווער דארף דא א נייעם תחום?

די באן האט זיך געשטעלט. אין איילעניש האט וורצל גע־כאפט איין וואליזע אין דער רעכטער האנט, דעם מאנטל, שטעקן, הוט אין דער לינקער האנט. און ווען ער איז אראפ פון די טרעפלעך, האט פאר די אויגן א בלענד געטון די וואקזאל־אויפשריפט: קאנטארא.

וורצל האט נישט געהאט נעבן זיך, נישט דעם זקן, נישט דעם ספרדי. די אראבישע טרעגערס, וואס האבן זיך געפלאנטערט פאר די פיס און געוואלט אויסכאפן די איינציקע וואליזע, האט ער אפגעטריבן.

א בארוועסער פארשוין, א מאגערער און קודלאטער, מיט פאות, ווי געפלאכטענע שטריקלעך, האט אים נאכגעצויגן. און ווען וורצל איז צוגעקומען צום אפענעם קאנאל, ווו מען שיפט זיך אריבער אויף דער צווייטער זייט באן־ליניע, האט דער פאר־שוין אים פארהאלטן:

— כ׳בין אויך א יהודי. גיט עפעס צו פארדינען.

— א יהודי? — האט וורצל זיך גוט איינגעקוקט אינם פרעמדן, צי ער נארט אים נישט — טא נעם ס׳געפעק. וויפל ווילסטו?

די וואליזע איז שוין געזעסן אויפן טרעגערס אקסל.

— פערצן פיאסטער.

— כ׳גיב נאר צען.

— צוועלף, אדון.

— פארוואס צוועלף? — האט וורצל נישט געלאזט זיך באריסן.

— צוועלף זענען געווען שבטים, אדון. צוועלף פיאסטער.

וורצלען איז אזוי געפעלן געווארן דעם טרעגערס ענטפער, אז ער האט אים תיכף באצאלט ס׳געבעטענע.

אויפן קאנאל איז געשטאנען א באלויכטענער מאטאר־דאמפער, געבויט ווי א אלטאנע מיט וועראנדעס, גרייט אריבערצופירן די פאסאזשירן. דער טרעגער איז ארויף אויפן דאמפער, וורצל נאך

אים. די בענק, דער דורכגאנג, אלץ איז געווען געפאקט מיט פאסאזשירן און טוריסטן וואס האבן גערעדט אויף פארשידענע לשונות. באלד זענען שווערע פרענטעם לויז געווארן, קייטן — אפגעבונדן, און דער דאמפער האט גענומען שווימען צום צווייטן ברעג.

צווישן די פאסאזשירן איז אנגעגאנגען אן אמתער מסחר. א פעטער בייכיקער פערס האט פארקויפט זיינע טעפיכער עכטע און געפעלשטע. עגיפטישע חלפנים האבן געטוישט פראנקן, פונטן, איטאליענישע לירעס. מיט פארגלאזטע קעסטעלעך אויף די בייכער, האבן זיך געדרייט פאפיראסן - סוחרים און אנגעבאטן ציגארעטן, קעמישט מיט אפיום און כאשיש. א פארדעכטיקער הינדוס האט אנגעוויזן אויף געהיימע צירונג־קעסטלעך, געשניצט פ׳ן נוס־האלץ און עלפאנטביין.

דאס אלץ האט ווורצלען נישט פארכאפט. מיט איין אויג האט ער געהיטן ס׳געפעק, מיטן צווייטן געקוקט, ווי דער דאמפער גליטשט זיך איבערן סועץ - קאנאל. א שיף, ווי א צעפליגלטע זעקס־שטאקיקע געביידע, רוקט זיך פארביי, מאכט דעם וועג נאך אינדיע.

ער האט געגאפט פאר זיך. די געצונדענע לאמפן, וואס זענען געפאלן אין וואסער, ווי קאלטע, געבראכענע שטראלן, האבן אויפגעפלעמלט, באלויכטן דעם צווייטן ברעג קאנאל, פון וואנען עס האבן געוונקן, גערופן די פיר־קאנטיקע, אשורישע אותיות: ארץ־ישראל.

ווורצל האט מיטאמאל פארגעסן אן שאמפאליאנען, וואס האט אנטדעקט די היעראגליפן־שריפט, און געגעבן א שליסל צו דער אלטער עגיפטישער קולטור. ער האט פארגעסן, אז אין בויך פון מצרים ליגן אוצרות, אבעליסקן, טעמפל־זיילן און געפילט, אז זיין אנקומען אויף דער גרעניץ, ס׳אריבערגיין פון איין קאנטינענט אויפן צווייטן, איז — יציאת מצרים.

ש. איזבאַן רושטאָוואַניעס

אינהאַלט:

	זייט
אַ חלוץ	5
אַרעסטירט	13
אַ תימנישע אסיפה	19
אַ פורים־באַל	26
אַ מבול	33
אַן אַמעריקאַנער	41
אין וואַגאָן	49
צפתער נעכט	57
אַבו־דזשילדע	64
שיך־בענדלעך	72
אַ משולח	80
איזבל	87
אויף רושטאָוואַניעס	95
אין נצרת	105
אַרבעט	112
אין שפּיטאָל	120
גאולת־הקרקע	127
אין יפוער האַפן	132
אַ פלעצל	139
אַ זיווג	149
חורבות	155
יציאת־מצרים	161